STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09996

# IKH DERTSEYL

Isaac Raboy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ראַבאָי

איך דערצעהל.

שטאָט נאָוועלען.

באַצירונגען

פון א. הערימאַן

פערלאג אמעריקא

Copyright, 1920
by
I. RABOY



דאָס בוך ווידמע איך מיין קליינעם, ליעבען בחור'ל, מאַקס ראַבאָי, וועלכער האָט, אגב, געצייכענט די אויבען געבראַכטע בילד.

א. ר.




איך דערצעהל

# אַ מתנה

## .1

זיצט ער ביי דער גמרא און פיהלט אז עפּעס ציהט איהם... מ'זאגט אז ס'דא אנדערע ספרים, אנדערע וועלטען און נאך שעהנע זאכען... אפשר ציהט עס איהם — ניין, ער ווייסט, אז דער „עפּעס" קומט פון יענעם הויז, וואו זייער שכן וואהנט. ווען דער „המליץ" קומט אן אזש פון פעטערסבורג און ער שמועסט זיך איבער מיט'ן שכן וועגען די נייעסען וואס דער „המליץ" ברענגט אין שטעדטיל, און זי דרעהט זיך ארום אויפ'ן רויטען גאניקעל...

אבער אין אמתן, איז איהם ניט קלאר...

---

זיצט ער אזוי ביים שכן און לייענט נייעסען. זעהט ער זי אביסעל נאהענטער, כמעט ביי זיינע קניעס לויפט זי דורך. און ער דערפיהלט איהר ווארעמקייט ווערט ער רויט און אט קריכט איהם גאר זייטיגע מחשבות... פע, האסט דו געזעהן אין אמת'ן ווי קומט ער צו אזוינע מחשבות? זי לויפט ארום מיט בורפעסע פיס, מיט צעפלאכטענע האר שער שבאשה... און וואס עפּעס רעדט זי, עפּעס לאכט זי אלע מאל. אפשר לאכט זי פון איהם? אפשר זיצט ער ניט גלייך. מ'דארף זי א פרעג טאן. נאר וואס איז ער עפּעס א שמעלקע מיט איהר? ער קומט דאך צום שכן...

געהט ער אין בית המדרש אריין. פאר'גנב'עט ער זיך און גיט א קוק צום פענסטער, באגעגענט ער איהרע שווארצע אויגען, איהם דאכט זיך אז ס'איז שווארצע אויגען. זי שטעהט ביים פענ־סטער.

וואס עפּעס שטעהט זי און קוקט?

א מאל האט ער אפּגעמאכט מיט זיך ארויסגעהן פון שטוב,

געהן אראפּגעלאָזט מיט'ן קאָפּ, ניט אויפהויבען די אויגען.

איז ער אזוי געגאנגען און האָט געוואוסט, אז זי שטעהט ביים פענסטער און ווארט אויף זיינע אויגען, נאָר א קוק, טוט עס איהם הנאה, לכתחלה. נאָכדעם לויפט ער, איילט זיך, און אין זיינע פּלייצעס פיהלט ער, שטעכען איהרע אויגען — לאָז זיין! אָבער, וואָס ציהט איהם עפּעס, אז ער זאָל דוקא יאָ א קוק טהאָן? ווייסט ער ניט.

## 2.

אז מ'געהט „בעלות השחר" אין בית המדרש אריין זעהט'ן ווי די ערד איז באַדעקט מיט א יונגען פרעסטעל — באַלד, באַלד, קומט דער ווינטער.

און דער בייזער שמש שאַרט מיט'ן קאטשערקאלע אין די הרובעס, קללה'ט זיך, וואָרצעט; רוקט מיט'ן קאטשערקאלע אזש ס'גרילצט אין די קישקעס, א מאָל דאַכט זיך דיר ממש איינער גריבעלט זיך מיט די נענעל ביי דיר אין בויך.

די „קלויזניקעס" רייבען זיך אין די פּאַרשמאַלצענע הרובעס, שאָקלען זיך און לערנען מיט התלהבות; די לאָמפּען הענגען ארונטערגעלאָזט כמעט ביז צו די גמראס און יעדער אות איז גרעסער, יעדער הלכה איז גרינגער, ליכטיגער.

איהם איז ניט קלערער.

דאַכט זיך, ער שאָקעלט זיך גלייך מיט אַלעמען, זינגט אונטער דער נוגען ווי אַלע, אָבער — ניין, וואָס איז מיט איהם? רייסט ער זיך צו עפּעס?

וואָלט ער ארויסנעמען פון דער בוזעם קעשענע דאָס ביכעל. חסר דעה איז ער? ווי טוט'ן אזא זאַך?

קוקט ער אין דער גמרא אריין, אָבער ער פיהלט אז דאָס ביכעל מיט'ן שענעם געלעשטען רוקען, די גאָלדענע אותיות „אהבת ציון", שטעכען איהם... כאָטש אין תוך אריין איז „אהבת" ווי דער דקדוק זאָגט — וואָס'אַרא מחשבות!

געהט ער אהיים שפעט אין דער נאכט.

שטעלט ער זיך אפ ביים שכן'ס שטוב און שטעהט לאנג ביי „איהר" פענסטער...

ס'איז אפילו פארהאנגען מיט א טונקעל פארהענגעל אבער ס'זעהט זיך דורך, אז אין חדר'ל איז אימיצער דא, עפעס לעבט דארט. שאטענס טאנצען פון אונטערן פארהענגעל. שטעהט ער גלאט אזוי. הערט ער, אז אימיצער געהט דארט ווייט אין דער גאס, עפעס גיט א שארך, שפרינגט ער אוועק פון'ם פענסטער און מאכט זיך, כלומר'שט אז ער געהט אויך.

נאכדעם ווערט שטיל, קערט ער זיך צוריק צום פענסטער, שטעהט ווייטער.

שטעלט ער זיך אויפ'ן גאניקעל וואס קעגען פענסטער, קוקט אריין אויבענארום.

און דאס הארץ קלאפט. און די צייהנער ציטערען פאר פחד. ס'זאל באטש קיינער ניט אנקומען. פע, וואס איז ער א גנב? אט, זעהט ער ווי זי צ'פלעכט איהרע האר, ווי זי טוט אויס דאס קאפטעלע, ווערט ער רויט.

און ער הערט זיך איין אין דער נאכט אריין. דאכט זיך קיי־נער זעהט ניט, איטליכער מוז שוין שלאפען...

און ס'ווילט זיך אז ס'לעמפעל זאל ברענען ביז'ן טאג אריין, זי זאל אזוי שטעהן און ער וועט זיך זעטיגען גוט איינקוקען.

און ווען זי זאל וועלען א שפרונג טאן גלאט אזוי א טאנץ טאן און ער זאל חיות ציהען. ער וויל אזוי שטעהן א גאנצע — אפשר אייביג.

נעמט זי און לעשט אויס דאס לעמפעל... אזא שוטה! און אפשר האט זי דערשמעקט, אז אימיצער שטעהט אונטער'ן פענס־טער? און ער ווערט ברוגז אויף וואס מענשען האבען אויסגעטראכט אזוינע לעמפלעך מ'זאל זיי קענען אויסלעשען ווען מען וויל...

.3

פאַלט אוים דער ערשטער שנעע.

גיעהט זיין מאַמע און מאַכט איהם ביים גרעסטען שניידער פון שטעטיל, א ווינטער פאַלטאַ'עכעל מיט א סאַמעטענעם קאַלנער, און כמעט, ווי מיט זיידענעם אונטערשלאַג און מיט גלינצערנע קנעפּ. טוט ער אַן דאָס פאַלטאַ'כעל, זינגט עס אַראָפּ פון איהם... קויפט איהם דער טאַטע א זיידענע פּאַטשיילע אויפ'ן האַלז און שרייבט איהם אוים אויש פון וואַרשא א קראַקולענע קוצמעלע מיט א גאָלד־דענעם פּעצאַט אינווייניג — א מתנה. קנייצט ער אוים ס'קוצמעלע און טוט עס אַן, גיט א קוק אין שפּיגעל אַריין דאָס ערשטע מאָל.

זאָגען טאַטע, מאַמע — מיר זאָלען דערלעבען נחת פון דיר. אי"ה גיך א שידוך טאַן און דיר מאַכען חתונה קליידער, געזונטער־הייד... — רוקט איהם דער טאַטע אונטער עטליכע קערבלעך... ווער, א סוחר... לאָמיר זעהן צו קאַנסטו געבען קמה... גענוג תורה...

גיעהט ער אַרוים אין מאַרק אַריין און דער שנעע סקריפּעט אונ־טער זיינע פים, דאָס קוצמעלע גלינצערט פון דער זון און די קנעפּ — שטעכען איטליכענס אויגען. ער זעהט מענשען; רעדט, זינגט נאָך מיט'ן בתמיה'שען ניגון. פאַרצעהלט נייעסען פון'ם בלאַט. זעהט ער ווי איטליכער קוקט אויף איהם. יעדער טאַטע וואָס האָט „מוידען" קוקט עס.

פאַרשטעהט ער אַז ס'וועט זיך באַלד אָנלויפען שדכנים. נאָר — ניין, ער וואָלט וועלען זאָגען דעם אמת... וואָס'ר אמת? וואָס וועלען טאַטע, מאַמע זאָגען ? !

אין דער פריה כאַפּט ער זיך אַריין צום שכן.

ער גיעהט לייענען, מענשען ווייסען אויך אַז ער גיעהט לייענען.

קומט ער אַריין און טרעפט ניט דעם שכן אין שטוב. זעצט ער זיך אוועק אינ'ם פאַלטאַ'כעל.

קומט זי אַריין און פרעגט איהם „דעם בלאַט"?... עפּעס קלינגט אַזוי מאָדנע די שאלה. ווערט ער רויט. זי מוז ניט וויסען

דאָס וואָס ער ווערט רויט, אפשר פון דעם פּראָס
ער צוואוויקעלט דעם בלאָט.

זי לויפט איבער די חדרים, קלאַפּט מיט די טירען און יעדער קלאַפּ קלינגט איהם אָפּ אין האַרץ. און ער וויל אַז זי זאָל זיך אוועקזעצען ביים טיש, נעגען איהם. אי, וואָלט ער געוואָרען פאַר־שעמט!

און ער לייענט, נאָר ער ווייס ניט וואָס ער לייענט — ס'לוי־פען פאַר זיינע אויגען שוואַרצע שורות.

לויפט זי דורך נאָהענט ביי זיינע קניעס. וויל ער זי עפּעס אַ פרעג טאָן, נאָר דאָס ערשטע מאָל נאָכדעם וועט ער שוין רעדען. זי וועט זיך אוועקזעצען און ער וועט רעדען, רעדען און — — פע, איז ער משוגע! זי וועט'ך אויסגלאָצען אַ פּאָר אויגען. און אפשר טאַקע מאַכען אַ געוואַלד. וועט אַריינקומען איהר מוטער, שכנים... טאַטע, מאַמע... נעהם און באַגראַב זיך.

און דאָ, נאָגט עס ביי דער נשמה, ס'רייסט זיך עפּעס...

---

שטעהט ער אין מאַרק ביי אַ פורעל און דינגט אַ זאַק ווייץ. קומט זי אויך צו צום פורעל קויפען עופות.

וויל ער שוין אוועקלויפען, זיינע באַקען פלאַמען, זיין קוצמע־לע, פּיהלט ער, דרעהט זיך אַזש. וואָס איז ער, אַ אינגעלע?...

און אַט גיט זי איהם אַ פרעג פאַר וואָס ער קומט ניט לייענען דעם בלאַט... און גיט איהם אַ קוק אָן מיט איהרע שוואַרצע אוי־גען — איצטער זעהט ער, אַז איהרע אויגען זיינען שוואַרץ — אַזש... אַ, איז דאָס אַ מיידעל! אין מיטען מאַרק, — פאַר קיינעם ניט מורא...

וועט ער קויפען דעם ווייץ און זי די עופות און זיי ביידען וועלען זיך אַזוי געהן איינ'ס נאָהענט פונ'ם צווייטען, ווי פּריצים טאָען עס, ביז אַהיימצו. פע, וואָס טראַכט זיך איהם...

נאָכ׳ן מארק גערט ער טאַקע אריין צום שכן און דאָס הארץ קלאַפּט איהם.

קומט זי אריין אין שטוב און זעצט זיך אַוועק געגען איהם מיט א זאַק און דרעהט, דרעהט...

כאַפּט ער פון בלאַט ארוים א קוק אויף איהר. זעהט ער, אַז זי טראכט עפּעס. גיט ער א הוסט און זאַגט: — איהר ווייסט, כ׳האָב היינט פאַרדינט. שאָקעלט זי מיט׳ן קאָפּ און איהרע אוי־גען לויפען ארום אונטער די זיידענע ברעמען.

זאָגט ער: — איך — — איך וויל אייך קויפען א מתנה... און נאָך עפּעס האָט ער געוואָלט זאָגען, א סך, א סך... נאָר ער האָט ניט געקענט... הויבט זי זיך אויף און גיט א לויף מיט כעס, אין איהר חדר׳ל, פאַרמאַכט מיט א שטאַרקען קלאַפּ די טיר.

בלייבט ער אליין און פיהלט אַז ער ווערט אַזש געשוואָלען פאַר חרפּה...

הויבט ער זיך אויף און לויפט ארוים פונ׳ם שכנ׳ם שטוב — לויפט, קוקט ניט ארונטער, גלייך אין בית המדרש אריין...

## אליין

די זון שטופט זיך אריין דורך דעם פארהיינגעל, ביסלאכווייז ווי עס וואלט איהר אימעצער שטערען, כאטש אין חדר׳ל איז שטיל, ניט מעהר וואס פון יענער זייט פענסטער זינגען די פויגעלעך דעם מארגען־געזאנג....

אויף׳ן בעטעל גיט זיך איהר בינטעל האר א ווארף און פון אונ־טער דעם זילבערנעם ווייסען שטערען עפענען זיך צוויי אויגען, נאר וואס אנגעצונדענע, וועלכע לעשען זיך און פלאקערען צוריק אויף, קוקען זיך ארום ווי עפעס פארוואונדערט, אפשר ציהט זיך גאר פון ערגעץ אינוועניג א בייגקעניש נאך א גוטען חלום...

אויפגעכאפט האט זי זיך, ווייל עס האט זיך איהר געדאכט, אז עס איז שוין שפעט, און זי ליגט נאך אין בעטעל, כאטש זי האט ניט געפיהלט אז אימיצער זאל זי רייסען, חנה, ח—נ—ה!... אין זיך אליין שיער, שיער ניט פארשאלטען.

נאר באלד דערמאנט זי זיך, אז די בעלי־הבתים זיינען אויף דער „פאסעסיע״, אז זי איז איצט אליין בעל־הבית׳טע, פריי און מעג ליגען אויף׳ן בעטעל מעהרער אביסעל, זיך אויסציהען, אויסגלייבען, ווי עס וויל זיך.

זי רייבט זיך אוים די אויגען, איבערצייגט זיך, אז עס איז ניט קיין חלום, ניין, זי איז איצט אליין.

און אט דא ביים פינטעלע אליין, שטעלען זיך אפ איהרע מחשבות; א גרויסען בארג דארפען זיי איבערגעהן: זי איז אליין מיט „איהם״.. זי און ער...

— נעכטען איז דאס געווען. די בעלי־הבתים זיינען אוועק אין „פאסעסיע״. זי און ער שטעהען אויף׳ן גאנעקעל. דער בעל־הבית

מיט דער בעל־הבית'טע זעצען זיך אין וואגען אריין, גיבען זיי דעם לעצטען קוק ארונטער — זייט געזונד. נעהמט זיך ביי איהר שלאגען עפעס צום ארויסזאגען — יא זאגען, ניט זאגען... אט, האט דער יא גובר געווען און אט קומט א שטארקען גיין... און אז דער טרייבער האט א מאך געטאן צו די פערד, האט זיך ביי איהר ווי א ריס געטאן, אין הארץ, נעהמט מיך אויף!... און עס איז געבליבען שטעקען אונטער דער ברוסט און אז מען האט שוין נאר אנגעזעהען א זייל שטויב, אין וועלכען עס איז אלץ פארשוואונדען, האט ער א מאך געטאן: „נו!" א לאנג אבגעצויגען „נו" איז עס געווען. און זי — ביי איהר אינוועניג האבען זיך אלץ געריסען אלערליי יאגעכצען, נאר זי האט בלויז אפגעזיפצט, שטיל אבער שווער: ה־ה־ה. און ער הויבט אויף א פאר אויגען צו איהר — א קוק... ווי א בליץ אין א פינסטערער נאכט... און שווער איז איהר געווען נעכטען דאס שלאפען געהן.

און איצט, ווען זי האט זיך אויפגעכאפט, דערמאנט זי זיך גלייך אן זיין „קוק" און, זי וויל ניט וויסען, וואס דער „קוק" האט געמיינט בכדי צו פארגעסען אן אלץ, פירט זי איבער איהרע אויגען צום פענסטער און באמערקט די זייל זונען־שטראלען, יא, פון דער טיפעניש פון אירע אויגען קוקט עפעס צום „זייל", און זי פיהלט זיך ווי געגלעט און געלאסצעט פון די זונענשטראלען. מלא חן איז גאר די זון היינט! נעכטען און אייערנעכטען און אלע טאג פון א גאנץ יאר האט די זון געריסען פונ'ם געלעגער, האסט נאך ניט געעפענט די אויגען, איז זי שוין געווען אויף דער קאלדרע, געוועקט, געריסען די אויגען... איז מען אראב און צונויפגערוקט דאס פירהיינגעל, עס זאל ניט זיין פאר דער זון קיין שפאלט, איז יענע דורך דאס קלענסטע שפעלטעל, דערמאנט, אז עס איז שוין העלער טאג און מען האט געמוזט אויפשטעהן... און הער, ווי די פויגעלאך זינגען עס היינט, א מחיה! דאס איז נישט מעהר קיין טשוועקעס אין קאפ... נעכטען און אייערנעכטען האבען זיי ווי געקריצט מיט

ציינער, זיך געבייזערט — מאך דעם סאמאוואר... מאך פייער...
דאס מעבעל דארף מען פוצען ! .. זעה, נאר, עס פעלט א לעפעל!..
ברעך ניט ! ... היינט זינגען זיי, די פויגעלאך, אזש עס ווערט זי־
סער אויפ'ן הארץ...

צווזינגט זי זיך אויך, העלפט אונטער די פויגעלעך.

און עס קומט איהר אז ווייטער יענער „קוק", וואס „ער" האט צו איהר געווארפען נעכטען אויפ'ן גאנעקעל און בכדי צו פארטריי־בען איהם שפרינגט זי אראב פון'ם בעטעל, לויפט צו צום פאר־היינג, צעשפרייט עס און גיט א טאנץ אונטער פאר שמחה. און די זייל־זונען־שטראלען גיט זי א כאפ ארום, האלזט זי... און זי צעשפרייט איהרע ארעמס ווי זי וואלט וועלען עפעס ארומכאפען... א ציטער לויפט איבער איהר פרישען לייב... געקושט האט זי זיך!..
נאכדעם טוט זי זיך אן און זינגט אונטער א פרעליך ליעדעל...

* * *

וויל זי געהן אין גרויסען חדר אריין שווער איז איהר עפעס איבערצוטרעטען די שוועל. עפעס ווי עס וואלט דא אימיצער שטעהן און זאגען : געה ניט... געה ניט !... און אז זי צערוקט די פארהאנגען טרעטען איהר ארויס גרויסע טראפענס שוויים אויפ'ן פנים... יא, זי וויים שוין. אימיצער רוימט איהר א סוד אין אויער אריין — ער זיצט דארט אין גרויסען חדר... ער... און נאך שטי־לער, אזוי שטיל, אז נאר איהר הארץ הערט עס, זאגט אימיצער — נייז, זי וויל ניט הערען, שעמט זיך..

קומט זי אריין אין חדר און ווישט זיך דעם שוויים פונ'ם פנים, וויים ניט וואס צו טאן דאס הייסט, אריינגעקומען איז זי טאן עפעס איין ארבייט, נאר צו וואס זי זאל זיך ניט נעמען, קומט אוים שלעכט. איהרע אויגען לויפען עפעס ארום. און זי האט „איהם" אנגעקוקט, אריינגעקוקט אין זיינע אויגען, זיי איבערגעלייענט... אוי, א סך זאכען האט זי ארויסגעלייענט...

זיין שווייגען — פאַר וואָס זאָגט ער ניט עפּעס?... כלומרשט רויכערט ער אַ ציגאַר און רעכענט אין די ביכער. אַ ליגען ער מאַכט זיך נאַר, אַז ער רעכענט. זיינע אויגען רייסען זיך, אַזש זיי פינטלען...

געהט זי צוריק אַרויס מיט דער מחשבה, צו נעמען אַביסעל וואַסער און באַשפּריצען די וואַזאַנעס.

און קומט זי נור אַריין אין איהר חדר'ל, געהט זי גאַר צו איהר קעסטעל צו, עפענט עס פריער גיך, מיט כעס; נאַכדעם איינגעהאַלטען און שלעפּט אַרויס אַ רויטע סטענגע מיט'ן בינטעל ווייסע קרעלען. טוט זי די קרעלען אויפ'ן האַלז אַרויף און פון דער סטענגע מאַכט זי אַזאַ מין קווייט און לויפט צו צום קליינעם שפּיגעל, שטעקט אַן די קווייט אין זייט קאָפּ, קוקט זיך אָן אַביסעל און צולאַכט זיך קלינגענדיג.

---

געהט זי אַרום אין גרויסען חדר. דאָס עפענט זי די פענסטער, דאָס פאַרמאַכט זי די פענסטער. פאַרמאַכען, פאַרמאַכט זי מיט אַ קלאַפּ. נאָך דעם קלאַפּ וואַרט זי אַביסעל און עפענט באַלד ווידער.

ער זיצט און שרייבט אין די ביכער, רייסט זיך אַלע מאָל אָב פונ'ם שרייבען, גיט אַ ציה דעם ציגאַר, לעגט איהם אוועק אין אַשטעצעל, שרייבט ווייטער, גיט אַ בלאָז מיטביידע ליפּען און לאָזט אַרויס אַ זייל רויך אַזוי ווי פון אַ קוימען, און שווייגט. ניט ער רעדט, ניט ער קוקט, גאָר ניט...

און אַז זי שטעהט מיט דעם פּנים צו אַ פענסטער ווייס זי, אַז ער הויבט דאָרטען הינטען, זיינע אויגען אויף, קוקט... זי פיהלט אפילו, אַז זיינע ליפּען שאָקלען זיך און ער זאָגט באַלד עפּעס... וויל זיך איהר דוקא שטעהן מיט'ן פּנים צו איהם, אויגען צו אויגען... און ווי באַלד זי גיט זיך דעם קלענסטען דרעה, איז שוין וויטער אויס. ער האַלט שוין ווייטער אַרונטער זיינע אויגען...

וויל זיך איהר אָנשפּאַרען אויפ'ן טיש און איהם קוקען גלייך

אין פנים אריין און איהם א פרעג טאָן, פאר וואָס ער האָט געכטען און אייערנעכטען יא גערעדט, יא געקוקט צו איהר, אמאָל א שמייכעל געטאָן אויך, און איצט...

וואָס איצט?

דאָס הייסט, דאָס האַרץ איהר'ס ווייסט יא, „וואָס איצט...“ נאָר זי האָט עס מורא איבערצוטראַכטען.

---

געהט זי ארוים אויפ'ן גאַניקעל, שטעלט זיך אוועק מיטביידע הענט אונטער די זייטען, טאַנצט אונטער אזוי, אז דער בינט שליסלען קלינגען. און זי פארקוקט זיך אויף די בוימער, ווי די פויגעלעך פליהען, שפּיעלען זיך איינס מיט'ן צווייטען און עס קומט איהר אַן אויפ'ן האַרצען אזאַ מין ווילען און עס מאָלט זיך איהר אַזעלכעס: „זי איז א קליינטשיק חנה'לע און ער איז א קליינטשיק איציקעל און דאָס גאַנעקעל מיט דער שטוב איז איהר טאַטעג'ס. און איציקעל קומט אריבער צו איהר, און זיי ביידע שפּיעלען זיך אין בלינזעקייט. אין „קייסער־קייסערינג“... און נאָך... ניין, אָבער זי איז טאַקע חנה, א טאָכטער ביי קבצנים, א דיענסט־מיידעל, און ער איציק, שלמה טראַסק'ס א זוהנדעל, דער בוכהאַלטער ביי זיין טאַטען, און זי געהט איצטער אריין אין גרויסען חדר און זעצט זיך אוועק ביים טיש קעגען איהם. און ער קוקט איהר גלייך אין די אויגען אריין און רופט זי — חנה'לע, חנה'לע...

דאַכט זיך איהר, אז אימיצער רופט זי אין שטוב אריין. די בעלי הבתים זיינען אין „פּאַסעסיע“, ווער זשע קאָן עס רופען?... הא? חנה, ח—נ—ה!... „ער“ זאָל עס רופען?... ניט אמת!..

טשיר—רי—רי—רי.. מאַכט א פויגעלע און וויגט זיך אויפ'ן צווייגעל קעגען איהר.

אזוי גאָר, דאָס פויגעלע נאַרט זי, לאַכט פון איהר — טשיר—ר—רי—רי...

ווערט איהר נמאס דער דרויסען און זי געהט אריין אין שטוב,

פארמאכט די טיר שטיל, געהט אויף די שפיץ פינגער צום גרויסען שפיגעל צו און שטעלט זיך אוועק קוקען. און קוים דערזעהט זי זיין פנים, זיינע אויגען, זיין שמייכעל, גיט זי אויך א שמייכעל...

און עס געפעלט איהר ניט, ווי די „קווייט" שטעקט ביי דער זייט קאפ און זי שטעקט עס איבער פונקט אין מיטען צווישעןביידע צעפ און איין צאפ פארוואַרפט זי אויף איהר ברוסט, און דעם צווייטען נעמט זי אין איהרע הענט אריין, דרעהט איהם. דערזעהט זי ווייטער זיינע אויגען, זיין פנים און עס טראכט זיך איהר, אז ער האט בדעה זיך אויפצוהעבען און צו צוקומען צו איהר... בלייבט זי א ווײַלע ווי פארגליווערט.

און באלד הערט זי ווי עס קלינגט אב אין דער לופטען: „ביזט, היינט, זעהר שעהן, חנה..." און זי הערט נאך א סך מעהרער אין דעם איינגעהאלטענעם „חנה"... און עס ווילט זיך איהר קודם צו בייזערען זיך אויף איהם... נאכדעם קומט איהר אן א ווילען צו־צולויפען און ארויפאלען אויף זיין האלז...

נאר אימיצער ליגט דארטען אונטערען הארץ און שלאגט אב דעם חשק, און עס גיט זיך ביי יעדער מחשבה א דרעה מיט'ן קאפ — ניין!... און נאך זאגט איהר יענער „אימיצער", אז ער רייצט זי...

* * *

ווערט שפעט. רוקט זי אראב דאס פארהאנגעל, טוט זיך אויס, ניין, זי רייסט פון זיך די קליידער... נאכדעם פארלעשט זי דאס לעמפעל, און לעגט זיך אריין אין בעטעל מיט דער דעה איינצו־שלאפען אזוי, שטארק! גיט דאס בעטעל א סקריפ, און אונטער איהר ברוסט גיט זיך א וואָרף: טיף—טיאך...

אין חדר'ל איז פינסטער, שטיל, און זי הערט פון „זיין" חדר'ל א צולהכעיס'דיגען קלונג פון געלד. דאס האט ער אזוי א וואָרף געטאן זיינע הויזען. און וואס וויל „ער" איהר געבען צו וויסען?... ניין, זי האט ניט געהערט דעם קלינג, עס דאכט זיך איהר נאר אזוי...

און אז זי פּרובט פאַרמאַכען איהרע אויגען, דאַכט זיך איהר, אַז זי איז אַ שטיק שטיין און דאָס בעטעל ברעכט זיך איין און עס גיט אַ שטאַרקען קלאַפּ אין דער ערד אַריין...

גיט זי זיך אַזש אַ וואָרף. שיער, שיער ניט אַראָב פון׳ם בע־טעל.

נאָכדעם עפענט זי די אויגען און צעלאַכט זיך — טפוי, זי איז דאָך אין בעט!

זי קוקט אַרום דאָס גאַנצע חדר׳ל און ווען זי קומט צו די פאָר־האַנגען, וואָס פירען אין גרויסען חדר אַריין, געפעלען זיי איהר ניט, ווייל עס דאַכט זיך איהר, אַז זיי צענעמען זיך באַוואַלענקע. און אפשר איז זי אין אמת׳ן אַראָפּגעפאַלען פון׳ם בעטעל און עס האָט געגעבען אַ קלאַפּ, האָט ער דערהערט... און קומט צו איהר...

ווייל זיך איהר ווייטער אויסלאַכען — חנה, דאָס איז אַ חלום!... נאָר עפּעס ליגט אין מח און דובעט... און פון דער ברוסט רייסט זיך אַ קול: „ווער איז דאָ?!..“

און אַז דער „קול“ קומט צום האַלז, בלייבט ער שטעקען, אפשר פאַרט אַ חלום. ווידער קאָן זיין, אַז זי האָט שוין געשריען „ווער איז דאָ?“ און קיינער ענטפערט ניט. און אפשר ענטפערט אימי־צער, נאָר זי הערט ניט, ווייל איהרע אויערען זיינען פאַרשטאָפּט?...

און ס׳רייסט זיך אַרום פון׳ם האַלז — ווער איז דאָרט?!..

און ס׳שניידט זיך דורך דער פינסטערניס און באַלד הערט זי — „איך“... מיט געבעטע קלינגט עס...

און עס ווילט זיך איהר אַרויסשרייען: אַוועק! איכ׳ל מאַ־כען אַ גוואַלט!

---

און ס׳מאָלט זיך איהר אַזוינס...

זי האַלט אָפען איהרע אויגען... זי ליגט אויפ׳ן בעטעל, און אין חדר׳ל איז ליכטיג... און ער קומט אַריין צו איהר... געהט צו צום בעטעל, שמייכעלט... און ער זאָגט ניט איך...“ אין דעם

שמייכעל ווייס זי, אז ער איז דאס... און זי שרייט ניט:
אוועק!...

זי לויפט אין גאס... און עס לויפט איהר נאך א גאנצע חברה אינגלאך מיט שטיינער אין די הענט... לויפט, לויפט זי ביז צו א פלויט... און ביי דעם פלויט האט מען געפונען א דער'הרג'טען.. אט איז נאך א פלעק פון זיין בלוט... און זי פאלט מיט'ן פנים צום פלעק... ביי איהר אויפ'ן פנים איז אויך א פלעק... און חברה וואהפען אויף איהר שטיינער און לאכען, פייפען... ווערען די שטיינער שווערער, העכער... און זי ווערט א גרויסער בארג...

אין חדר'ל... פונקט אין מיטען חדר'ל.. א גרוים בעט.. אימיצער ווארפט זיך דארטען... שטעקט איהר א לאנגע צונג...

נאקעט איז זי... און זי ציהט די קאלדערע אויף זיך... און עפעס צורות אזוינע מורא'דיגע שטעהען און שלעפען די קאלדערע צו זיך... און אט, ווערגען זיי, ווערגען...

און זי ליגט און ווייס ביי זיך אינוויינינ, אז דאס זיינען חלומות, און נאך יעדען חלום וויל זיך איהר עפענען די אויגען, זיך אויסלאכען, נאר אימיצער לאזט זי ניט, שרעקט זי. ווידער בעט זיך ביי איהר עפעס אזא מין ווילען, א רוף צו טאן: „איציק"!... און אז עס שווימט איהר ארויף דער ווילען, קאן זי שווערען, אז די מורא'דיגע צורות דערשמעקען עס און שטעקען זייערע הענד נאך איהר... און עס כאפט זי ווייטער ארום א מורא...

נאכדעם גיט זי א ברום: „איציק!"... אזש דאס פענסטער האט אפגעקלונגען... און באלד עפענט זי איהרע אויגען, קוקט זיך ארום, די מאדנע צורות זוכט זי...

און זי זעהט, ווי ער שטעהט ביי איהר בעטעל. ווערט איהר אביסעל גרינגער, כאטש די ברוסט פלאטערט.. .און זי שווייגט...

גיט ער איהר א גלעט... ווי עס בריהען עס זיינע הענט — שטיקער פייער!...

# צוויי איגען

יעדען פרייטאג פרעסט איהם די מאמע אויס א וויכען קאל־נער, און אז ער געהט אין גאס, האלט ער זיין קאפ אין דער הויך, דער קאלנער לאזט ניט זיין עניות'דיג, און טאקע דערפאר קוקט ער וואו מען דארף ניט — אין די פענסטער אריין, אויף די גאנעקלעך און ווי אויף צו להכעיס שטעהען דארט אויסגעפוצטע מיידלאך... און ער גיט א קוק און כאפט אוועק דעם קאפ, ווי ער וואלט זיך אפ־בריהען...

און „גמרא" לערנט ער נישט מיט ווערטער, נאר מיט אזא נגינה. און אז עס איז גלאטיג, א גרינגע „סוגא", געהט עס צו שטיל, גע־לאסען—ה־הא־הי־ה־ה־ה־... און ווי באלד עס איז עפיס א טיפער „ענין" הויבט זיך זיין נגינה אויף צו דער העכסטער מדרגה, און עס ציהט זיך לענגער די נגינה. און די ליפען זיינען שטארק צונויפגע־שלאסען, די אויגען ווערען בולט, פייערדיג. און ביידע הענד שפא־רען זיך אריין אין שטערען: ה־הא־הי־ה־ה־ה!!! און ס'קומט ארויס זיס, היימ.

און „חומש מיט מפרשים" קוקט ער איבער, אז עס קומט דא־נערשטאג; עס איז ניט קיין „לערנעכץ" פאר איהם, כאטש, אז ער קומט איבער א גוטען איינפאל אין'ם „אור החיים", פארבויגט ער דאס בלעטעל בכדי שבת צו „קריאת התורה" אימעצען פרעגען...

און „בין מנחה למערב" שטעהט ער תמיד ביים גרויסען קאס־טען ספרים, גריבעלט זיך אין'ם קאסטען. עס טרעפט, אז ער כאפט ארויס א ספר, עפענט איהם און קוקט אריין מיט איין אויג אפען און מיט'ן צווייטען פארמאכט, בלעטערט איהם אביסעל און שטעלט איהם צוריק אוועק.

מענשען זאגען, דאס שניידט זיך א מתמיד...

דער טאטע בלאזט גאר אוועק מיט איין מאך: „קא־נ־סט ניט זיין קיין מתמיד!"... אבער דיך, טאטע, פארשטעהט מען. גיבסט אונטער היץ.

נאר ער אליין איז מיט זיך נישט צופרידען.

עפעס טרעפט עס צו אפט, אז א גראבע נאסקייט פילט אן דעם חלל פון דעם מח.. עס פיהלט זיך, ווי דער מח איז שווער, דער שטערן קנייטשט זיך און עס קומט גאר ניט ארויס, אפילו דאס קלענ־סטע. און ביים בעסטען ווילען לערנט זיך עפיס נישט, און די התמדה איז נאר א געמאכטע.

און בענקען, בענקט ער נאך דער גרעסטער מדרגה אין התמדה, און עס מאלט זיך איהם א בילד: עס קומט אריין א זקן מיט א ווייסען זילבערנעם בארד, מיט טיפע קנייטשען אין דעם הויכען שטערן, מיט פייערדיגע אויגען, שווארצע, פארדעקט מיט ווייסע גרויסע ברעמען, „תורה" און „חכמה" אונטער זיינע ארעמס... און ער געהט צו צו איהם, דעם שנעק פון 16 יאהר און קלאפט אן אין פלייצע — יישר כוחך, מתמיד!...

און פרעגען פרעגט זיך, ווי דערגרייכט מען צו אזא מדרגה?...

---

זיצט ער ביי אן אפענער גמרא און מיט די הענד רייבט ער דעם שטערען און די אויגען קוקען אין דער לופט אריין, און ער זינגט אונטער דעם ניגון פון עפעס א טיפען „ענין". און דער „ענין" איז ניט אין דער „גמרא" נאר אין איהם אליין. זיין נשמה בייגקט נאך עפיס, און זיין הארץ צעגעהט אין איהם.

זיין הייליג, גרויס, ריין... דאס פנים זאל פלאמען... די אויגען זאלען ברענען ווי צוויי זונען... און די נשמה אהן א פלעק.

נאכדעם שווימט ארויף, שניידט זיך דורך אן אנדער ענין. און ער בלייבט זיצען, שטיל, פארטיפט... די הענד גראבען זיך איין אין די ווייכע האר, און די אויגען קוקען שארף אויף עפיס. און אונ־

טער דער ברוסט װארפט זיך איין אדערל. און זעהן זעהט ער גאר־ניט, און ס'קוקט זיך צו עפּיס, און הערען הערט ער גארניט, נאר עפּיס רעדט — שרייט אפילו... יא, די װענד פון'ם בית המדרש רעדען, די גרויסע פענסטער זיינען מיילער און זיי שרייען... און אין דער לופט שווימט ארום א פּיצעלע פּינטעלע און טייטשט איין זאכען...

און דאס הארץ גיסט זיך אויף זיין לשון — װעה, איז דעם מענ־שען, װאס װיל זיין הייליג, ריין אין דער מחשבה און מיט'ן „גוף" טוט ער זינדיגען...

און פון'ם „פּינטעלע" שפּריגגען אפּ נאך קלענערע חלקים און יעדעס ברענגט פאר „זיינע" אויגען אזא „זינד"... און ער װיל, אז די „פּינטעלעך" זאלען פארשווינדען גיכער, און זיין נשמה זאל װיינ־ציגער ליידען... און „זיי" קריכען פּאװאלינקע, און װען דאס דארף שוין גאר פארשווינדען, שטעלט זיך עס אפּ און באקומט א צורה מיט איין אויסגעשטעלטען צונג...

װערט ער מלא־חמה און כאפּט זיך אװעק פון'ם טיש, נעהמט זיך געהען איבער'ן בית־המדרש; געהט, געהט... און עס העלפט ניט: „זיי" קומען איהם נאך...

װערט זיין נשמה פול מיט צארן, דאס הארץ צובייזערט זיך און א קליין פייערעל צעפלאקערט זיך אינװייניג... נעהמט ער און זעצט זיך אװעק צו דער גמרא, הויבט אן זיך שאקלען. און די אויגען שניי־דען זיך אריין אין אן „ענין" און די ליפּען דריקען זיך צונויף שטארק און עס קומט ארויס א נגינה מיט א ברען, װעלכער ציהט זיך פון אינװעניג... און דאן הייסט עס: עס רייניגט זיך... עס הייליגט זיך... ער געהט אויף'ן דרך הישר.

---

און ער ליגט אויף'ן בעטעל, האלט שוין כמעט װי ביים איינ־שלאפען.

און אין חדר'ל, װאו טאטע־מאמע שלאפען, ברענט נאך דאס

לעמפעל. זיי ליגען נאך און שלאפען ניט. דער טאטע קוקט אריין אין א ספר, קנייפט די בלעטער, נישט ער מישט זיי, און די מאמע לייענט „קריאת שמע“ און גענעצט נאך יעדעס ווארט.

זאגט די מאמע צום דינסט־מיידעל: הער נאר, דו פארמאך נאר גוט די הינטער טיר. נעכטען האסטו פארגעסען צו פארמאכען. ס'א נארישער גנב וואס ער קומט ניט...

און מעהר האט מען ניט געדארפט. דאס ווארט „טיר“ רופט ביי איהם ארויס פאר די אויגען א טיפע גרוב...

דאס מיידעל ווייס, אז ער האט געלאזט אפען די טיר... און קאן אין „כעס“ ווערען און ענטפערען דער מאמען: „ליב'ל האט פאר־געסען צו פארמאכען...“ און די מאמע וועט ברוגז ווערען: „ווי קומט עס ליב'ל צו דער טיר!... וועט „זי“ נעמען און דערצעהלען דעם אמת... אזוי און אזוי. און עס וועט ווערען א רעש.

ווידער וואלט געווען א סברא, אז ער אליין זאל פארכאפען און אראפ פון'ם בעטעל, אריין צו דער מאמען און איהר זאגען בשתיקה:

— „מאמע... בייזער זיך ניט אויף'ן מיידעל... איך האב עס אליין פארגעסען צו פארמאכען די טיר... ד'בין געקומען פון'ם סיום...“

ווייסט ער אבער דער מאמעס „אויגען“ אז זיי גיבען א קוק, העלפט שוין ניט קיין באהאלטעניש, און זי קאן א פרעג טאן אזא מין שאלה: „תכשיט'ל מיינער, וואס געהט עס דיך אן דעם מיי־דעל'ס קריוודע... הא?!...

און אזא „נסיון“ וואלט ער שוין ניט אויסגעהאלטען...

דאס גליק איז וואס דאס מיידעל ענטפערט דער מאמען: „פאר־מאכט!...

„ד'האב פארמא—כט!...“

און ער פיהלט אז זי האט זיך דארטען געשלאגען מיט די מחשבות, ווייל דאס „ד'האב פארמאכט“ רעדט זי ארויס אזוי, ווי זי וואלט נאך עפעס וועלען רעדען... און ער שטעלט אן זיינע אויערען און ער הערט ווי „זי“ רעדט דארטען אין דער שטיל, צו זיך אליין...

און אין דער לופטן שווימט ווייטער ארוים א קיילעכדיגע זאַך און ער קוקט אין דעם און ווייסט ניט וואָס דאָס איז... נאָר אז עס ווערט פון דעם צוויי קיילעכדיגע פּינטעלעך און נאָכדעם, אז די פּינטעלעך ווערן צוויי אויגן, קומען איהם ארויף די נעכטיגע צוויי אויגן...

ער איז נעכטען געקומען פון'ם בית המדרש שפּעט... א סיום איז דאָס געוועזן, און געגעסן און געטרונקען האָט מען און פרע־ליך איז מען געוועזן.

און ער איז אריין אין שטוב. האָט דאָס לעמפּעל געלויכטען מיט א קליינטשיגען פלעמעלע — און „זי" איז געלעגן אונטער דער קאָלדרע מיט פארמאכטע אויגן... און דאָס קליינע פלעמעלע האָט באלויכטען איהר פּנים. און איין „יצר" האָט געריסען א קוק טאָן, — און דער אנדערער „יצר" האָט אָפּגעשלאָגן... און לכתחילה האָט דער צווייטער „יצר" גובר געווען, און ער איז דורך בשלום... און ווען ער איז אין אנדערען חדר אריין, האָט זיך דער ערשטער „יצר" געטאָן א שטארק — כאָטש איין קוק!... און ער האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען און איז צוגעקומען צו איהר בעטעל אזוי שנעל, אז ער אליין האָט ניט געהערט, און איז געשטאנען און געקוקט... און „זי" האָט געעפענט איהרע אויגן, ווי זי וואָלט דערפיהלען, אז אימעצער שטעהט ביים בעטעל... און די אויגן זיינען געוואָרען צוויי קיילעכדיגע, שווארצע חיות... און ער האָט זיך דערשראָקען און איז אָפּגעשפּרונגען...

רייסט זיך ארוים ביי איהם א שטילער קרעכץ: „רבונו של עולם"... און די „צוויי אויגן שטעהען נאָך אלץ פאר איהם און פרעגען איהם שאלות... און די שאלות שניידען איהם אויף שטיקער...

„פון א סיום געקומען?...

וואָס האָסטו געקוקט?... וועסט נאָך קוקען?...

און דאָס הארץ ווערט שווער, זיין נשמה איז געבראָכען, און ער וויל זיך פארזיכערען, אז מעהר טוט ער עס נישט...

# הושיקעלע

איז עס אין שטעטל דער ליבער זומער. און א ברייטער ווייסער וועג ציהט זיך מיט איין זייט אין סעדל אריין טיף, דארט וואו די ווײַנשעל־בוימער זיינען באשאטען מיט געל־רויטינקע קארשען, וועלכע שלעפען דיך: ריים אָב, ריים אָב... און אין דער אנדערער זייט לויפט דער וועג אויפ'ן בערגעל ארויף מיט א ווײַ־סען ברייטען פאס, כמעט ביז'ן הימעל און אז מען געהט ארויף, זעהט מען, אז מען האט זיך אבגענארט: דער ווייסער פאס ציהט זיך, ציהט זיך ווייטער...

און אונטער'ן בערגעל לויפט א קרום טײַכעל — א גלאט, שטיל טײַכעל. מען זאגט, אז עס זיינען שוין דאָ צוויי „קעסעל גריבער", איינע אין מיטען טײַכעל, די אנדערע ביים ברעג. און די, וואס ביים ברעג, איז א מסוכנ'ע און האט שוין איינגעשלונגען א חזר'ל... אויפ'ן אינגלישען לשון הייסט עס, אז מען מעג זיך שוין אויסטאן, זיך געבן אווארף אריין מיטן קאפ אראב און מיט די פים ארויף, זיך אראפלאזען ביז צום גרונד, שווימען ווי מען וויל... ווער שמועסט שוין גאר פון אנכאפען זיך ביי די „קאדעס" פון פערד...

און „הושיקעלע" איז טאקע מיף, טיף אין הערצעל ברוגז אויפ'ן טאטען, פאר וואס ער האט איהם אין אזא צייט אוועקגע־געבען אין חדר. ווען אלע אינגלעך זאלען זיין „הושיקעס", ווי ער, וואלטען זיי זיך אפגערעדט — ניין און ניין!... מ'געהט ניט אין חדר!... נאר געה רעד מיט זיי, אז דאס זיינען קעלבלעך.

געהט „הושיקעלע" אין חדר...

א נישט איז דאס אמת?

ער נעהמט ביי דער מאמען צוויי קאפיקעס אויף איבערבייסען

און דער טאַטע רעדט צו איהם ווי צו אַ גוטען ברודער, און זיינע אויגען זיינען פרעליך ווי זיי וואָלטען זאָגען : אַ טייער קינד, הושיקעלע !...

און ער געהט אַרוים, האַלט די צוויי שטיקער ברויט אונטער דער פּאַלע מיט איין האנד און מיט דער צווייטער טאַפּט ער די „צוויי קאָפּיקעס“, וואָס אין קעשענע, זיינע אויגען ווינקען צו זיך אליין, געהט מיט געמאָסטענע טריט, קוקט ניט אַרונטער און פיהלט, אַז דעם טאַטענס אויגען קוקען איהם נאָך, און אַז ער קומט צו אַ געסל, וואָס פאַרקערט זיך אַן אַ זייט אַריין, נעמט ער זיך לויפען, לויפען ביז'ן ווייסען, ברייטען וועג צו... אויפ'ן וועג געהט ער, קנייפּט שטיקער ברויט עסט און באַטראַ זיך דערווייל, וואָס צו טאָן...

---

כאַפּט ער זיך צום סעדעל אָנקוקען די קאַרשען, אָדער זיך אָנ־עסען מיט קאַרשען. און ער געהט זיך פּאַוואָלענקע, דאָס היטע־לע פאַרוקט אַן אַ זייט, טראַכט זיך, פון וואָס פאַר אַ זייט אָנצוהוי־בען, אַזוי אַז דער „סטאָראָזש“ זאָל איהם נישט דערזעהן — אַ, איז דאָס איין אַלטער רוח!... האָב ניט מורא פאַר איהם, אַז ער כאַפּט דיך, העלפט שוין ניט שרייען, וויינען, בעטען זיך, מען מוז אַריינכאַפּען עטליכע שמיץ פון אַ וויינשעלנעם ריטעל, און דאָס צופּט אַזוי, און רייסט דיר אַן בלויע צייכען, און דו מוזט נאָך שווייגען...

קומט ער צו צו דער טיר פונ'ם סעדעל. האַ, וואָס פאַר אַ מחיה די בוימער זיינען... און ער פיהלט, אַז די אויגען ווערען ליכטיגער, דאָס מויל ברייטער און ער איז גאַנצען טאַנצט אַזש אונטער פאַר שמחה...

נאָר די טיר פאַרדריסט איהם : די צוויי סלופּעס, וואָס פון זיי ציהט זיך אַ קאַלעכדיגער פּלויט אַרום דעם סעדל, שטערען איהם, און ער פאַרשטעהט ניט צו וואָס זיי שטעהען אַזוי שטאָלץ און הי־

טען דאָס סעדעל... און פון יענער זייט פּלויט רופען די בוימער, שלעפּען דיך... צוריק גענומען זיינען דאָס ניט מעהר ווי הילצערנע סלופּעס, אָנפּאַלען אויף דיר קאָנען זיי ניט... און ער געהט טאַקע אַריין, טאַנצט אונטער מיט איין פוס ווי איינער רעדט — טוט מיר עפּעס !...

וואַרפט זיך איהם אין די אויגען אַ גרויסער בוים און ער קאָן שוין ניט געהן ווייטער און ער געהט צו צום בוים נעהנטער און באַקוקט איהם פון אַלע זייטען. נאָכדעם הערט ער זיך איין צו עמיצער געהט ניט. עס איז אַזוי שטיל, אַז ממש דאָס הערצעל זיינס צעשפּרייט זיך ברייטער... נאָר, וואָס די פויגעלעך אַנט־לויפען פון איהם, פאַרשטעהט ער ניט, ער מיינט דאָך ניט צילעווען אין זיי... און ער כאַפּט זיך אָן, אַז אַ צווייג, דראַפּעט זיך אַרויף, און זיינע אויגען קוקען שוין צו אַ בינטעל קאַרשען. אי, וועט ער זיי אָברייסען !... שעהנע קאַרשען... באַלד אָבער דערהערט ער אַ הייזעריגען קול פון ערגעץ. גיט ער אַ שפּרונג אַראָפּ און קוקט זיך אַרום. דערזעהט ער, אַז דאָס איז דער סטאַראָזש, און ער נעמט לויפען. גיט אַ לויף און אַ קוק אַרונטער. לויפט יענער, לויפט ער אויך ; בלייבט יענער שטעהן, שטעהט ער אויך — פּיקע!

שטעלט זיך יענער אַוועק ביי אַ סלופּ און קוקט כלומר'שט אַז אַ זייט פאַרטראַכט. צעלאַכט ער זיך — ווילסט מיך פאַר'גנב'־ענען ?...

טראַכט ער זיך געבען אַ שפּיי אויף'ן סעדעל מיט'ן סטאַראָזש און זיך אַוועקגעהן אפשר גאָר אין חדר... אָדער צום טייכעל. סמוזען דאַרטען זיין פערד, אינגלעך... איז איהם אָבער פאַרדראָסיג — צו וואָס טויגען אַזוינע שעהנע סעדלעך מיט קאַרשען־בוימער, וועלכע ווינקען צו דיר, אַז דער סטאַראָזש לויפט דיר נאָך און כאַפּט ער דיך, שמייסט ער און שמייסט... וואָלט ער איהם „פּאַקען" אין טייכעל, וואָלט ער אַרונטער אונטער'ן וואַסער און איהם אָנכאַפּען ביי אַ פוס, כאָטש דערטרינקען אַזאַ רוח און אָנלערנען איהם... און

דאָס סעדעל וואָלט געוועז אהן א סטאַראַזש — רייס, ברעך... בייגט ער זיך איין, כאַפּט א שטיינדעל, ציליוועט זיך גלייך אינ׳ם סטאַראַזש און טאַנצט אונטער, זעהנדיג, ווי דאָס שטיינדעל שניידט זיך גלייך אין דער לופטען און טרעפט דעם סטאַראַזש אין קאָפּ אריין. א מחיה !... ביזט ברוגז ? וואַרף אויכ׳עט, אויב דו קאָנסט!... א נו, ציליווע !...

נאָכדעם אנטלויפט ער — ער ווייס נאָך אליין נישט, וואוהין.

---

קומט ער צום ברעג טייכעל און שטעלט זיך אוועק, קוקט אריין אין דאָס וואַסער, ווי דאָס ציהט זיך אין דער לייגג וואָס ווייטער אלץ שמאָלער — ס׳קען זיין, אז ס׳ציהט זיך ביז׳ן ים... און ס׳דאַכט זיך איהם, אז אין ים, דאָרט וואו דער לויתן ליגט, וואָלט ער ניט קאָנען מאכען „מערכות" ווי אין דעם טייכעל... און ער בויגט זיך איין און כאַפּט א שטיינדעל און וואַרפט עס אריין אין טייכעל, ווערען אויפן וואַסער רעדעלעך, רעדעלעך און זיי ווערען באַלד צונישט. זעהט ער, אז א בינטעל אינגלעך שטעהען ארום איהם און וואַרפען אויכ׳עט שטיינדלעך. דאָס טוט איהם לכתחילה הנאה, נאָר באַלד וועקט זיך אין איהם אויף עפּיס א מחשבה און ער ווערט שטילערהייט ברוגז אויף די אינגלעך — א ניט קאָנען זיי וואַרפען?...

און ער שפּרינגט אראָפּ דעם באַרג „צוואָלאָים", ווייל ער ווייס, אז חברה אינגלעך קוקען אויף איהם, ווייל ער זיי ווייזען, אז ער קאָן לויפען, כאָטש דער באַרג איז ,א גרוב און א גרוב"...

און ער טוט זיך אויס, איילט זיך און, אז ער בלייבט שטעהן נאַקעט, וואַרפט ער א קוק אויף חברה, א קוק צום טייכעל, גיט זיך א קלאַפּ מיטביידע דלאָניעס אין ברוסט און שפּרינגט אריין אין וואַסער. דאָס ערשטע לאָזט ער זיך אראָב אין דעם גרעסטען „קעסעל־גרוב", קומט צוריק ארויף מיט א זשמעניע בלאָטע פונ׳ם גרונד, הויבט אויף די זשמעניע אין דער לופטען, ווי איינער רעדט —

זעהט, אינגלעך, נאר איך קען אזוינס טאן... נאכדעם גיט ער א בוקע מיט דער בלאט אין וואסער אריין און חברה צעלויפט זיך...

לאזט ער זיך אוועק מיט'ן בויך ארויף מיט אויסגעשטרעקטע פיס, אויפ'ן וואסער, שווימט צו צום ארט וואו די זון שפיגעלט זיך אב מיט א פייער־רויטען פלעק, און סאמע דארטען טונקט ער זיך אונטער, ווי ער וואלט וועלען צוקלאפען אט דעם פלעק...

זיצט ער ביים „בינטעל אנטועכץ" און טראכט — ער וועט אפשר געהן אין חדר?... זעהט ער ווי איינער איז אנגעלאפען מיט א ברענענדיג פערד, און חברה אינגלעך שטעהען ארום יענעם און קוקען איהם גלייך אין די אויגען, אי, וואלטען זיי דאס וועלען פועל'ען ביי יענעם דאס פערד.

גיט ער א שפרונג צו צו חברה, ווי א „היימישער" הונד פאלט אן אויף פרעמדע הינט, און גיט יעדערען א ווארף, א קניפ, אז חברה צעפאלט זיך ווי שטרוי, און ער גיט א כאפ ביי יענעם דאס פערד, כאפט זיך ארויף, גיט א ציה דעם „פאוועד" — א נו, ברודער!...

פארט ער אריין אין טייכעל און קוקט גנביש אויפ'ן ברעג און ווערט גרעבער פאר שמחה — איטליכער קלאפט איהם — „מאלאדיעץ"... פון התלהבות באווייזט ער, אז ער קאן שטעהן אויף איין פוס, וויל ער, לעגט ער זיך גאר אוועק אויפ'ן פערד „לאזענדיג" און שרייט אר־אר־ך... אר־אר־ך... ווייסט, יוער איך בין !... און אז ער פארט ארויס צוריק אויפ'ן ברעג, פינקלען זיי־נע אויגען, גלינצערען... ער פארשטעהט, אז איטליכער דארף איהם אנקלאפען אין פלייצע...

און ער זעצט זיך אוועק ביים „בינטעל אנטועכץ", און גראבט און גריבעלט מיט א פינגער אינ'ם זאמד. און אט פארקוקט ער זיך גאר אין דער זון און עס געפעלט איהם ווי זי רוקט זיך — היינט דער רויטער פלעק, וואס אין וואסער, ווי ער שווימט זיך מיט דער לענג טייכעל !... און אפשר וויל זיך איהם אויך אוועקלאזען זיך מיט דער לענג טייכעל, זעהן דעם אנדערען עק..

און טראכטעז, טראכט ער, אז אין חדר געהט ער שוין היינט ניט, סיי ווי איז שוין נאך „ווארעמעס צייט", און דער „טאטע" מוז שוין וויסען, אז ער איז ניט געווען אין חדר — און קעהר זיך שוין ריכטען צו געבען איהם א מפּלה... מען דארף זיך באַטש גוט אנבאַדען, נאך און נאך.. ס'איז אזוי טייער!... און בעט מען איהם א סך, מאכט ער גאר א סוף צום גאנצען חדר... וויל ער ניט געהן!... און ער שפּרינגט אריין אין טייכעל, בוקעט דאס וואסער...

---

די זון איז היינט, דאכט זיך איהם, צו גיך ארונטער הינטערן בערגעל... און עס הויבט אן ווערען טונקעלער, נאר פון יענער זייט טייכעל שפּיגעלט זיך נאך אב א רויטקייט... ער טוט זיך אן, שלעפּט דאס „אנטועכץ" מיט כעס, צו מיינט ער, אז עס איז איהם אויף צו להכעיס טונקעלער געווארען, צו איז דאס א כעס, וואס שווימט ארויף פון ערגעץ טיף, טיף און איז א סימן, אז דארט שפּיגעלט זיך אב עפּיס...

און דאס טייכעל שאַקעלט זיך, רייסט זיך עפּיס, ווי דאס וויל איצטער ארויס פון'ם ברעג און אנטלויפען מיט איהם אין א ווייטען אָרט, וואו עס וועט זייביידען זיין גוט און פרעהליך...

ער גיט א קוק צום טייכעל, ווי ער וואלט זיך זעגענען מיט איהם, לעגט אריין דאס היטעלע אין קעשענע — זאלען זיך אויס־טריקענען די האר, וועט אפשר דער טאטע ניט וויסען, אז ער האט זיך געבאדען...

דעם בארג לויפט ער ארויף און, אז עס קומט צום גלייכען וועג, געהט ער טריט ביי טריט. באטראכט זיך, ווי קומט מען אהיים ?... וואס זאגט מען דעם טאטען?...

און ער געהט מיט די הינטער־געסלעך. באטראכט ער זיך, אז ער איז ניט קיין „גזלן", און לאזט זיך אוועק מיט דער גרויסער

גאס... געהן געהט ער אין מיטען וועג און ווארפט אויגען, אז אי־מיצער זאל איהם ניט דערזעהן, און אפשר קוקט ער זיך ארום, אז עס זאל אימיצער אנפארען מיט א וואגען און איהם „איבערפארען" — ס'הייסט, ער וועט זיך ניט לאזען מען זאל איהם הרג'ענען... אבער נאר אזוי זיך פארטשעפען אין די רעדער, בכדי ער זאל קאנען מאכען א גוואלט, שרייען הויך... וועט מען זיך צונויפלויפען און איהם דערקאנען. וועט ער זיך מאכען, אז איהם טוט וועה... און מען וועט איהם אפטראגען א היים, וועלען זיך טאטע־מאמע דער־שרעקען און וועלען פארגעסען אן אלעמן... מען וועט ברייגען א דאקטאר — און ער וועט ליגען עטליכע טעג... איז אבער ווי אויף להכעיס קיינער ניט אנגעפאהרען.

קומט ער צו צו דער שטוב מיט איינגעהאלטענע טריט און גיט א וואונק דעם קליינעם ברודערעל אויף זייער לשון — ווי ס'האלט?.. ענטפערט יענער מיט חוצפה: יא!... וועסט שוין כאפען!" — און ער אליין דערקענט זיך ניט, צו איז ער טאקע דער „הושיקעלע" פון תמיד?... וואס שטעהט ער אזוי שטיל?... ווי זעהט ער עס, איינגלעך לויפען דורך און ער שווייגט זיי...

קומט די מאמע ארויס און זאגט: „קום אריין, מיין קינד, האסט נאך היינט ניט געגעסען... קום אריין!... מ'שיינקט דיר אלעס!..."

און ער קוקט אפילו ניט צו איהר. ער ווייס שוין, וואס דאס טייטשט...

דאס טייערע קינד לעגט דער טאטע אנידער און שמייסט, שמייסט... נאכדעם גיט מען דיר ניט קיין עסען... און מארגען פירט דיך דער טאטע אין חדר ביי די הענט און אין חדר שמייסט מען ווייטער...

גיט ער א וואונק צום קליינעם ברודערעל, קומט יענער צו צו איהם. און ער זאגט איהם אזוי: „מיר זיינען חבר אייביג און אייביג... לויף אריין שטילערהייט און שלעפ מיר ארויס א שטיק

ברויט!... אייביג און אייביג חבר!..."

און אין הארצען טראכט ער זיך: „דו „קאטער", ווארט איך'ל דיר ווייזען!..." און דרעהט זיך אוועק אין דער אנדערער זייט, זאל קיינער ניט זעהן... און יענער ברייננגט איהם א שטיק ברויט און גיט בשעת מעשה א שפרונג און א קנאק מיט'ן צינגעל — זעהסט!...

לייגט ער אריין דאס שטיק ברויט אין קעשנע און גיט דאס ברודערל א כאפ אן ביי איין אויער און שלעפט איהם צו צו דער ערד, און ער נעהמט איהם באגראבען מיט וואס ער קאן נאר, און פיהלט אז עס ווערט איהם גרינגער אינוועניג...

און אז די מאמע איז ארויסגעלאפען, איז ער שוין געשטאנען ווייטער מיט עטליכע „שפאן", אונטערגעטאנצט, געריסען דאס שטיק ברויט און נאך יעדען בים א מאך געטאן מיט א קרומען פנים: אוי מא־מ־ע!... אוי, מא־מ־ע!

# גראָומאָן

## א.

„אייערע עלטערען קומען?...“ באקאנטע און ווער עס האט נאר די געלעגענהייט פרעגען איהם גלאט אין דער וועלט אריין א שאלה. און גראזמאן פיהלט, אז הינטער די קאלטע פנים׳ער און די גלייכ־גילטיגע אויגען, און די שטילע, פרומע ליפען ליגט א סם, א גיפט. עס איז איהם קלאר, אז די מענשען מיינען: „גראזמאן איז געווען גראזמאן ביז ניט לאנג, אבער איצט, הא־הא! איז ער גאר אן אנדער מענש... די עלטערען ברענגט ער אריבער פון רוסלאנד... וויל איינ־פיהרען א שטוב מיט לייטען גלייך... ער ווארפט אוועק זיינע חלומות, זיינע ווילדע משוגעת׳ן און וועט זיך איינשפאנען אין דער אר־בייט...“ — און פרוב קוק אריין נאך טיפער אין די מענשענס מחשבות, געפינט זיך דארט אן אנדער, פארבאהאלטענע מיינונג — אז, גראזמאן איז געווען און וועט זיין דער ווילדער־משוגענער, הינטער־וועלט־מענש און דאס לעבען וויים ער ניט און וויל עס ניט וויסען... ס׳איז נאר א רחמנות אויף די עלטערען!...

און ער, וואס בטבע קומט ער זיך גאר ווינציג צוזאמען מיט מענ־שען און פיינט האט ער זייער מיטלייד, זייערע מיינונגען, און וואס זיינע חברים זיינען די פיער נאקעטע, שטומע ווענט פון זיין „רומ־קע“, וואס זיי קאנען אזוי גוט שווייגען, כאטש נעם און הענג זיך, און איין חסרון איז, וואס זיי האבען א טיר, וועלכע דו מוזט עפענען אלע אין דער פריה... ער ווערט שטארק אויפגעבראכט, אז מען פרעגט איהם וועגען זיינע עלטערען, און זיינע אויגען לאזען זיך ארונטער. קוקען וויל ער ניט אין דעם קאלטען פנים אריין, און אין זיינע לי־פען־ווינקלען צולעגט זיך א שארף קנוישעלע און עס כאפט זיך ארויס פון זיין מויל א בייזער, גיפטשפייענדער: „יא, זיי קומען!“

און אַז ער פֿאַרמאַכט זיך אין זײַן אײנזאַמע „רומקע“, גיט ער דערבײַ אַ קלאַפּ מיט דער טיר און דער קלאַפּ שרײַט: „געוואַלט, ווי וועדט מען פּטור פֿון די מענטשן!...“

און אַז ער לעגט זיך אַרײַן אין בעטעל און קוקט אין „זיך אַרײַן“, ענטפּלעקט זיך דעמאָלט יענער גראַזמאַן, וואָס קײנער האָט נאָך ניט געזען, וואָס האָט אַ וואַרעם האַרץ, אַ פֿײערדיגע נשמה און אַ שטאַרקען ווילען, און דער ווילען איז, אַלץ געהן ווײַטער, ווײַטער — יענער גראַזמאַן, וואָס בויט אין דער שטיל וועלטען און די פֿײערדיגע נשמה באַלויכט זײ מיט פֿלאַמען...

און ער דערצעהלט דעמאָלט אויף שטום־לשון די נאַקעטע, שטורמע ווענט פֿון דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין איהם, און די ווענט הערען זיך אײַן און שווײַגען אַזוי גוט, אַזוי הערליך.

ער האָט זיך בלויז אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אָבער ער וועט נישט אויף אײביג שטעהן בלײַבען פֿאַר דער וואַנט — פֿאַר דער אַלטער, פֿאַרשימעלטער וואַנד, וואָס אויף איהר איז אויסגעקריצט מיט צעריבענע, פֿאַרטווישטע אותיות: „טאַטע־מאַמע“... ער וועט נאָך געהן פֿאָראויס... ער וועט נאָך אויספֿיהרען זײַנע הערליכע פּלענער... אָבער איצט מוז ער העלפֿען. מוז ער ראַטעווען.

דער טאַטע שרײַבט איהם.

„טײַערער זוהן!... אויב דו ווילסט האָבען טאַטע־מאַמע.... אויב דו ווילסט האָבען דײַן קלײנעם ברודער... טײַערער זוהן!... וואָלטען מיר ניט געלעגען אויפ׳ן בוידים... די בײַכער וואָלט מען אונז אויפגעשניטען, אויפגעשניטען און אָנגעפּילט מיט פֿעדערען... די רײנע, ווײכע, זילבערנע פֿעדערען, וואָס די מאַמע האָט אַלײן מיט איהרע הענד געפּליקט, אַ פֿעדער נאָך אַ פֿעדער געפּליקט... צעלאָזט האָט מען זײ איבער׳ן גאַס... צעבראָכען די טישען, די בעטען... מיר לעבען... האָבען מיר ניט מיט וואָס צו לעבען. פֿאַרבונדען האָט מען אונזערע אויגען, אַז מיר זאָלען גאָר ניט זעהן... און

מיר פיהלען, אז איבער אונז, הינטער אונז, פאר אונז שטעהט דער מלאך המות מיט'ן חלף... ליבער זוהן!... די מאמע שטעהט ביים אויווען אונטערגעשפארט מיטביידע הענט דעם קאפ און וויינט... און דער פארטוך איז נאס געווארען... זי קאן ניט שרייבען, וויינט זי... אויב ווילסט האבען טאטע־מאמע... איך האב נאך כח... איך וויל ארבייטען... ארבייטען און לעבען!... לעבען וויל איך... דער חלף ליגט אויף דעם האלז!

גראזמאן האט שוין אזוי פיעל מאל געליינט דעם בריף, היינט, נעכטען האט ער איהם געליינט און אייערנעכטען און אין די אותיות, אין די קרום־קיילעכדיגע שורות, אין די גראבע עקען פון די „נון'ען און כף'ען" זעהט ער עפעס אנדערש...

ער זעהט, ווי דעם טאטענ'ס שווארצע אויגען האבען זיך טיף אריינגערוקט אין זייערע לעכער און קוקען מיט מורא, מיט א שווארצען, שטומען פחד, און צווישען ביידע אויגען, דארט וואו די ברעמן צעציהען זיך, ליגט פארעקשנ'ט א דונקלער קארב, אזוי ווי מיט א האק אויסגעהאקט און וויל זיך ניט אויסהיילען. דעם טאטענס רעכטע האנד — די האנד וואס האט רצועות צום „של יד" געוויקעלט, אזוי הייליג געקוויקעלט... וואס האט „שלום־עליכם" יעדען געגעבען אזויווארעם... די הארינגע, ווייכע האנד, וואס האט איהם אפט איבער'ן קאפ א גלעט געגעבען און א זיסע ווארעמקייט אין מח אריינגעגאסען און ביז טיף אין הארץ אריין... די האנד, וואס האט איהם א מאל אין בית־המדרש פאר'ן גאנצען עולם א פליאסק געגעבען, און כאטש א וועהטאג איז געווען און א חרפה פאר דעם עולם, האט זיך אזוי גוט די נשמה געפיהלט, אזוי ווארעם איז געווען, ווייל דער טאטע מיט זיין ווייכער, הארינגער האנד האט עס געטאן... און די האנד, דאס שטומע „פלייש און ביין" האט זיך א שטילען צאפעל געטאן, זיך אויסגעשטרעקט און גענומען די פען, זי פריהער מיט „בלוט פון איהר בלוט" דורכגעדרונגען און נאכ־דעם, לפנים, אין טינטער אריינגעטונקט. און די שטאלענע האר־

טע פען האט זיך אונטערגעגבען און געקריצט מיט די שפיצען אויף דעם פאפיר, זיך אונטערגעגעבען און געקריצט מיט די ציינער... און א קללה האט די האנד אנגעשריבען — א בלוטיגע, שווארצע קללה...

און ער זעהט די מאמע, וואס וויינט ביים אויווען... אין דער פריה מאכט זי פייער „אנבייסען" צו קאכען און פארלעשט דאס פייער מיט די טרערען... פארנאכט מאכט זי וויטער פייער „וועט־שערע" צו קאכען און לעשט עס אוים מיט איהרע טרערען... און דער פריפעטשיק איז צו א ים געווארען... און די מאמע טרינקט זיך... און זי שרייט נאך הילף און דאס געשריי ווערט פארטרא־גען, דורכ'ן קוימען, מיט דעם רויך, מיט די ווינדען, און עס קומט ניט צו קיינעם אין אויער אריין...

און ער זעהט דאס קליינע ברודער'ל, וואס ערגעץ דארט איז הויף, קענען דער זון, שפילט ער זיך און לאכט און שפרינגט, ווי א יונגע שוואלב, וואס פליהט אין דער לופטען און זינגט פאר דער וועלט א ליד פון יונגען לעבען, און ווייס ניט, אז די וועלט ציליוועט זיך אין איהר מיט א פייל...

און ער האט זיי אזוי ליב, זיין טאטע מאמע, זיין קליין ברו־דער'ל מיט די בלויע, פארטראכטע אויגען — דאס קליינע ברודערל, וואס די מאמע שערט איהם דעם בלאנדען קאפ און לאזט איבער גאלדענע טרעפ טרעפ... און ער האט א פארלאנג, זיך ארומצו־נעמען מיט זיי און זיך שטארק צוזאמענצודריקען, ברוסט צו ברוסט און אוועק ווייט, ווייט פון איטליכענס אויגען, און זיך באזעצען אין א טיפען טאל. און דארט עפענען די אויגען ברייט און ווייט... ענטפלעקען דאס הייסע הארץ און דערצעהלען, וואס אזוינס עס וויל זיך, צו וואס עס גלוסט זיך... און דארט אין דעם גרינעם, שטי־לען טאל זיך פיהלען, אז ער האט מקריב געווען דאס בעסטע, און זיין שטאלץ ביי זיך, וואס קיינער האט עס ניט באמערקט, ניט גע־

וואוסט... און דארט אין דער שטיל זאל דאס הארץ דאס צערי־
סענע זיך היילען, היילען...

יא, זיינע עלטערען ברייננט ער אריבער...

„און דו גראזמאן, נעהם און רייס ארויס דאס זיידענע הארץ
און לעג דאס אריין אין איין אייזערנעם קאסטען און זאלסט ניט
עפענען דעם קאסטען. נעם און לעש אויס די פייערדיגע נשמה,
פארשטיק אין זיך דעם שרייענדען ווילען, פארביים מיט די ליפען
און שוייג, זאג ניט א ווארט, קוק ניט אין שפיגעל ווי דיין פנים
זעהט אויס — נאר אויף איין יאהר!... פון טויזענד ניין הונדערט
זעקס ביז טויזענד ניין הונדערט זיבען!..."

ב.

אז גראזמאן קומט אין „שאפ" אריין אין דער פריה, שטעלט
ער זיך אוועק אויף זיין פלאץ און נעהמט זיך ארבייטען. די אויגען
גראבען זיך אריין אין דער ארבייט, די פלייצע בויגט זיך איין, די
ליפען פארמאכען זיך, ווי מיט א שלאס און ער רעדט ניט א ווארט
און ער קוקט ניט אויף גאר ניט. דער קאפ איז אין ערגעץ ניט.
אפילו דער מח וואס הינטער דעם שטערן ליגט זיך רוהיג און
שלאפט... וואונדערבאר איז... וואס דער שטערן — דער הויכער,
טיעף־ווינקעלדיגער שטערן, וואס פון א קליינינקייט האט ער זיך
געקאנט פארקנייטשען, אזש פון דעם תמיד קנייטשען זיך ליגען
אין דער לענג, פון איין זייט שלייף צו דער צווייטער, אזוינע טיפע
קארבען — דער שטערן זאל אזוי ליימיגעוואטע, אהן לעבען, אהן
חיות זיך פארשפרייטען איבער'ן מח...

און דער פארמאן ברייננט איין „ארדער" פאר גראזמאן'ען, און
ער הויבט אויף זיינע אויגען, באגעגענט דעם פארמאנס בליק. פאר־
עקשנ'ט קוקען זיי זיך איבער. און ער זעהט אין פארמאנ'ס אוי־
גען, אזוי צו לייענען: „מענשעלע. איך טו דיר א טובה, זעהסט,
דיר גיב איך א „שאו"... וואס וואלסטו געטאן מיט דיינע עלטע־
רען, ווען ניט איך?..." און א מאל זעהט ער אין זיינע אויגען אזוי

צו לייענען : „ביזט, מענשעלע, מיינער!... פערבונדען צו מיר... פרוב טון קעגען מיר!...“

און גראזמאן לאזט ארונטער זיינע אויגען און שטום שלינגט ער איין זיך אריין די געפיהלען פון ערנידערונג, און ער פיהלט ווי אימעצער וואלט אנלעגען שטיינער, גראבע, הארטע, אויף זיין הארץ און ער האט א מויל, הענט און קאן זיך ניט וועהרען...

דער פארמאן גיט צו איהם א ווינק מיט איין אויג און כאטש ער פארשטעהט, וואס יענער מיינט מיט אזא ווינק, מאכט ער זיך, כלומרשט פארשטעהט ער ניט און פרעגט קינדעריש : „וואס ווינקט איהר?...“ און אויפ'ן ארט שטויסט זיך אן א געדאנק — „מענש, פרעג ניט! ער ווינקט, ענטפער. נאר זעה, אז דיינער זאל זיין א גוט ברודערליכער ווינק !... ווייז ניט ארויס, אז דו ביזט ניט צופרידען!...“

און עס פרעגט זיך, ווי טוט ער דאס אזוי, ווי אזוי קאן ער דאס גובר זיין דעם אייגענעם „איך“, און ווען דער אינעווענינגסטער גראז־מאן קען ניט ליידען דעם פארמאנ'ס ווינק, נעהמט איין אנדערער און גיט אזוי לייכט א ווינק צום פארמאן?...

און עס איז איהם ווי אימעצער וואלט איהם א שטופגעטאן, און ער כאפט זיך און גראבט זיך אריין אין דער ארבייט און ווייטער זעהט ער גאר ניט און טראכט גארניט... און, אז עס קומט אן א געדאנק און וויל זיך נאר אנהויבען צו וועבען, שטעלט זיך אוועק די אלט־פארשימעלטע וואנד, וואס אויף איהר איז אויסגע־קריצט מיט צוריבענע, פארשימעלטע אותיות „טאטע־מאמע“... און ער שרעקט זיך ניט פאר דער וואנד און זי קימערט איהם ניט, נור קלאר ווערט איהם, אז נאך גאר ווינציג געלד האט ער צונויפגעזא־מעלט און וואס מעהר „דאזען“ ארבייט אלץ נעהנטער איז ער צום צוועק, אלץ קלענער איז דאס איינע יאהר...

און ווייטער ארט עס איהם ניט, וואס די ארבייטער אין שאפ, וועלכע האבען תמיד געקוקט אויף איהם פון אונטען ארויף, קוקען

איצט צו איהם מיט אויגען ווי פון אויבען: „מענשעלע, וואס איז מיט דיר?... איז דאס דער אייגענער גראזמאן?... וואקסען אלע גראזמאנס פון דער הויך ארונטער, ארונטער?...“ ער וויים עס און שווייגט. צו גרוים איז ער ביי זיך, ער זאל זיי פון עפעס דערצעהלען... און פיינט האט ער תמיד פאר יענעם זיך אויסדערצעהלען פון דעם, וואס ער טוט, וואס ער ליידעט... ער איז אליין שטארק ביי זיך איבערצוטראגען אלץ...

און מעג ער „איינשלאפען“, קאן ער זיך, אין א צייט ארום, אליין אויפכאפען און אראפווארפען פון זיך אלץ און ווייטער וואקסען, ווייטער געהן מיט'ן ווייטען, ווייטען וועג, צואיילען זיך, איבערשפרינגען טאל און בערג און איינלויפען דאס, וואס ער האט פארשלאפען...

## ג.

איז גראזמאן געקומען פון „שאפ“ און האט געעפענט מיט כעס די טיר פון זיין „רומקע“, זי מיט א שווערען קלאפ צוגעמאכט און אוועקגעלעגט א פעקעל אונטער'ן טישעל. און זיין כעס האט זיך געשטארקט, וואס מעהר ער האט געקוקט אויף דעם פעקעל, — „נאכט־ארבייט“ ליגט אין פעקעל... „היים־ארבייט“, וואס מאכט די אויגען בלינד, וואס צוברעכט נאך מעהרער, דעם פון א גאנצען טאג ארבייט צובראכענעם קערפער, וואס מאכט טויב די געפיהלען, וואס פארטרייבט די פון א גאנצען טאג פאריאגטע מחשבות — צעריסענע, פארשטויסענע, טייערע מחשבות!...

און אז ער וועט דאס פעקעל אויסארבייטען... דאס הייסט, דאכט זיך אז ער האט גארנישט געוואלט נעהמען, און דער פארמאן האט איהם געפרעגט: „ווילט איהר „נאכט־ארבייט“ א היים נעהמען?...“ און ער האט עפעס ווי אהן לשון צוגעשטימט, כאטש אימעצער פון אינוועניג האט געווארנט: „נעהם ניט אהיים, פארשוועך ניט דיין הייליגע „רומקע“ מיט נאכט־ארבייט... דאס איינציגע, וואס ביי

וייר איז איצט געבליבען, איז 3—4 שעה פאר'ן שלאָף זיצען איינער אליין אין דער רומקע מיט די שטומע, נאקעטע ווענד און זיצען אזוי און שווייגען..." און אז ער וועט דאָס פּעקעל אויסארבייטען, וועט איהם צוקומען צום חשבון נאָך איין דאלאר... אזוי, הייסט עס — איין דאלאר!... אזא קליין „נישט" וועט איהם צוברעכען, אויס־מאטערען... איהם?!

א גאסען־זייגער האָט ערגעץ אין טומעל פון דער גאס זיך ניט פארגעסען און געלאָזט וויסען דער וועלט, וואָס איז ארוים פון דעם לאנגווייליגען, לעדיגען הויז־לעבען אין די לאנגע, שווארצע, פולע, טומעלדיגע, אָהן אינהאלט־טויטע גאסען; געלאָזט וויסען די נשמות, וואָס צאפּלען זיך אין זייערע איינזאמע „רומקעס" און רייסען זיך צו עפּעס אין דער שטיל, אליין... מיט זיינע קלאנגען פון א קירכען־גלאָק אָנגעזאָגט די פארצווייפעלטע, וואָס זיינען אנטלאָפען פון דער גאָס אין הויז אריין פאר שנאה צו דער גאָס, און וואָס ווילען אוועק פון'ם הויז און האָבען ניט קיין פּלאַץ, קיין אָרט... אָנגעזאָגט אכט שווערע לאנג־אויסגעצויגענע קלאנגען. און גראזמאן האָט זיי נאָכגע־צעהלט און געטראכט, אז דאָס איז פאר איהם אליין. דער גאסען־זייגער וויל איהם טרעפען, איהם אָנזאָגען, אז: „מענשעלע, האָסט נאָך 3—4 שעה... זעה, לאָז זיי ניט אוועק מיט גאָרניט... צוועלף — שלאָפען, שלאָ־אָ־פען... און זעקס, ווייטער אויסשטעהן..."

גראזמאן האָט אויף גיך דאָס לעמפּעל אָנגעצונדען און די „רומ־קע" באטראכט.

און אין דער מינוט איז אין זיינע אויגען די „רומקע" אזוי שעהן געוואָרען... די גרינע, נאקעטע, שטומע ווענד האָבען זיך ווי מיט א ליכטיגען שמייכעלע פארצויגען און דאָס טישעל איז געשטאנען אזוי ציכטיג, קינדיש און געשוויגען, מיט די דינע, ווייסע פיסעלעך לייכט און מיידעליש געשטאנען... און א הויפען ביכער איז געלעגען אין איין עק טישעל מיט די רוקענס פון פאָרענט — א גאנצען טאָג האָבען זיי שטיל געטרוימט, יעדעס בוך געטרוימט זיינס, און איצט

ליגען זיי און קוקען מיט זייערע גאָלדענע, טיף־איינגעפּרעסטע נעמען אזוי שטיל, אזוי ליכטיג און ברייט, ווי נאָר נאָך א גוטען טרוים קאָן מען קוקען... און דאָס לעמפּעל שטעהט זיך שטאָלץ אונ־טער'ן פּאַפּירענעם אבאזשור און דאָס פלאם־פייערדיג אויג זיינס קוקט אזוי ברייט, אזוי ווייט און ווארט אויף אימעצען, ווי א יונג מיידעל, וואָס צוואגט זיך אויס, פּארפּוצט זיך און שטעהט און ווארט אין פענסטער אויף אימעצען, מיט וועמען זי דארף שפּאצירען געהן...

און דאָס פּעקעל „נאכט־ארבייט" ליגט אונטער'ן טישעל און גראזמאן קען ניט צוגעהן און עס עפענען. וועט ער דאָס מיט זיינע הענד אליין עפּעס חרוב מאכען, צעשטויסען?...

און נעכטען, אייערנעכטען האָט די „רומקע אויך אזוי אויסגע־זעהן?...

גראזמאן פארלעגט א האנד, איינע איבער דער צווייטער, אויף דער ברוסט און נעהמט זיך געהן מיט שווערע טריט הין און צוריק, הין און צוריק, און, אין זיינע אויערען קלינגט אזוי מורא'דיג אי־מעצער — „ווער פאָדערט פון דיר?... פאר וואָס האָסטו זיך פאר־קויפט?..." און אין זיינע שווערע טריט הערט זיך אזעלכעס, ווי ער וואָלט פעסט אָפּענטפערען. ער שפּרייזט איבער דער „רומקע" און שרייט מיט א הארץ־שטומען קול: „איך האָב עס געטאָן!... קיינעם פרעג איך ניט... קיינעם!..."

און די ביכער מיט זייערע איינגעפּרעסטע גאָלדענע נעמען האָ־בען פארלאָרען דעם ברייטען, ווייטען קוק און מיט שרעק האָבען זיי געקוקט... און אין פלאם־פייערדיגען אויג פון לעמפּעל האָט זיך ארייגעריסען א האלבער שטראל פון צווייפעל, צו וועט קומען דאָס, אויף וואָס עס ווארט זיך.. און גראזמאן האָט געפיהלט ווי עפּעס גנב'עט זיך ארייִן צו איהם אין די אָדערען, וואָס וועבען זיך ארום הארץ. און שטיל גנבעט זיך דאָס.

און איהם אין גאנצען האָט ארומגעכאפּט אזא ביינקעניש, אזא ביינקעניש נאָך יענע אבענדען, ווען די „רומקע" איז געוועזען אזוי

שעהן, ווען די נאקעטע, שטומע ווענד האבען געלויכטען מיט א שטילער, הערליכער, ריינער פרייד און ער האט פארבראכט די אבענדען מיט זיצען איינער אליין, מיט שפרייטען לאנגע וועגען און טראכטען וואו דער אנהויב איז און וואו עס איז א סוף... א שטילער שמערץ האט איהם אנגעכאפט נאך די 3—4 שעה פאר דעם שלאף, וועלכע ער הויבט אן אוועקצולאזען איין נאכט נאך דער צווייטער...

און דאס הארץ רייסט אזוי, און די נשמה צאפּעלט זיך אזוי!...

גראזמאן איז ביים טישעל שטעהן געבליבען, זיך איינגעבויגען, ארויסגענומען דאס פעקעל „נאכט־ארבייט", אויף'ן טישעל אוועק־געשטעלט דאס און גענומען אויפבינדען מיט א רעש, אזוי ווי ער וואלט וועלען זיך פארטיפען אין דעם אויפקניפען און דערמיט אפ־טרייבען פון זיך אזוינס, וואס ער קאן איצט ניט זעהן, אוועקשטופען פון'ם זכרון דאס, וועגען וואס ער וויל ניט טראכטען, און וואס מעהר ער וויל זיך אוועקרייסען דערפון, קומט עס ארויס אין זכרון אלץ שארפער, שארפער...

דאס איז איהם ארויפגעקומען אויף'ן זכרון:

אין א ווינטער אוונט... אין שטוב איז ליכטיג, ווארעם... די מאמע זיצט ביים אויווען און שוימט די יויך אלע רגע און געהט א ציצענע ציך מיט רויטע קווייטען און די קווייטען זיינען באלויכ־טען פון'ם פייערעל, וואס פלאקערט אויף'ן פריפעטשעק, — נעהט די ציך און שוימט די יויך. און איהרע באקען זיינען אנגעצונדען מיט א הייסען, זיסען טרוים און דאס פייער'ל פון'ם פריפעטשעק פלאמט הינטער דעם טרוים... דער טאטע זיצט ביים טיש איבער א גראבער גמרא און לערנט מיט א שטילען, הייסען נגון... און ער, גראזמאן, זיצט מיט א קליינעם ביכעל אין גאנצען 40 בלעטלאך. און איז טיעף ארייגעלאזט אין די לידען, וואס דער פאעט האט באשאפען מיט יעדען אות, מיט יעדען בלעטעל... דאס ברודער'ל איז פון'ם „ביי־נאכט" א היים געקומען און געעפענט די טיר מיט א פרעהליכען „גוטען אבענד", און די פראסטיגע, פרישע לופט האט זיך מיט א קיהל ווינטעל אריינגעטראגען אין שטוב.

די מאַמע האָט צום טיש געגרייט און דער טאַטע האָט זיך גע־וואַשען און „המוציא" געמאַכט... ער איז צום טיש געגאַנגען מיט דעם קליינעם ביכעל און פאַרטיפט איז ער געווען ערגעץ ווייט, ווייט... נאָכדעם לאָזט זיך דער טאַטע מיט איהם אריין אין א שמועס און דערצעהלט איהם פון מהרש"א'ס אן איינפאַל און דער־צעהלט האָט ער מיט התלהבות, מיט א פלאַם... און ער האָט דעם טאַטען דעמאָלט איבערדערצעהלען פון'ם ביכעל און מיט ביידע הענד איהם מסדר געווען די גרויסקייט פון'ם פּאָעט, דעם סדר מאַהלען, וואָס הייסט מאַהלען מענשען אויף'ן פּאַפּיר... און וואָס הייסט קונסט... און עס איז ארויס א לאַנגער, שטאַרקער וויכוח צווישען איהם און טאַטען. און דער טאַטע איז מיט א מאָל פון הינ־טערען טיש און ער איז אויך ארויס און זיי ביידע האָבען זיך גענומען שפּרייזען איבער'ן שטוב... און יעדער האָט גע'טענה'ט זיינס... און דער טאַטע האָט פּלוצים א זאָג געטאָן, אז דאָס איז נארישקייטען, פּלאַפּלעריי, אזוינע פּיאַצען... און ער גיט ניט א גראָשען פאַר זיי־ערע קונצען... און גראַזמאַן איז ברוגז געוואָרען — דעם טאַטענ'ס מהרש"א האָט ער ניט געקאָנט שענדען, טייער איז ער געווען ביי איהם, ווי ביים טאַטען — און איז ארויס פון שטוב און האָט זיך גענומען שפּאַצירען אויף'ן גאַניקעל אַפּ און אויף... און די געזונדע, בלויע, פּראַסטיגע נאַכט האָט איהם ארומגעכאַפּט און זיך געבעט־טען ביי איהם — „זיי ניט ברוגז!..." און דאָס בוימעלע וואָס אין „פּאַליסאַדניק", דאָס נאַקעטע בוימעלע איז געשטאַנען און ווי גע־לאַכט פון איהם — „קוק אָן, איך בין נאַקעט, מיינע צווייגען אָהן בלעטלעך, איך הער ניט קיין פויגעל געזאַנג און שטעה און וואַרט, האָף און בעינק נאָך יענער צייט, וואָס וועט קומען און עס וועט מיר בעסער ווערען... מען טאָר ניט זיין ברוגז... שעם זיך!..." און אין שטוב האָט מען געוואַרט, געוואַרט, און די מאַמע האָט זיך ניט איינגעהאַלטען און דאָס פאַרהייגעל פון'ם פענסטער פאַרהויבען, צוויי מאָל אָנגעקלאַפּט — „נו שוין, נו שוין, קום אריין!..."

און גראַזמאַן זעהט זיין מאַמע, וואָס איז איצט ערגעץ ווייט, ווייט פון איהם, וועלכערופט—„וואו ביזטו, פליש פון מיין פלייש?... וואו ביזטו, מילך פון מיין מילך?... וואָס שווייג־סטו?!...״ און אַז ער וואָלט איהר קאָנען זאָגען, אַז ער זאָל קאָנען איהר דערצעהלען: דאָס פלייש פון דיין פלייש איז צו קופּער געוואָרען, און די מילך פון דיין מילך איז פאַר׳סמ׳ט... און ער האָט ניט קיין אָרט און ער געפינט זיך אין א טויטען פינסטערען טאָל... און דו, מאַמע, ווילסט פון איין טויט אַרויסרייסען זיך, און צום צווייטען אין די ציין אַריינקומען...״

זיינע עלטערען וויל ער אַריבערברענגען... אַריבערברענגען!...

און פּלוצים שווימט אַרום זיין קליין ברודערל פאַר זיינע אויגען...

אין א זומער טאָג... דאָס שטעטעל האָט זיך איינגעצויגען מיט לייכטע וואָלקענס און עס איז געווען אַזוי קיהל, און ער איז געזעסען אויף׳ן גאַניקעל און געקוקט אין די כמאַרעס, און עס האָט זיך נאָך עפּעס געביינקט און געצויגען... און די כמאַרעס האָבען זיך אויך געצויגען, געשטרעקט נאָך עפּעס און אַלע מאָל א טראָפּען רעגען גע־געבען און ווייטער זיך געצויגען... און דאָס קליינע ברודער׳ל איז געשטאַנען מיט דעם הוילען בלאָנדען קאָפּ הינטער׳ן בוימעלע, וואָס אין „פּאַליסאַדניק״ און געזונגען...

„גאָט, גאָט־ט גיב־זאָ־דע־גען...״

און אונטערגעטאַנצט...

„קליי־נע קינדער ווי־לען וואַ־א־קסען!...״

און דאָס בוימעלע האָט זיך אויך געשאָקעלט און אויף זיין לשון געבעטען:

„קליינע בוי־מע־לעך ווילען וואַ־א־קסען!...״

און איהם האָט זיך דאַמאָלט אַזוי ליעב באַקומען זיין ברודער׳ל, זיינע פאַר׳חלום׳טע אויגעלעך, זיינע טרוקענע קאַרשענע ליפּען און די ציינדעלעך די ווייסינקע, וואָס האָבען זיך אַרויסגעוויזען בשעת

זינגען די תפילה... און דאמאלט האט זיך איהם שטארק א בּיינק געטאן נאך עפּעס...

„וואקסען... וואַ־אַ־ק־סען!...“

שטיל האט גראזמאן די „ארבייט“ צעלעגט אויף׳ן טישעל, ארונ־טערגעריסען דעם פּאפּירענעם אבאזשור פון׳ם לעמפּעל, די ביכער ארייגעלעגט אין קאסטען און ארויסגעריסען האט ער דאס הארץ זיינס, די פייערדיגע נשמה פארלאשען און פארמאכט דעם קאסטען מיט א שווערען קלאפּ... און אנגעהויבען צו ארבייטען...

---

דער גאסען־זייגער האט זיך ערגעץ אין טומעל פון דער גאס, ניט פארגעסען און אויסגעצויגען זיינע שווערע קלאנגען, און גראזמאן האט זיי נאכגעצעהלט און געדאכט האט זיך איהם, אז דאס איז ווי די לעצטע ווערטער פון איינעם, וואס וועט מעהר ניט רעדען צו דער וועלט.. און געפיהלט האט ער, ווי א „גביא“ קלאגט דארט אין די קופּערנע, שווערע קלאנגען און וויל אימעצען שניידען, שניידען, „מענש, פינסטער איז דאס ליכט, וואס איז דיר געגעבען געווארען אין דיינע אויגען... און דו זעהסט ניט דיך אליין... טעמפּ איז דיין הארץ, און דו פיהלסט ניט דיינע יסורים, דיינע ליידען... און דער־פאר וועסטו תמיד וויסטען דיין פינסטער לעבען און תמיד וועסטו טאן ביינקען נאך עפּעס און באגעהרען עפּעס און זיך ניט קאנען בייקומען...“

# אין אַ קאפע־הויז

עס איז אַנגעפאַלען איין הערבסט נאַכט מיט איהר גרוי־שוואַרצ־ליכען טומאַן, וואָס פרעסט און נאַגט ביי מענשען דאָס האַרץ און וואַרפט אויף זיי אַן אַ שווערע, זויערע לייַדיגקייט. און זי האָט זיך פאַרשפּרייט מיט שוואַרצע, מורא׳דיגע פליגלען איבער די שטיבער און אין די לאַנגע, שמאָלע גאַסען — און געוואָרפען אַ גרויליכען נאַסען פּחד אויף איטליכען; און שוואַרצע גייסטער האָבען איט־ליכען געטריבען פון די שטיבער אויף דער גאַס און זיי פאַרפאָלגט אין גאַס מיט אַ שווערען, קאַלטען אומעט. און די הערצער האָבען זיך געמאַטערט, און עס האָט זיך געוואָלט ערגעץ אַ פּלאַץ געפינען, וואו מען זאָל זיך אַליין ניט פיהלען, וואו שדים זאָלען קונצען־שטיק ווייזען, און פון דעם אינווייניגסטען שד, פון׳ם שוואַרצען אומעט זיך צו באַפרייען.

---

א יונגע פרוי אין שמוציגע קליידער, מיט פאַרברענטע, טרו־קענע ליפּען; מיט אַ געל־בלייך איינגעפאַלען פּנים, אויף וועלכען עס איז נאָך פאַרבליבען דאָ און דאָרט, פון יענע גאָר יונגע יאָהרען, שעהנע געזיכטסציגע: אַ קליין קייַלעכיג מאָרדעטשקע מיט אַ פאַר־ריסענעם נעזעל; מיט אויגען, וואָס אַז זיי זאָלען, ווען ניט איז, כאַפּען אַ גוטען געשמאַקען שלאָף, וואָלטען זיי געוועזען שעהנע, לאַנג־ווינקעלדיגע, שוואַרצע, — לויפט און פּלאָנטערט זיך אין דעם קאַפּע־הויז צווישען די טישלעך, מיט דעם קאָפּ אַריינגעצויגען טיעף אין די פּלייצעס, ווי זי וואָלט פאַרקראָכען אין אַ זומפּ, און נאָך אַ סך ראַנגלען זיך אין זי מיד געוואָרען און קען שוין ניט אַרויס־קריכען.

ביי דעם טישעל דערלאַנגט זי קאַפּע, און ביים צווייטען כאַפּט זי אַ ווערטעל מיט איינעם, און ניט יענער האָט הנאה געהאַט פון'ם ווערטעל און ניט זי אָרט דאָס... ביי אַ דריטען טישעל נעמט זי געלד און צוזאַמען מיט דעם געלד איז זי מקבל די קאַלטע, טויטע בליקען, וואָס ווערען איהר צוגעוואָרפען.

דער גאַז־לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ פאַרשטויבטער, גרויער דראָטענער קייט, האָט פאַרשפּרייט איבער דאָס קאַפּע־הויז, אַ ליכט, אַ פינסטערנים; אויסגעמישט מיט דעם סיגאַרען־רויך איז אַרויסגעקומען אַ גרוי, געל געדיכט און טונקעל ליכט, וואָס האָט אַזוי געדריקט אויף די הערצער פון די מענשען, וואָס זיינען דאָרט געוועזען און געטריקענט זייערע העלזער, און זיי האָט זיך געדורשט נאָך פייכטקייט.

מענשען זיינען געזעסען, שווער און איינגעבויגען, צוגעוואָרפען ביי די טישלעך, אַריינגעכאַפּט און פאַרגיפטעט פון דעם ליכט, מיד פון עפּעס זעהר אַ שווערער אַרבייט, פויל און אויפגעפרעסען פון אַ ביטערען טעות, פון אַ שוואַרצען צווייפעל — און געטרונקען קאַפּע.

און גלייכגילטיג האָבען די מענשען געשלונגען די קאַפּע און עס איז זיי ניט גרינגער געוואָרען; זיי האָבען באַשטעלט אַ צווייטען מאָל קאַפּע און ווייטער געטרונקען. און זייערע קערפּער זיינען זיי איינגעפאַלען; און זייערע פּנים'ער זיינען פאַרגיפטעט געוואָרען מיט אַ טויטער געלקייט; און זייערע אויגען זיינען אומבאַוועגליך געלעגען אין די שוואַרצע שאָטענדיגע לעכער. און עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז ביי די מענשען געהט אוים באַלד דער לעצטער פונק און זיי בלייבען זיצען פּגרים־קערפּער. און זיי ווייסען ניט פון דעם און זיי פיהלען ניט, אַז עס לאָזט זיך זיי אוים דער חיות...

די ווענד, וואָס זיינען געוועזען האַלב באַלויכטען און האַלב אין שאָטענס זיינען געוועזען אויסגעקלעבט מיט געקעסטעלטען פּאַפּיר, און אין יעדעם קעסטעלע האָט געשטעקט אַ צורה מיט צוויי אויגען, איינס אָפען און דאָס צווייטע פאַרשלאָסען. און עס האָט זיך געדאַכט,

אז די צורות לאכען פון די מענשען, וואָס געפינען זיך דאָ. און זאָל אימעצער פרובען נעמען א האק און וועלען צעהאקען די געזיכטער מיט די וואנד צוזאמען, וועט זיך זיין האנד ארונטערלאָזען מאכט־לאָז, פארשעמט — אזוי האָבען די פאפירענע צורות געלאכט שטום און שטעכיג...

---

ביי א טישעל, וואָס איז אָפגעריסען און פארגעלט, און וואָס וואקעלט זיך פון אלטקייט, און וואו מיט יעדעס שטילען סקריפ, וואָס ער גיט, הערט זיך א שטומער קרעכץ אויף דעם, וואָס קאָן זיך ניט ארויסרייסען פון זיין איינארטיגען, זויער־פוילען לעבען, זיצען צוויי: א פלייטיסט מיט ברילען אויף זיין דינער, לאנג־שפיציגער נאָז, מיט א קליינעם שטערען, געל־גרויען בערדעל, מיט א פארמעגען פון אן אָפגעניצטער פלייט, וואָס איהרע קלאפאנעם זיינען צוגעבונדען מיט געלען דראָט — און א פידלער, אן עלטערער מענש, מיט א דאָפעלשפיציגען, גרוי־קלאָטשעוואטען באָרד, מיט ברילען אויף זיין ברייטער נאָז, מיט זעהר אָפגעריסענע קליידער און א פארמעגען פון א געלען, פארשטויבטען פידעל. דער ערשטער זיצט ביי דער וואנד און קוקט אוים צו זיין די „פרימא", דער סאָליסט, און דער צווייטער איז זיין אונטערהעלפער, דאָס צווייטע אינסטרו־מענט, און זיצט ביים עק פון טישעל.

דער פלייטיסט האלט די פלייט אין מויל, מיט איין אויג ארייג־געצויגען אין זיך, נישט זיין עסק, וואָס אויף דער וועלט קומט פאָר, און מיט דעם צווייטען אויג קוקט ער שארף און שטעכיג איבער דער בריל צום טעלערעל, וואָס שטעהט ליידיג אויף'ן טי־שעל.

דערפאר נעמט דער פידלער נישט אראָפּ די אויגען פון דעם, וואָס עס טהוט זיך אין קאפע־הויז. מיט איין האנד מאכט ער לויפען דעם „שמיציק" און די שווארצע, דארע פינגער פון זיין אנדער האנד פלאָנטערען זיך אויף די סטרונעס און זוכען עפּעס דאָרט אזוינס,

וואס זיי האבען פארלארען; מיט זיינע אשענע, קליינע אויגען קוקט ער פון אונטער די ברילען און באטראכט די געסט, וואס קומען און געהן אוועק.

„א געמיינע סחורה", טוט דער פידלער באלד א הויבען גענעץ, אזש זיין מויל צום צעריסען, און א דרעה מיט דעם קערפער אהין און צוריק, און דער פלייטיסט וויים שוין, וואס עס מיינט. און דאס „שטיקעל" געהט זיך זיין וועג, פארשטענדליך, וואס א מאל שוואכער, שוואכער, אזוי ווי איינער, וואס שרייט אין א וויסטער מדבר נאך הילף און אז קיינער ענטפערט ניט, ווערט ער וואס א מאל שטילער...

איז אבער דער מענש פיין געקליידעט, גיט זיך דער פידלער א בויג צום פלייטיסט און עס קלאפען זיך אן ברילען צו ברילען און עס ווערט איבערדערצעהלט א סוד, וואס קיינער קען ניט וויסען זיין אמת'ע באדייטונג.

דער פידלער באקומט פלוצים גרויסע אויגען, כמעט גרעסער פון זיינע ברילען, ווי זיי וואלטען וועלען ארויסשפרינגען פון זייערע לעכער...

דעם פלייטיסט'ס אויגען שטעלען זיך אוועק פונקט אין דער מיט ברילען און באקומען א פייכטען גלאנץ...

נאך'ן געשפרעך נעמט דער פלייטיסט די פלייט אין מויל אריין און גיט מיט זיינע ווייסע פלאטשיגע פינגער א שטארקען קלאפ אין די קלאפאנעס און עס בלאזט זיך ארויס א מין קוויטש: א לעבעדיגעס, א פריילאכס.

דער פידלער ציהט ארויף זיינע אויגען אונטער די ברעמען און אויף דעם געלען שטערען ווארפען זיך ארויס דינענקע קנייטשעלעך, און ער גיט א סמיק די סטרונעס מיט'ן שמיציק און עס קומט ארויס א געמישטער קול, ווי עטליכע קעץ וואלטען זיך מיט איין מאל צעוויינט.

ביי אן אנדער טישעל זיצען דריי.

איינער מיט זיינע פיס אויסגעשטרעקט טיף אונטער'ן טישעל, דער צווייטער זיצט ברייט אויף דעם ביינקעל און ווינט זיך, און דער דריטער, אנגעשפארט ביידע הענד דעם קאפ, פארנעמט כמעט העכער א האלב טישעל און זיצט ווי אויף א שפיץ פון'ם ביינקעל.

„אינטערעסאנט", — ציהט ארויס דער, וואס וויגט זיך, פון זיין פארמאכטען מויל, עפעס ווי זעהר וויכטיגע, גוצליכע ווערטער, און ווייזט אן אויף די מוזיקאנטען, „זעהר אינטערעסאנט. קוקט, וואס פאר א טיפען דאס זיינען".

„מוזיקאנטען, וועלכע געניצען", זאגט דער, וואס איז צעלעגט איבער דעם טישעל און טוט איין איינגעהאלטענעם גענעץ. איינציהענדיג און פארשליסענדיג זיינע ליפען, וועלכע האבען זיך גע־ראנגעלט מיט'ן גענעץ...

„א ניקעל וועט אבער פגר'ען..." זאגט דער דריטער נביאות און גיט זיך א כאפ און ציהט ארויס די פיס פון אונטער'ן טישעל, מיט א פוילער, מאכטלאזער באוועגונג, און נעמט זיך ווארפען צוקער אין דאס גלאז קאפע.

---

דער פידלער לעגט פארזיכטיג אוועק דעם פידעל אויף דעם טישעל, נעמט דאס בלעכענע טעלערעל און לאזט זיך מיט איינגע־האלטענע טריט איבער דאס קאפע־הויז, צו בעטלען געלד פאר דאס פרעהליך מאכען.

מיט איין האנד צוגעדריקט צו דער ברוסט און אין דער אנ־דערער דאס טעצעל איז ער צוגעגאנגען מיט דרך ארץ צו די דריי יונגע מענשען. ביי זיי איז א ניקעל, נאך א לאנגער איבערקוקעניס פון איינעם צום צווייטען, גע'פגר'ט... דער פידלער האט זיינע אוי־גען עפעס ווי איינגעצויגען, פארבאהאלטען. ער איז נישט גאר צו־פרידען געוועזען.

די האנד, וואס איז געלעגען אויף דער ברוסט איז שווער ארונ־טערגעפאלען און ער האט זיך א קראץ געטאן אין בארד — פאר־

צוויישפעלט... ער איז אוועק צו אן אנדער טישעל, וואו צוויי יונגען זיינען געזעסען אויסגעצויגען אויף די שטולען מיט זייערע הענד איז די קעשענעס, מיט רויט־פלאמענדע אויערען, און קארטען זיינען געלעגען צעווארפען אין אונארדנונג אויף דעם טישעל.

„פעטערעל, מיר זיינען פארשפיל־ט!" האט זיך פון זייערע מיילער ארויסגעכאפט מיט איין מאל.

„מילא..." מאכט דער פידלער און געהט מיט שנעלע טריט, ווי אן אפגעשמיסענער, צוריק צו זיין טישעל, וואו דער פלייטיסט איז געזעסען מיט דער פלייט אין מויל און געקוקט מיט זיינע אויגען אראפ אין די אפענע לעכער פון'ם פלייט און, אפשר געפארשט פון דארט צו מאכט זיך עפעס אין דער קאלעקציע.

דער פידלער האט אוועקגעשטעלט דאס טעלערעל מיט דעם ניקעל אויף'ן טישעל און ווייטער האבען זיך ברילען צו ברילען גענויגט און עפעס גערעדט א שטילען, שטומען סוד נאכדעם האט דער פלייטיסט ניט פרעגענדיג זיין חבר'ס עצות א כאפ געטאן זיך צו דער פלייט און זיך צעקלאפט מיט די פינגער אין די קלאפאנעס, און זיך צעלאזט אין א יללה, זיך צעקלאגט ווייך, הארציג.

דער פידלער האט זיך, ווי דערשראקען און איז אראפ פון'ם גלייכען וועג און ניט געקאנט אונטערכאפען די ריכטיגע טענער, און מיט אימפעט האט ער געטריבען דעם „שמיציק" איבער די סטרונעס — ער וויל אויך אנטייל נעמען אין דער יללה...

א יונגער מאן וואס איז די גאנצע צייט געזעסען אין א ווינקעל, שטיל און פארשטעקט, האט זיך איצט שווער און מיד, רייבענדיג זיינע אויגען, אוועקגעטראגען און פארבייגעהענדיג די צוויי „שפילער", האט ער זיי דערלאנגט אן אפענע פושקע מיט ציגארען.

דער פידלער האט צוויי שווארצע, דארע פינגער פון'ם „שמיציק" אפגעריסען און זיי ארייגעלאזט אין פושקע, ארויסגענומען צוויי ציגארען; איינע האט ער זיך צווישען די ליפען פארשטעקט און די צווייטע האט ער מיט גדלות דערלאנגט זיין חבר.

## באָנפייער


באנפייער

עס איז געווען, אַז דער טאָג מיט דער נאַכט האָבען זיך געביטען, און דער הייסער זונענדיגער טאָג האָט ניט געוואָלט אַזוי גיך אָבטרעטען דעם אָרט דער קיהלער, שטילער נאַכט און זיי האָבען זיך איינגעפלאָכטען איינס אין דאָס אַנדערע און זיך געשטויסען איינס אָן דאָס אַנדערע, און עס איז אַרויסגעקומען, אַז די העלקייט פונ׳ם טאָג און די בלויקייט פון די נאַכט האָבען זיך צונויפגעמישט אין אַ לייכט־בלויער, דורכזיכטיגער לופט.

איבער די גאַסען האָבען זיך געשפּרייט בלאָהע שאָטענס. און אַזוי ווי לאַנגע טייכען זיינען פון ביידע זייטען פון דער גאַס געגאַנגען מענשען.

אין דער מיט פון דער גאַס האָט געהילכט די פרייד פון די קינדער, וואָס זיינען אַרומגעלאָפען היין און הער און געשריגען.

איין אינגעלע האָט דאָס ערשטע דערפיהלט דעם פאַרלאַנג עפּעס צו טון. און ער האָט אַ שפּרונג געטאָן מיט זיינע פיס און זיינע אויגלאַך האָבען געטאָן אַ בליץ און ער האָט אַריינגערוקט די צוויי מיטעלסטע פינגער פון זיינע הענד אין מויל אַריין, געטאָן אַ בלאָז — פיר־יר־י !...

די לופט האָט זיך צעטרייסעלט, און פון איין עק גאַס ביז צום צווייטען האָט זיך דער הויכער, שאַרף־קנאַלענדער פייף צעטראָגען און אָנגעזאָגט, גערופען, געוועקט צו דער „אַרבייט“... און ער איז אויסגעשטעלט אין אַ רעדעל. און אַ טייל האָבען מיט הייסע, פלאַרע הערצער איז שנעל געבאָרען געוואָרען אַ ווילען עפּעס צו טאָן.

אין דער־מיט־גאַס האָט זיך פאַרזאַמעלט אַ מחנה אינגלעך, זיך אויסגעשטעלט אין אַ רעדעל. און אַ טייל האָבען מיט הייסע, פלאַ־

מענדע פּנים'ער, מיט האַרטע שווערע באַוועגונגען, איבערגערעכענט פּאַרשידענע „טועכטסען", און אַ טייל זיינען געשטאַנען מיט אויפ־געהויבענע פיס, אָנגעגרייט צו ערפילען אַלץ, וואָס מען וועט עפּעס דאַרפען טון.

איין אינגעל, אַ נידריגער, מיט הוילע בלויע פּאַראַסינענע הויזע־לעך, וועלכע האָבען פּאַרדעקט זיין מאַגער, דיין קערפּערל פונ'ם האַלז ביז צו די קני, איז געשטאַנען אַן אַ זייט פון דער חברה.

דער פייף האָט אין זיין הערצעל דאָס ערשטע אָפּגעקלונגען און עס האָט זיך ביי איהם ערוועקט אַ באַגער, און ער איז געלאָפען גלייך מיט אַלע. און אַז ער איז צוגעקומען נאָהענטער האָט זיך אויף זיין הערצעל עפּעס אַ שווערע זאַך אַרויפגעלעגט; און ער האָט אָנגעהויבען שווער צו אָטעמען; און די הענטלעך זיינען ביי איהם שווער און מאַכטלאָז אַרונטערגעפאַלען.

ער שטעהט און קוקט מיט אַזאַ מין בליק, ווי אַ שוואַך, קליין פּערדעל, איינגעשפּאַנט אין אַ שווערען וואָגען, וואָלט באַגעגענט אין וועג אַ הויכען, גרויסען באַרג און שטאַרקע, גרויסע פערד געהען דעם באַרג אַריבער גרינג, און עס וויל זיך איהם אויך איבערשפּרינ־גען דעם באַרג, און עס פיהלט זיך ניט אין די כחות, און עס רייסט זיך אַ שטילע קללה...

---

„ אַ פייער!"...

האָט איינער פון דער חברה אָפּגעשאַלט אין דער לופט, און ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענד, איין דאַלאָניע צו דער אַנדערער אָפּגעפּרעסט.

דאָס איז געווען אַ פייערדיג וואָרט, וואָס איז אַריינגעשאָסען געוואָרען אין די הערצער פון דער חברה. און מען האָט זיך געגעבען אַ וואָרף און אַוועקגעשוועבט ערגיץ אין די טיפע בלויקייט פון דער נאַכט; מען האָט דערפיהלט, אַז די פיס זיינען צו פליגלען געוואָ־רען, און מען איז אַוועק קלייבען ברעטלאַך, שטעקלאַך און פּאַפּיר.

דאָס קליינע אינגעלע האָט ווי דערפיהלט דאָס מיטעל, דורך וועלכען ער זאָל זיך קאָנען צושלאָגען צו דער חברה. ער וועט לוי־פען ברענגען האַלץ. ער איז אוועק. און די פיסלעך זיינע האָבען די ערד ניט באַריהרט און זיינע הענטלאַך זיינען, דאַכט זיך איהם, גע־וואָרען אזוי שטאַרק, אזש בערג וואָלטען זיי אונטערגעטראָגען. און דאָס הערצעל האָט געטאַנצט, און געטרוימט האָט זיך איהם, אז ער וועט שטעהן גלייך מיט דער גאַנצער חברה ביי א גרויסען, רויט־פלאַמענדען פייער און וואָס „זיי" וועלען טון, וועט ער אויך קאָנען טון.

חברה האָבען פון אַלע עקען פון דער גאַס צוזאַמענגעבראַכט א הויכען הויפען מיט ברעטער, שמאַטעס און פאַפירען. און דער, וואָס האָט דער ערשטער אַרויסגעלאָזען דעם „פייף" איבער דער גאַס, איז געשטאַנען ביים הויפען, מיט ביידע הענד אויף די זיי־טען, און זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט מיט דעם פייער פון א העלד, וואָס אויף איין וואָרט פון זיין מויל זיינען זיך מקריב טויזענדער...

דאָס מאָגערע אינגעלע האָט מיט גרויסע שוועריגקייטען גע־שלעפט א הילצערנעם קאַסטען און דאָס צום הויפען צוגעבראַכט, אויפהויבענדיג בשעת מעשה זיינע אויגען צום „העלד". און עס האָט געהייסען: „זעהסט, איך, דער קליינער, מאָגערער בין אויך נוצליך פאַר דיר... איך האָב געבראַכט דעם גרעסטען חלק פון אַלע... האָב רחמנות און לאָז מיך אויך הנאה האָבען..."

---

דער הויפען האָט זיך אָנגעצונדען און א העליש, פלאַקערדיג פייער האָט געקנאַלט און געשאָסען מיט פונקען. און איבער דער גאַס האָבען זיך געטראָגען איינציגע פונקען, וועלכע זיינען געפלויגען ביז צו די הייזער און דאָרט ווי עפּיס אָנגעזאָגט און פאַרשוואונדען געוואָרען אין דער אונענדליכער דונקעלער בלויקייט.

א פלאַם האָט זיך אויפגעהויבען און זיך געריסען צום הימעל און די גאַס איז געוואָרען ליכטיג־רויט.

יונגע לעבענס האָבען מיט זייערע פרישע, ריינע הענד צוזאַמענ־געטראָגען דאָס האַלץ און ניט באַמערקטערהייט האָט זיך דאָס האָלץ מיט זייער היים־זידענדען בלוט אָנגענומען. און עס ברענט מיט יענעם בלוט און דאָס פייער קנאַקט און זידט מיט דעם יונגען לע־בען... א קרייז אינגלעך האָבען ארומגעשטעלט דאָס פייער, וואָס האָט זיי איינגעטונקען און פארכאַפּט מיט א דונקעל־רויטער גלוטה. און זייערע פּנים׳ער האָבען געגליהט מיט א רויטען הייליגען טרוים; און זייערע אויגען האָבען זיך אָנגעשעפּט ברענ־פונקען אויף דור דורות ביי דעם הארץ פון דעם פייער און האָבען געשיינט מיט זו־נען...

„שפּרינ־נ־גען!..."

און באַלד האָבען זיך חברה געטאָן א שטעל אויס איינער הינ־טער׳ן צווייטען אין א לאַנגע שורה. און דער ערשטער, פיהלענדיג, אז הינטער איהם בריהען אזוי פיעל הערצער, גליהען אזוי פיעל אוי־גען, האָט אונטערגעהויבען זיינע פיס, זיך געטאָן א וויג אהין און אהער און זיך געלאָזט איבער דאָס פייער שפּרינגען. און ווען דער ערשטער איז נאָך געהאַנגען איבער דעם פלאַמענדען הויפען, איז דער צווייטער שוין געוועזען אין לויפען; און דער דריטער האָט זיך גע־וויגט, און אָנגעגרייט צום לויפען — ביים פיערטען האָבען זיך די פיס געהויבען... און יעדעס מויל האָט געשריען און געשאַלט, פון אַלע ברוסטען האָבען זיך געריסען משונה׳דיגע ניט באַשטימטע קולות, וועלכע האָבען זיך געטראָגען אין דער לופט צוזאַמען מיט דעם קנאַקען פון׳ם פייער און זיינען אויסגעמישט געוואָרען אין איין געזונדער, יונגער גרענצענלאָזער לעבענס־האַרמאָניע...

דאָס קליינע אינגעלע איז געשטאַנען פון וויטענס, מיט א פינ־גערעל אין מויל, און זיין פּנים האָט געפלאַמט; און אין זיינע שוואַר־צע אויגעלעך האָט זיך דאָס פייער אָפּגעשפּיגעלט און דאָס הערצעל זיינס האָט זיך געריסען און געטאַנצט, ווייטער שטיל געבליבען און ווידער זיך געריסען.—

דאָס אינגעלע איז געשטאַנען און זיך איינגעגעסען מיט די אױ־ געלעך אין דער חברה, וואָס האָט געשפּרונגען; און ווען איינער האָט אַ שפּרונג געטאָן, האָט עס, ווי מיטשפּרינגענדיג, אויך אַ הויב געטאָן מיט'ן קערפּערעל, און אין דער חברה'ס פריילאַכען נע־ פּילדער איז געווען אויך אריינגעפּלאָכטען זיין דין, שוואַך געוויין.

# דער קאַסטען שפּילט

נעבן א פאַרשמירטן, קויטיק־גרויען פענסטער, וואָס קוקט אַרויס אין גאַס אַריין מיט אַ „וואָס־האָב־איך־צו־זען" בליק, מיט שייבלאַך, איינגעפּאַסטע אין שוואַרצליכן, איבערגעפּוילטע האָלץ, צו וועלכן, דאַכט זיך, אַ האַנט זאָל זיך צוריהרן, וואָלט זיך עס צעפּלויגן אין אַש, — זעהט זיך אַ בלייך, דאַר, ניט געוואַשן פּנים׳ל.

פון דער העלער גאַסן־שיין מאָהלט זיך אַרויס דאָס פּנים׳ל ביז צו די אויערלעך, און אין דעם דונקלען אונטערגרונד פון צימער איז געווען צו זעהן דאָס הינטערקעפּעל מיט האָר, וואָס קאָנען זיין דונקעל־רויטע אָדער גאָר שוואַרצע.

איינציגע האָר זיינען צעוואָרפען אַרונטערגעפאַלען אויף דעם הויכן און ברייטען שטערן, וואָס האָט משונה׳דיג געשטעקט איבער דאָס פּנים׳ל און איהם צוגעגעבן טיפע, אומגעלומפּערטע שלייפען־ווינקלאַך. זיין קורץ נעזעל איז ביים שטערן־צוזאַמענשלוס כמעט ווי איינגעפאַלען — דאָס האָט געמאַכט דעם שטערן נאָך בולטער. טיעף איינגעגראָבען זיינען די צוויי אויגען, און זיי קוקען דורך דאָס גרויע שייבעל, ווי צוויי גליהענדע קוילען, אויף דער גאַס.

און די ליפּעלעך באַהאַלטען צווישען זיך עפּעס אַ סוד פון גע־באָרען אָן, עפּעס אַ זעהר טרויעריגען סוד, און איין ווינקעל פון די ליפּעלעך איז פאַרצויגען אָן אַ זייט אַריין, מאַכענדיג אַ טיעפען קנייטש אין יענער זייט פון׳ם בעקעל.

---

די גאַס שטעהט אַ שטומע און טראַכט פון עפּעס אונטער דער נאָכמיטאָגדיגער זון, וועלכע רוקט זיך אַרונטער פון איין זייט הייז־

זער און פארציהט זיך שטיל אויף דער אנדער זייט.

און שטום טיילען זיך די הייזער מיט דעם העלען זונען שיין. דער ברוק פון גאס וואו עס ליגט שטיין ביי שטיין, איז איינגע־טונקען אין א גאלד־רויטען גלאנץ. און היים דריקען זיך די שטיי־נער צוזאמען און ווארעמען זיך אין דער בריהענדער זון.

די לופט איז ריין, העל און א ווייס־זילבערנע דורכזיכטיגקייט שוועבט צווישעןביידע זייטען הייזער און צעשפרייט זיך איבער דער גאנצער לענג פון דער גאס.

פלוצים טוט א קלינג אפ אין דער לופט טענער פון א שפיל־קאסטען וועלכע צעגיסען זיך באלד איבער דער גאס ברייט, שווי־מענד.

דאס פנים׳על, וואס ביים פענסטער, שטעלט אן זיינע לייכטליבע אויערלעך, און די בעקלאך ווערען ווי איינגעצויגען און די ליפעלאך עפענען זיך אין זייער גאנצער ברייט, און צום שייבעל פון פענ־סטער שטעלט זיך אן א קיילכיג שווארץ לאך:

„מא־א!“...

לויפט די מוטער צו, די ארבעל פארקאשערט, און די נא־קעטע, דארע ארעמס שטרעקען זיך צום קינד, און די ליפען צע־עפענען זיך.

„קינ־ד!...“

ביים קינד שטרעקט זיך אויס איין הענטעל און רייסט זיך צו דער גאס. און אויף די אונטערשטע וויהעם גלענצען טרערען:

„מא־א, שפי־ל־ט!...“

די מוטער איז צוגעלאפען צום קינד, געעפענט דאס פענסטער און פארזיכטיג, מיט א דינעם שמייכעל אויף די ליפען־זוימען ארויס־געשטעלט דאס קינד אויף דאס פייער־גאניקעל.

---

ביי א שפיל־קאסטען אין דער שאטענדיגער זייט פון דער גאס שטעהט א זונען־אפגעברענטער איטאליענער, מיט שווארצע, גרויסע,

שאַרפֿווינקעלדיגע אויגעז, איז וועלכע עס ברענט א זונגען־פֿייער, מיט פֿליושענע, געקעסטעלטע קליידער, וואָס ליגען אזוי ווי צוגע־קלעפּטע צו זיין פֿולען, שטאַרקען קערפּער, מיט רויט־אָפּגעברענטע שיך; ער דרעהט דאָס הענטעל פֿון דעם קאַסטען — זיין הייסע זונעדיגע בלוט פֿליסט דורך דאָס גליצערדיגע, אייזערנע הענטעל טיעף איז קאַסטען אריין, און דער קאַסטען שפּילט.

היים, ברייט, לוסטיג איז געוועזען דאָס שפּילען. הויכע אקאָר־דען, שטילע, צאַרטע טענער און פֿלאַטערענדע, לאַנגע טרעלען האָ־בען געשוואומען איבער דער גאַס.

און עס האָבען זיך פֿאַרזאַמעלט מיידעלעך, מיט פֿאַרקעמטע פּייכט־זיידענע האָר, ארונטערגעפּלאָכטענע אויף זייערע גלייכע איי־דעלע פּלייצעלאַך; טייל מיט ווייסע און טייל מיט רויטע שטיקער זיידענס אין די צעפּ אריינגעפּלאָכטען; מיט קורצע קאָלירענדיגע קליידעלעך פֿון וועלכע עס האָבען זיך ארויסגעטאָקט מאַסיוו־פֿעסטע פֿיס און שווארצע לאַנגע זאָקען.

און זיי האָבען זיך פֿאַרוויז די הענטלעך געשלאָסען, און פֿוס ביי פֿוס פֿעסט צו די ווייסע שטיינער געשטעלט, און אז דער ערש־טער פֿוס האָט זיך א ריהר געטאָן האָבען זיך אין דער זעלבער מינוט צעהנדליגער פֿיס געריהרט, און א לייכטער, דינער געראויש האָט זיך אין דער לופֿט אוועקגעטראָגען, און די קינדער האָבען זיך גע־דרעהט, געבויגען און געוויגט, ווי יונגע בוימעלעך פֿון א לייכטען ווינטעל, אונטער די הייסע טענער, וואָס דער איטאַליענער האָט פֿון קאַסטען ארויסגעבראַכט.

---

דאָרט וואו די זון האָט זיך אויף די װענד ארויפגעוואָרפֿען, איז אויף דאָס פּייער־גאַניקעל דאָס קינד געשטאַנען.

אויף זיינע אונטערשטע וויהעס האָבען נאָך געגלענצט צוויי דינע טרערען קעגען דער זון. און דאָס פּנים׳ל האָט געשיינט נאָך ליכטיגער פֿון דער זון; און דאָס וויינענדיגע קנייטשעלע, וואָס אין

איין ווינקעל פון זיינע ליפעלעך, איז צו א פרייד־שטריך געוואָ־
רען; און די אויגעלעך האָבען געשאָטען מיט פייער און בליץ—
„שפּי־ל־ט !..."

דאָס וויים־קויטיגע העמדעלע האָט זיך אונטערגעטראָגען אויף
זיין קליין, שמאָל ברוסטעל, און די אויסגעבויגענע, געל־פּעטע פיס־
לעך האָבען זיך געהויבען מיט זייערע קניען־קנעכלען, און זיינע
פיאָטעס זיינען געשטאַנען הארט און שווער צוגעדריקט אויף דאָס
גאַניקעל; און מיט די הענטלעך האָט עס זיך געפּאַטשט אין בייכעל
אריין.

און דאָס קינד האָט זיך געריסען און געטאַנצט; דעם קינד'ס
אויגלעך האָבען א נייעם דערזעהען; זיינע אויערלעך האָבען זיסעס,
דערהערט און עס האָט ניט געקאָנט איבערגעבען, דערצעהלען דאָס,
וואָס ער האָט געפיהלט.

און עס האָט צוויי פּייכטע, פּייערדיגע אויגלעך צום פענסטער
געוועגדעט און מיט די ליפעלעך עפּיס א ברום געטאָן, און מיט א
מאָל דאָס הענטעל אויפגעהויבען, און מיט'ן מיטעלסטען פינ־
גערעל אראָפּגעוויזען צו דער גאַס:
„מא־מא !..."

דימוטער איז געשטאַנען פון יענער זייט פענסטער. איהר נאָ־
קעטע ברוסט מיט די בלויע און גרינע אָדערען, וואָס האָט ארויסגע־
שטעקט פון דער צעקנעפּעלטער בלוזע, האָט זיך א לייכטען הויב
געטאָן, און זי האָט פאַרלעגט איהרע הענד, איינע אונטער די ברוסט
און די אנדערע אונטער דער מאָרדע, האַלטענדיג איין פינגער אויף
דער אונטערשטער ליפּ, און פון איהר מויל האָט זיך ארויסגעריסען:
„קינ־דע־ניו מיינע !..."

און א הייסע שטילע תפילה האָט זי אוועקגעשיקט, איינאיינעם
מיט דעם „שפּילען" פון דעם קאַסטען, אין הימעל ארויף...
„קינדעניו מיינס !" גרוים זאָל עס ווערען !"

# אין אַ העלען טאָג

ביי א שמאלע, הויכע און פארשמאלצענע הויז איז אנגעווארפען געגענאיבער דער טיר פארשידענע מעבעל און שטובזאכען — אנגעווארפען ווי פון איינעם וואס ווארפט אוועק פון זיך אלעס, וואס קומט צו זייגע הענד אין צייט פון א משוגענעם, ברוטאלען אנפאל:

א פירקאנטיגער טיש מיט די פיס ארויף, א קאמאד ליגט צעלעגט און שפארט דעם אין שניצעריי באפוצטען שפיגעל אויף א ווייכער סאפע. קישענס וואלגערען זיך אין משונה'דיגע פאזעס, ביי איינער איז א לאך פונקט אין דער מיט און פון דארט שטעקען ארויס ווייסענקע פעדערען, ווי עפעס א חיה'לע וואלט ליגען מיט איין אויפגעטרענטען בויך און מיט ווייסענקע קישקאלעך ארויס. צוויי טעפ מיט פארוועלקטע בלומען ליגען ביי דער פיאנא, וואס שטעהט אן אנטבלויזטע. די ווייסע און שווארצע קלאווישען זיינען אנטפלעקט, און מיידעלאך אפגעריסענע מיט שמוציגע פנים'לאך, צעבארשטענע האר און מיט אנגעצונדערע, פייכטע אויגלאך, שטורפען און שטויסען זיך, אייגע פאר דער אנדערער, צו דער פיאנע, און יעדערע פרובירט און טוט מיט א ציטערדיג פינגערל א ריהר די קלאווישען און אנטלויפט.

אויף די טרעפ פון דעם הויז זיצט א פרוי אין אנפאנג פון די מיטעלע יאהרען, מיט א פנים געל און טרוקען פון אן אלטער. ביי איהר אין שויס ליגט א קינד וועלכעס שלאפט מיט א שווערען אטעם. און אין דאס פארגעלטע פנים'ל ציטערען פון צייט צו צייט משונה'דיגע צייכענס, אפשר פון שרעקליכע חלומות. די מוטער קוקט מיט א פאחגליוועטען, הארטען בליק דאס קינד אין פנים'ל:

— „גלייכער וואָלסטו ניט געקומען אויף דער וועלט", טראַכט זי.

נידריגער מיט א טרעפּ זיצט א מיידעלע מיט לאנגע, דארע פּיסלעך און האלט איהר קאָפּ, וואָס איז באקרוינט מיט שווארצע פלעכטלאך, אראָפּגעבויגען ביז צו די קניהלעך.

— זי זעהט דאָס ביי זיך צום ערשטען מאָל און קאָן ניט פאַר־שטעהן צו וואָס טוען זיך דאָ איינזאַמלען ריידלאך מיט מענשען.

זי שארט מיט די שיכלעך אין די טרעפּ. טראַכט: —

— איז אימיצער געשטאָרבען? ביי זיי קיינער ניט? אָט זיצט די מאַמע איבער איהר!...

און צו זיין זיכער מיט דעם, טוט זי א הויב דעם קאָפּ, מיט די אויגלעך און שטיל פרעגט זי:

— מאַמע?..

די מוטער ענטפערט ניט, נאָר זי קוקט אויף דאָס קינד, וואָס ביי איהר אין שויס, מיט א הארטען בליק און טראַכט זיך:

— פאַר וואָס האָט זי עס „איהם" ניט מיטגעגעבען?...

דאָס מיידעלע טוט זיך האסטיג א כאַפּ, ווי עס וואָלט איהר א שווערער געדאנק אריינגעפאלען: „אפשר דער פּאַפּאַ?", און זי פרעגט:

— מאַמע, וואו איז דער פּאַפּאַ?...

די מוטער זיצט ווי פריהער און פיהלט זיך: טון א הויב פון די טרעפּ און נעמען דאָס קינד אין איין האנד און דאָס מיידעלע אין דער צווייטער, און טון א שפּיי אויף די מענשען וואָס קוקען נייגעריג, וואָס זאַמלען זיך אין ריידלאך און טומלען, פאַרלאָזען די שמוציגע הויכע שטוב און די שטוב־זאכען און אוועק ערגיץ וואוהין די אויגען וועלען זי פיהרען... זי וועט „איהם" זוכען... וואָס פאַר א וואסערען האָבען זיין קערפּער פאַרגאָסען?... פאַר וואָס איז ער אוועק — זי האָט ניט דערטראַכט. אין איהר פּנים האָט זיך א קניי־טשעל איינגעגראָבען און אז דאָס מיידעלע האָט איבערגעפרעגט

מיט א לייכטען צארן אין איהר קול׳כעל: „מאמע, וואו איז דער פאפא? !" האט די מוטער מיט א געמאכטע פעסטע שטימע געזאגט:

— פאפא איז געגאנגען זוכען א דירה... אין דער דירה טאר מען ניט וואהנען, פע!...

— וועט די פיאנא־לעהרערין קומען אין יענער דירה אויך, וויל דאס מיידעלע זיין פארענטפערט מיט דער לעצטער פראגע אום זי זאל קאנען רוהיג ווארטען אויף׳ן פאפא.

— יא, מיין שאץ... וועט קומען...

און אפגעריסענער גאסען־אינגעל איז פארביי־געלאפען דעם אנגעווארפענעם מעבעל און ווילד געטאן א פיהר מיט איין האנד איבער די קלאווישען פון דער אנטבלויזטער פיאנא. —

ריי־ריי־די! הא־דא־רא! האט עס אפגעקלונגען איבער דער גאס.

# איבער אַ יאָהר וועט זיין אַ זוהן

ברעגנען אין עס־צימער אלע דריי גאז רעהרען. דער פירעקעכ־דיגער טיש איז צוגערוקט צום סיראַטענעם דיוואַן. אויף איין ברעג פון טיש שטעהען צוויי לייכטער מעשענע, אין וועלכע עס ברענען ליכט.

אויף א צווייטען ברעג פון טיש שטעהט א גרויסע שיסעל, אי־בערגעדעקט מיט א ראָזעווער זיידענער „קערה", וועלכע איז אויס־געשטיקט מיט אידישע אותיות און מיט א גרויסען מגן־דוד.

אין מיטען פון טיש שטעהט א פלאש בלאנק רויטער וויין, ארומ־גערינגעלט מיט גלעזער.

ר' אברהם שלעפט אויף זיך דעם ווייסען קיטעל מיט דעם דאַ־זיגען גרויסען איילעניש, וואָס עס איז ביי איהם פארבליבען פון דור דורות, אזש פון יענער נאכט פון מצרים, און נעמט ארום זיינע לענ־דען מיט א גארטעל.

ער וואשט זיך די הענד.

די טונקעל גרינע גארדינען זיינען טיעף ארונטערגעלאָזען.

זיין פרוי דבורה לויפט פון קיך יעדען מאָל אריין אין עס־צימער און פארשווינדט צוריק.

איהר פנים איז פארצויגען מיט צער.

ר' אברהם גיסט אָן א גלעזעל וויין און זאָגט צו דבורה'ן:

— סט'הערען קידוש ?

— פאר וואָס איז דיר איינגעפאלען אז כ'וויל ניט הערען ? — ענטפערט דבורה מיט א באנגזאמען שמייכעל אויף איהרע קליינע ליפען, און זי זעצט זיך אוועק אויף'ן דיוואַן ביים טיר, וואָס פיהרט אין קיך אריין.

איהרע אויגען פאלען ארונטער מיט זייער בליק אויף איהר שוים, און זי נעהמט גאר פלוצים טראכטען פון איהר עלצטען זוהן, וואס איז ערגעץ אין דער „ווילדער, ווייטער וועסט“ אוועק, ווער ווייסט וואס פון איהם איז געווארען; מוז איצט זיצען ביי א טיש א גוי'אישען און עסען מאכלים, פון וועלכע עס שוידערט איהר גאנצער לייב א טראכט צו טאן...

ר' אברהם האט קידוש געענדיגט, אבגעזאגט מיט אויפמערקזאמקייט, ווי ער וואלט צעהלען פערלען די ברכה:

— איך בין אנגעברייט און פארטיג צו טאן דעם געבאט פון ערשטען גלאז וויין...

ער טוט א לייכטען זופ פון גלאז, בע'טעמ'ט דעם וויין צווישען זיינע ליפען און לעגט זיך קעניגליך אוועק אין א ספינקס פאזע אויף'ן דיוואן, טהוט נאך א טיפערען זופ פון גלאז...

— א טייערען גלאז וויין האט גאט באשערט, דבורה...

— גאט באשערט וויין, גאט באשערט קינדער... — האט דבורה גענומען מרומלען אין א שטילען פארוואורפליכען טאן, — וואו זיינען איצט אונזערע קינדער?

— נאר וואס דו ביסט, וואו? גאט ווייסט וואס ער טוט.

— אויב עס זאל זיין אז ער ווייסט, מוז עמיץ פון אונז עפעס איהם שולדיג זיין, פאר איהם איז דאך קיין באהעלטעניש ניט פארגאנען, טא פאר וואס קומט עס אונז, דאכט מיר, אז מיר זיינען ניט אזוי זינדיג קעגען איהם...

— געה שוין, געה; ווידערשפעניג ניט קעגען זיין הייליגען נאמען, דבורה. ער האט פון אונז צוגענומען די קינדער לעבעדיגע, מן הסתם באדארף אזוי צו זיין...

— איינער אין דער וועסט... איז באטש ניט אזא וועהטאג, ווייט פון די אויגען אוועק... און דער צווייטער איז טאקע דא אין שטאדט... איך האב תמיד עפעס א פחד אין זיך, אז ווען איך געה ערגעץ אין

גאס זאל איך איהם ניט אנטרעפען זיך ארומפיהרענדיג מיט א שווארצער נעגערטע...

— געה, זיי גיט קיין אידענע! — האט זיך ר׳ אברהם א הויב געטאן פון דיוואן און גענומען א פולען גלעזעל מיט וויין, עס צוגע־טראגען מיט איין האנד צו דבורה׳ס מויל, און מיט דער צווייטער האנד האט ער פארווארפען ארום איהר האלז און נאקען:

— טרינק, דבורה, טרינק, און זאלסט פארגעסען אז אלעס... היינט איז די ערשטע סדר נאכט... מען דארף זיין פרעהליך, הערסט... היינטיגע נאכט קען ניט געוועלטיגען קיין משחית אין דער וועלט...

דבורה האט באקומען א געפיהל פון פורכט פאר ר׳ אברהם׳ס דינינקער, ברוינער האנד, וועלכע האט זיך אפירגעמאלען פון דעם ווייסען, ברייטען ארבעל פון קיטעל און האט געטאן א לייכטען ריהר מיט איהרע דינע ליפען אין דעם זוים פון גלעזעל, נאכדעם ווי זי האט אין א שטילען געמורמעל א ברכה געמאכט...

איהרע בלאסליכע ליפען זיינען אויף א רגע רויט געווארען פון דעם בלאנק רויטען וויין...

— נו, די נאכט שטעהט ניט — — — האט זיך ר׳ אברהם א כאפ געטאן, — ביזט שוין אין קיך פארטיג מיט אלעס? איך וויל זיך נעמען צום סדר...

— דאנקען גאט פארטיג!...

און ר׳ אברהם האט אנגעפאנגען צו ציהען טריאומפירענד און עס האט זיך געגאסען זיין קול איבער דעם ברייטליכען עס־צימער און זיך אנגעקלאפט אין די צוויי גרינע גארדינען וואס ביי די פענ־סטער. און פון יענער זייט פון פענסטער שטעהען די משחיתים, די פאחדארבער פון אידישען הויז־געזינד, קאפ איבער קאפ און שטור־פען זיך און זוכען א שפעלטעלע, דורך וואנען אריינצובליקען און עס שטויסט זיי אוועק ווידער אמאל דאס טריאומפירענדע ליד, וואס ר׳ אברהם זינגט...

„האט מען אונז געפייניגט אין ציגעל און ליים. האט מען אונז

געהייסען שטרוי קלייבען און עס אריינקנעטען אין דעם ליים. האט מען אונז געהייסען ברייגגען אונזערע ווייבער און אונזערע זיהן און טעכטער, אז זיי זאלען אונז העלפען אונזער פיין. האט מען געזעהן אז עס העלפט ניט, דאס אידישע הויז־געזינד מעהרט זיך און פרוכפערט זיך. האט מען אונז פארבאטען צו זיין מיט אונזערע ווייבער. און אז עס איז א זוהן געבוירען האט מען איהם פון דער מוטער'ס בראכשטוהל אוועקגעכאפט און אין ים דערטרונקען אדער אין ליים אריינגעקנאטען. צומאל האט א פאטער זיין אייגענעם זוהן מיט די פיס אין ליים אריינגעקוועטשט, און צומאל האט א אידישע טאכטער געקנאטען די ליים מיט איהרע אויסגעמאטערטע, בלאסע פיס און דערפיהלט אז זי ווערט באלד מוטער צו א נייעם ווענען, האט זי געוואלט פאר בושה אוועקגעהן אין א זייט, פלעג דער פייניגער זי א שמיץ טאן מיט'ן בייטש און פון ווען פלעג די אידישע טאכטער איהר קינד אין ליים אריין פארלירען און מיט פארביסענע ליפען פון צארן און אונמאכט עס שנעל אין דעם בארג נאסע ליים פארווישען...

„האט דער אלמעכטיגער דערזעהן אונזער פיין און געהערט אונזער יאמער, און אז זיין הארץ איז פול געווארען מיט צארען האט ער ארונטערגענידערט, רייטענדיג אויף א שווארצען פערד מיט א לאנגער בלאנקענדער שווערד און אוואו עס איז געווען א אידישע הויז און א שפיאן האט דערביי געוואכט, האט זיך געגאסען בלוט. אין אלע אידישע הייזער איז פלוצים ליכטיג געווארען. אין אלע אידישע הערצער האט עמיץ מיט א פארבארגענער האנד א פונק אנגעצונדען.

האבען זיך די איבערגעבליבענע פון פיין יאמער דערפיהלט שטארק און מונטער. עס האט אין זיי אויפגעקלונגען דער רוף פון שין דלת און יוד און זיי האבען אין איילעניש זיך געזאמעלט אין די גאסען.

עמיץ האט מיט א טראמפייט געבלאזען.

אן אנדערער האט אין א פויק געקלאפט.

א דריטער האָט מיט טאַצען איבער גאַס און גאַס געוועקט.

און גאַר אַן אַנדערער האָט זיך ווי א ווינט אויף א פערד גע־טראָגען און אין יעדען אידישען הויז מיט זיין גראָבען בייטש אין טיר אַנגעקנאַלט.

„גענוג!"

„און דער טראָמפּייט בלאָזט און רופט.

„און די פּויק שלאָגט אין וועג אריין.

„און די טאַצען קלאַפּען איינס אין דאָס אַנדערע און מען שליפּט זיך איינס אין דאָס אַנדערע.

„האָט מען אוועקגעצויגען פון דעם דאָזיגען לאַנד... — — — — —

„איז מען געגאַנגען און געגאַנגען און געגאַנגען ביז מען איז צום ים געקומען. האָט מען זיך א לאָז געטאָן אין וואַסער אריין. פון יע־נער זייט ים האָט א שמאָלער זייל פון מאַרגענליכט זיך צו זיי אַנט־פּלעקט. האָבען אַלע זייערע אויגען אהין געווענדט. און עס האָבען זיך אַנגעקלאַמערט הענד אַן אַקסעל, הענד אַן אַקסעל, אַלט און יונג — די הערצער שטורמען און די נשמה ברענט מיט פלאַמען... איז מען אין וואַסער אריינגעצויגען, מען געהט און מען זינקט טיפער און טיפער, אַט איז שוין די וואַסער ביז צום מויל געקומען... מען קען שוין ווייטער ניט געהן...

„האָט עס איינעם פון אידישען הויזגעזינד א קלעם געטאָן ביים הארץ, און ער האָט מיט זיין שטעקען א פּאַטש געטאָן אין ים!..

„האָט זיך דער ים צושפּאָלטען אין צווייען.

„זיינען זיך די וואַסערען צעלאָפען אין צוויי זייטען. פון רעכטס א פאַרגליווערטע וואַנד און פון לינקס א פאַרגליווערטע וואַנד.

„און אין פאַראויס פון געהענדען פאָלק האָט זיך געקייקעלט דער פייערדיגער זייל און האָט געטריקענט און איינגעפּרעסט דעם נאַסען, זאַמדיגען אבגרונד פון ים.

„און גאָט דער אַלמעכטיגער האָט זיינע צוויי זוניגע אויגען

אויפגעעפענט און דערזעהן אז דאס פאלק ציהט פון דעם לאנד פון ציגעל און פיין אוועק... האט ער זיינע דינער באפוילען, אז מען זאל פערד און רייטוואגען שפאנען און באלד פאר זיין טהראן ברענגען.

„און האט ער זיך אין רייטוואגען געזעצט און די לייצעם אליין אין זיינע הענד גענומען און זיך אוועקגעלאזט אויף אקעגען דעם אידישען פאלק.

„האבען זיך די דריי פערד געטראגען ווי דריי ווינד ווירבערען, מען האט נור געזהן דריי הויכע זיילען שטויב, און פון שטויב און דורך די שטויב האבען דעם אלמעכטיגען'ס זונען־אויגען זייער בליק געווארפען דער מחנה אידען אין פנים אריין...

„און אז דער לעצטער איד איז פון יענעם לאנד פון ציגעל און פיין ארויס, האט ער געצונדען און געצונדען... האבען די נעכטיגע הארען דערזעהן אז זייער לאנד ברענט אין פייער און אז זייער גוטס וואס זיי האבען אנגעלעבט פון יאהרען פון הערשאפט האבען די קנעכט צעשטערט.

„האט זיך אין זיי דער לעצטער פונק פון לעבען אויפגעבאפט. אין לאנד איז געווארען ליכטיג, אין לאנד איז געווארען פייער און פלאם.

„און מען האט ניט געקוקט ווער עס האט און ווער עס האט ניט, נאר מען האט פערד אין רייטוואגענס געשפאנט מיט האסט און אין די טריט פון די שאלענדע מחנה אידען געפלויגען... מען האט זיך געיאגט. און אז זיי זיינען צום ים צוגעקומען, האט זיי די ליכטיגע זייל די אויגען געבלענדט און זיי זיינען אין ים מיט פערד און רייטוועגענער פארזונקען געווארען..." — — — — — — — — — —

— דבורה האט מיט גרויס פחד די טהיר געעפענט און אזוי ווי אלע יאהר, פון זינט זי איז צו איהר פארשטאנד געקומען, האט זי אויך איצט געזוכט אליהו הנביא, וועלכער קומט אריין אז דער מנוט אין אלע אידישע טהירען.

דעם פחד האט זי געפיהלט פון תמיד אן, ווייל איהר האט זיך

אליהו הנביא געמאַהלען פאַר אַ מורא׳דיגען ריזע, וועלכער שפּאַנט מיט לאַנגע פיס איבער דער וועלט׳ס ימים און לענדער.

און היינטיגע נאַכט האָט זי נאָך מעהר פּחד געהאַט, ווייל פּלוצים איז איהר איינגעפאַלען, אַז אַזוי ווי זי עפענט די טהיר וועט זי איהם דערזעהן שפּאַנען די לאַנגע און שמאַלע טרעפּען, איין פוס וועט זיין אונטען און דער צווייטער שוין אויבען ביים שוועל פון טהיר און אונטער זיינע אָרעמס וועט ער טראָגען איהרע צוויי זיהן, דעם פון ווייטען וועסט און דעם וואָס וואַלגערט זיך אין די ניו יאָר־קער גאַסען... ווי די זיהן וועלען עם פאַלען צו איהר ברוסט און זיך בעטען, אַז מעהר וועלען זיי זייער מאַמען ניט פערלאַזען און דער ריזיגער אליהו הנביא וועט אריין און טהון אַ זופּ פון זיין גלאָז וויין און פארשווינדען פון אונטער די הענד און זי וועט איהם קיין דאַנק ניט קענען זאָגען...

ר׳ אברהם איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער הויכער און מאָ־גערער לענג, דאָס ווייסע העמד איז ארום זיין האלז געוועזען צו־עפענט ברייטלעך און זיין בערדעל איז ווי איינגעפּאַסט געוואָרען אין דעם ווייסען קיטעל. ער איז געשטאַנען מיט די אויגען ארונ־טערגעלאָזט, מיט ביידע הענד אָן טיש אָנגעשפּאַרט :

האָט ער דערזעהן ווי אַ ברוין ברוינער יונגער מאַן איז אריין. זיין קערפּער איז ניט געוועזען באַקליידט. נאָר אין אייניגע ערטער באַוואַקסען מיט בלויז שוואַרצע האָר. און די הענד איבערגעפּלאָכ־טען מיט רונדליכע בלוט אָדערען, און גריביגע מוסקולען.

ר׳ אברהם׳ס אויגען זיינען פאַרגליווערט געוואָרען פון שרעק און זיין גאַנצער וועזען האָט געפּלאַטערט מיט דעם ציטער פון אַ ניי געבוירען שעפּלע אין די ווייטע פּרימאַראַזנע פריהלינג פעלדער.

און האָט ער דערפיהלט ווי עס האָט דאָס לעפעל פון זיין רעכטען אויער אָנגעהויבען צו פלאַמען, עס האָט אין זיין אויער אָפּגעקלונגען און פון דאָרט זיך צעגאָסען איבער זיינע אַלע אברים און זיינע אויערן האָבען פאַרנומען :

„איבער א יאָהר אין דער צייט וועט צו דיר געבוירען ווערען א זוהן“...

און דאָס פולע גלעזעל וויין, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און געוואַרט אויף דעם גאַסט, איז נאָך אַלץ געשטאַנען א פולע איבער'ן זוים און איידער ר' אברהם האָט געזאָגט צו דעם גאַסט: „געבענשט זאָלט איהר זיין“, איז שוין קיין הויך פון איהם ניט געוועזען...

דבורה האָט פאַרמאַכט די טהיר. און פיהלענדיג א שווערען מידקייט אין איהר גאַנצען וועזען, איז זי אוועק אין שלאָפצימער.

אויף גיך האָט זי איהרע קליידער פון זיך אויסגעטהאָן. און אַז זי האָט זיך אין בעט אריינגעלעגט האָט זי באַלד פאַרמאַכט איהרע אויגען און דאָס געזאַנג פון אברהם'ען האָט זיך געפלאָכטען איבער איהר קאָפּ, געפלאָכטען און אויפגעהערט אויף א ווײַלע...

און אָט האָט זיך איהר געדאַכט אַז ער שטעהט ביי איהר בעט אין זיין גאַנצער הויכער דינער לענג, און זי עפענט מיט שווער־קייט א האַלב פון איהר רעכטער אויג און ווערט צוריק אריינגע־צויגען אין דעם נעבעל פון פאַרגעסענהייט...

## גאָטס הויז

זעקס טאָג פון דער וואָך איז ר׳ אברהם רוהיג. זיין פּנים, אויגען און אַ יעדע באַוועגונג הארט, ווי פון קופּער אויסגעשמידט. און ווי דער ים אין אַ געבעלדיגען שווערען טאָג רוהט זיין נשמה.

קומט ער אהיים פון שוהלכעל צום מיטאָג. זעצט זיך אַוועק ביים טיש אויבענאָן, מיט איין אַלטען, פאַרגעלטען און צעוואָר־פענעם משניות און צעזינגט זיך מיט אַ לענגליכען, ווייכען נגון. ער הויבט אָן שטיל און טרויעריג און פּלוצלינג טוט ער זיך אַ הויב ווי אויף פליגלען און פליהט און פליהט, און אַז ער קומט אין ווייטע, הויכען, בלייבט ער שטעהן אויף אַ רגע אַ פאַרציטערטער, ווי אַ פויגעל געטראָפען פון אַ פייל, און נעהמט מיט אַ שווערען האַסט פאַלען און נידערען מיט אַ וועהטאָגליכען שטילען געוויש.

האָט זיין אידענע דבורה שוין אָנגעגרייט דעם מיטאָג און מיט לייכטע טריט ברייננגט זי אריין צום טיש אַ ווייסען טוך, ברויט, זאַלץ און אַ מעסער, וואָס בלאַנקט.

— סט׳דערף איינוואַשען, אברהם — בעט זי זיך ביים מאַן.

און ער ענטפערט איהר מיט דעם אייגענעם נגון, ווי ער וואָלט ניט וועלען איבעררייסען דאָס זיידענע געוועב פון דעם פּאַטריאַר־כאַלישען נגון.

האָט ער נאָכמיטאָג איינינגע הייזער, וואו ער לערנט מיט אי־דישע קינדער, וועגען וועלכע ער פאַרטיפט זיך אָפט, און טוט אויף זיי פעסטע בויאוננגען שטעלען. זיי זיינען ביי איהם די ציגעל פאַר דעם פונדאַמענט...

געהט ער, און דער וועג אונטער זיינע שוואַכע פיס שפּרינגט, די גאַסען לויפען פאַר איהם פאַראויס.

ווערט ער פארטיג מיט זיין באשטימטער נאכמיטאג ארבייט, קומט ער צוגעהן אין דעם שוהלכעל דאס לעדיגע. פיער ווענד און מאדנע לאנגע בענק. דאס הייליגע ארון זעהט איהם אויס צו זיין ניט אין דער מזרח וואנד. אין דער דאזיגער שטאדט וועלכע ציהט זיך אויף מיילען און מיילען, קען ער ניט זעלטען טרעפען, וואו די מזרח וואנד איז.

און העט פארנאכט, ווען עס איז שוין דא גיין הונדערט און גיין און נייגציג שאטענס, נור איין צאנקענדער שטראהל ליכט פון טאג איז געבליבען, הויבט זיך דער מנין אן צונויפצוקומען, אזוי פאמעלעך, און מען האט א יעדען מאל מורא טאמער קומט איינער ניט...

און קומט שוין דער צעהנטער, דעמאלט פאלט אן אן איילעניש אויף אלעמען. עס איז קיין צייט נישטא זיך צו פארטיפען אין דעם געבעט. און עס איז אזוי:

איעדער האט שוין מנחה אין יחידות אבגעמורמעלט. נור א קדושה שפרינגט מען און באלד, נאך שנעלער פון א בליץ נעמט מען זיך צו מעריב.

מען ווייסט ניט איינער דעם אנדערענס נאמען. עס שטעלט זיך אוועק איינער פאר'ן עמוד און קיינער ווייסט בכלל ווי ער הייסט און פאר וואס מען האט „איהם" געשיקט און ניט קיין אנדערען צו זיין דער פארבעטער.

ווילט זיך ר' אברהמ'ען פארזאמען מעהרער אין דער שמונה־עשרה... און ווען ער ווערט פארטיג און קוקט זיך ארום איז שוין פון קיינעם קיין הויך ניט געבליבען.

בלייבט ער איינער אליין אין די דאזיגע פיער ווענד, דער ספר תורה שטעהט דארט אין ארון פארלאזען פון גאט'ס קינדער, ווי ער.

פארטיפט ער זיך אין דעם ענין, קומט עס איהם פאר, ווי ער וואלט זיך פלוצים אב'טובלע'ן אין א טייך פון אומעט. און עס פאלט איהם אן א פחד און א גרויל.

שפּאַרט ער זיך אַז אין איינעם פון די לאַנגע בענק און שטעהט אַזוי מיט זיין קאָפּ אַרונטערגעלאָזען און זיינע אויגען פעסט צו־זאַמענגעדריקט.

דערפהילט ער ווי אַ דינינקעס ווינטעלע באַריהרט זיין נשמה. און עס ווייזט זיך איהם: — — — — — — — — — — — — — — —

„...אידען פון דער גאַנצער, גרויסער שטאָדט האָבען אויף זיך אַ קאָפּ־שטייער אַרויפגעלעגט און האָבען געזאַמעלט טויזענדער און מיליאָנען זילבערנע דאָלאַרס. אין דער מיט פון שטאָדט אַ שטיק פּלאַץ געקויפט, וואָס האָט געהאַט אַ תחום די ברייט און אויך אַזאַ לענג. אַזוי האָבען אידען געוואָלט און אויסגעפיהרט.

„האָבען זיך די אידישע טעכטער מתקנא געווען, האָבען זיי אַרונטערגענומען זייערע דימאַנטען און גאָלד און עס אַוועקגעשאַנקען.

„האָט מען אַנגעקויפט ציגעל און שטיינער, קופּערנע זיילען און אייזען און שטאָהל אָהן אַ שיעור. האָט מען געבראַכט קריס־טאַל פון ערגעץ אַ קריסטאַלענם לאַנד און פון זילבערנע דאָלאַרס שטיקער זילבער געגאָסען...

„האָט זיך צעטראָגען אַ שם איבער דער שטאָדט, ברייט און לאַנג, אַז אידען בויען אַ הייליגען הויז...

„דאַרף זיך געפינען אַ איד אין שטאָדט, וואָס איז דער גרעס־טער קענער אין אַרכיטעקטור. און אַז ער האָט דערהערט, וואָס אי־דען ווילען טהאָן, וואַרפט ער אַוועק אַלע זיינע עסקים און פאַר־שפּאַרט זיך אין זיין פּאַלאַץ אויף דער פינפטער עוועניו. קיינער ווייסט ניט פאַר וואָס און פאַר ווען. זיינע דיענער האָט ער פאַר־זאָגט קיינעם ניט צולאָזען צו איהם.

„איז ער געזעסען ביי טאָג און ביי נאַכט און האָט אויף גרויסע פּאַפּירען געמאַכט פּאַסען און רעדלעך און דרייעקען און אַכטעקען און פינטעלעך אָהן אַ שיעור, און מיט אידישע אותיות יעדעם אונ־טערגעשריבען. איז ער אַרומגעגאַנגען שעה'ן איבער'ן צימער דעם

גרויסען און זיך א יעדער מאָל געכאפּט מיט א ברען און געטהאָן זיין ארבייט ביז ער איז געקומען צו א סוף.

„דעמאָלט האָט ער זיך אויפגעשלאָסען און איז אוועק איבער דער ברייט און לענג פון דער גרויסער שטאָדט און געוואַנדערט און געקוקט אויף אַלע הויכע טורעמס און געבויעריייען. איז נאָכדעם אהיים געקומען און זיך ווייטער פארשלאָסען. האָט גענומען א גרויסען פּאַרמעט, וויים ווי מילך, גלאַט ווי סאַמעט און האַרט ווי מירמעלשטיין און האָט זיך אוועקגעזעצט און פון די פּאַפּירען אי־בערגעקריצט אַלעס אויף דעם פּאַרמעט.

„האָט ער געשיקט רופען די גרעסטע טהוער פון די אידען פון דער שטאָדט. א גרויסען שם האָט ער געהאַט און מען האָט גע־וואוסט אז ער רופט מן הסתם האָט ער עפּעס צו זאָגען. איז מען זיך צוזאַמענגעקומען.

„— איך וויל בויען אונזער הייליגע הויז"...

„האָט מען זיך אַנגעכאַפּט מיט הענד און פיס. איהם אַנגע־באָטען א גרויסען לוין פאַר זיין אַרבייט. האָט ער געזאָגט, אז ער וויל ניט קיין געצאָהלט. ער וויל בויען דאָס הייליגע הויז, ווייל דער אַלמעכטיגער האָט איהם דעם געדאַנק אריינגעגעבען. ער מוז עס טאָן...

„האָבען עס דערוואוסט זיך אידישע קינדער ניט נור פון דער דאָזיגער שטאָדט, נור אויך פון שטעדט און דערפער אויף טויזענ־דער מיילען אַרום.

„זיינען געקומען צו לויפען שניצער און טאָקער, מאָהלער און שטיינהאַקער. זיינען געקומען צולויפען ציגעלניקעס און גיבסענ־גיסער און אַנדערע פאַכמענער און האָבען געשוואָרען, אז אין דער היים האָבען זיי ווייב און קינד, קרובים און פריינד געלאָזט. זיי ווילען העלפען בויען דעם בנין.

„האָט מען זיך גענומען בויען...

„האַט גאָט געגעבען שעהנע טעג און ליכטיג טעג און די אַר־בייט האָט געוואַקסען.

„און אַז די הויז איז פאַרטיג געוואָרען, איז מען פון דער גאַנ־צער וועלט געקומען קוקען אויף גאָט'ס וואונדער. איז מען גע־פאָהרען מיט'ן אַטלאַנטישען ים, איז מען געפאָהרען אין די וואַ־סערען, וואָס רינגלען אַרום די גרויסע שטאָדט ניו יאָרק, איז מען געגאַנגען איבער די גאַסען פון דער שטאָדט און פון אַ יעדען ווינ־קעל, האָט מען נור געזעהן דעם רונדען דאַך פון דער „אידישער הויז".

„האָט מען אויף דעם רונדען דאַך אַרויפגעזעצט אַ פיער־עקעכיג ראַהם און אין דעם ראַהם איז געווען איינגעפּאַסט אַ שין און אַ דלת און אַ יוד פון אַזאַ מין טייערען גלאָז און אין אָבענד און אַ גאַנצע נאַכט האָט פון יעגע דריי אותיות געשטראָמט איבער דער שטאָדט איין אָפּשיין פון ליכטזיילען געמישט מיט רעגענבוי־גען פאַרבען.

„זיינען געגאַנגען אויסדערוועהלטע פון אידען איבער'ן שטאָדט און אוואו זיי האָבען געזעהן אַ „מקום להתפלל" און אַ קלייזעל און אַ שוהלכעל זיינען זיי אריין. אַלעם איז פאַר זיי אָפען געוועזען. האָבען זיי צוזאַמענגענומען אַלע תורות פון דער שטאָדט און זיי געבראַכט אין דעם נייעם אידישען הויז.

„איז דאָס הויז געוועזען געבויט רונד און עס האָט זיך געפּור־נעט אַ רינג מיט ארונות, וועלכע האָבען פאַרנומען דעם ערשטען ראַנד. פינף מאָל די הויך איז אַ יעדער ארון געוועזען און די טהירען זיינען געמאַכט געוואָרען פון קופּער און האָבען געשפּיגעלט אין זיך טויזענד און איין זון. אויף די טאַוולען פון די טהירען האָט מען אויסגעקריצט די לוחות און די צעהן געבאָטען. און אי־בער די טהירען און איבער די זיילען אין וועלכע טהירען האָבען זיך געעפענט און פאַרמאַכט איז געווען אַ זילבערנער אָדלער מיט צע־שפּרייטע פליגלען. האָט מען אַ טהיר געעפענט, אַ ספר תורה

אריינצושטעלען, האט דער אַרלער געטהאָן אַ פּאַך מיט זיינע פליגעלען און דאָס ווייסקייט פון זילבער האָט זיך אריינגעפּאַטשט אין דעם שיינענדען קופּער פון טהירה, ווי אַן אָבשיין פון דער שכינה.

„און עס איז געוועזען ווי דורך איין אַלמעכטיגען רוף האָט אַ קלאַנג זיך צעשפּרייט, מען האט ניט געוואוסט, ווער עס האָט עס געטאָן און פון וועמענס מויל עס איז געזאָגט געוואָרען:

„אַ יעדער האָט אָנגעהויבען צו וויסען...

„אַ קלאַנג האָט זיך געטראָגען:

„אַז עס איז פון ערגעץ געקומען אַ גרייז אַלטער איד...

אַ קלאַנג האָט זיך געטראָגען:

אַז עס איז אויפגעשטאַנען אַ יונגערמאַן פון פאָלק...

„און אין אַ שבת אין דער פריה. עס האָט די זון זיך צעברענט און אריינגעקוקט מיט טויזענד און איין ליכט דורך דעם קרישטאַלענעם דאך פון דעם הייליגען הויז. איבער די גאַסען האָבען געצויגען די אידען פון דער שטאָדט אין זייער הייליגען הויז אריין. האָט מען אָנגעפילט דעם ערשטען באַלקאָן און דעם צווייטען און אַזוי ביז עס איז שוין געוועזען פול דער הונדערט און אכטצעהנטער. אַ קינד אין דער וויעג איז ניט געבליבען אין ערגעץ פון די אידישע היימען.

„און עס איז געוועזען אַז די זון האָט אריינגעקוקט דורך דעם רונדען דאך, דורך אַ קריסטאַלענעם טאַוועל אין דער אידישער הויז אריין, האָט זי זיך גוי דערשראָקען. און דער זייליגער שטראַהל איז פאַרציטערט געוואָרען און זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

„האָט אין דעם שענדעליער פון גינגלאַד, וועלכער האָט געהאָנגען אין מיט פון דאַך, אריינגעפלאַסען אַ גרינליך פליסיגע ליכט, וועלכע האָט אָנגעפילט אַלע רעהרען פון ווייסען קריסטאַל.

און דאָס ליכט האָט זיך באַהעפט מיט אַלע אידען פון דעם הויז, און האָט געשיינט אויף דער בימה, וועלכע איז געמאַכט געוועזען אין דער מיט פון הויז.

„איז זי, די בימה, ארומגעצוימט מיט איבערגעפלאכטענע טרויבן צווייגן און בלעטער פון אזא מין מעטאל און זיילן האט זי אכט, וועלכע ציהען זיך אין דער הויך אין דער פארמע פון קאשטאניען ביימער. און עס האט אבגעשלאגן אין די טרויבן בלעטער, וועלכע זיינען געווען גרין און דונקעל. און עס האט אויסגעזעהן ווי א וויינגארטען, וועלכער ווערט געוואשען אין פריהיגען טהוי — געוואשען און נאכדעם קומט די זון ארויס און שפיגעלט זיך אן אין די דונקעל גרינע בלעטער.

„האבען זיך אידען אנגעזאמעלט אין דעם פארקעט, ארום דער בימה. מען האט נור געזעהן א שווארצען ים, פון קאפ אויף קאפ און אויגען — א טיפנאכטיגער הימעל מיט שטערן...

„האט מען ניט געזעהן פון וועלכען ווינקעל און פון וואס פאר אן ארט. עס האט אויסגעוואקסען אויף דער בימה א גרייז אלטער איד. זיין בארד ווייס ווי די זילבערנע אדלערס איבער די הייליגע ארונות, און זיין שטערן הארט ווי די קופער פון די אכט זיילען און זיינע אויגען האבען געפלאמט מיט א בלויליך פליסיגען ליכט...

„האט ער אויפגעהויבען זיין רעכטע האנד, איז געווארען שטיל. די אידען פון גאנצען הויז האבען פחד באקומען און איינגעהאלטען זייער אטעם.

„— דער אלמעכטיגער האט מיר דורך א דין געוועבטען טרוים אנגעזאגט איך זאל געהן דאס ערשטע און דאס לעצטע מאל צו אייך אין נייעם הויז אריין און אייך זאגען — האט זיין שטים זיך געווירבעלט אין דעם רוים פון רונדען הויז —

„ דעם נאמען פון שין, דלת און יוד.

„ווער פון אייך פון די יונגע, צי פון דער גרויסער שטאדט, צי פון איין אנדערען עק פון דעם דאזיגען פרייען און פעטען לאנד, ווער פון די יונגע, וואס פיהלט אין דער דאזיגער רגע א דינינקען פלאטער אין זיין נשמה, זאל ארויפשטייגען צו מיר אויף דער בימה!...

„עס איז געווען שטיל אין הויז ווי אין א געדיכטען וואלד פאר א שטורעם. מען האט ניט געוואוסט פון וואס פאר א ווינקעל און פון וועלכען ארט.

אבער ער איז א יונגער און א ציטריגער, בלייך, ווי דער זוני־גער זייל איבער דעם קריסטאלענעם טאוועל פון דאך, זיינע אויגען אין זיך אריינגעטיפט, ארויפגעקומען און געבליבען שטעהן אויף דער בימה.

„דער גרייז האט איהם ארומגעוויקעלט מיט זיינע אויגען און האט נאכאמאל זיין רעכטע האנד געהויבען און געזאגט:

— ...דאס איז מיין לעצטער וואונש, זאג איך אייך, קינדער פון מיין ראסע. איהר זאלט וויסען זיין אז מיר האבען איין גאט אין הימעל, ווי „איין הויז" אין דער דאזיגער שטאדט... מיינע הענד זיינען שוין שוואך און מיינע לעפצען פארטריקענט און איך וועל אייך זאגען די רייד פון שין־דלת־יוד אין מיין מויל: —

...אז אין דעם היינטיגען טאג ווען אידען האבען זיך איינגעזא־מעלט פון דער גאנצער שטאדט דער גרויסער און זיינען געקומען אין זייער הויז, וועלכע איז די שעהנסטע אין דער וועלט וועל איך אויסדערוועהלען א יונגען בוים פון פאלק און וועל מיט מיין הויך באריהרען זיין זעעל. און ער וועט ווערען געזאלבט און ברענגען צו זיין פאלק גליקזעליגקייט, וואס איך האב פון אייביג און אויף וויטע וויטען געהאט פאר די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב...

„...און דאס איז דער יונגער בוים..."

# די חתונה

## א.

קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואנען ער איז געקומען און ווי אַלט ער איז — נאָר אַז זיין נאָמען איז „דזשאָו”. ער האָט זיך באַזעצט אין דער ניינטער גאס און געעפענט א האמען־שניידעריי. פלעג ער אליין ארבייטען ביים מאשין און מיט דער נאָדעל. און דורך זיינע דינע, לאנגע פינגער, פלעג ער אין דאָס שטיקעל ארבייט, פליים און קענטנים ארייננצולעגען. נאָכדעם עס ארויסשטעלען אין דעם איינציגען פענסטער פון זיין געשעפט.

האָבען אָנגעהויבען צו ציהען דאמען און מיידלעך צו איהם; האָט איינע זיך א קלייד געמאכט, פלעג זי עס אלע איהרע פריינדינען דערצעהלען. און עס האָט איהם אָנגעהויבען צו געהן דורך טהיר און דורך טויער.

איז ער געוואָרען פארוואָרפען מיט ארבייט און ניט געגלוסט צו צונעהמען אַן ארויסהעלפער — געמוזט האָט ער ארייננצונעמען נאָך א מאשין און א מיידעל צום מאשין. שפּעטער נאָך א דריטען און נאָך שפּעטער א פיערטען — ביז ער האָט געמוזט זיך אריבערציהען אין אַן אנדער אָרט מיט צוויי פענסטער צום גאס.

און וואָס מעהרער זיינע ארויסהעלפער האָבען זיך פארמעהרט אַלץ ווייטער האָט ער ווינציגער אליין געארבייט ביים שטיקעל ארבייט. פלעג ער זיך ארומדרעהען מיט א לייווענטענעם מאָס אויף זיין נאקען. און אַז עס פלעג ארייננקומען א דאמע האָט ער זיך, — אליין ניט וויסענדיג פון ווען און וואנען געלערענט, — מיט איידעלקייט צו איהר פארנייגט, און צאַרט צו איהר געשמועסט. און אפּגעמאָלען פאר דער דאמע א קלייד:

— לאנג וועט עס זיין, מאדאם, אז נאר די שפּיצען פון די שיכלעך וועלען זיך ארויסזעהן. פון הינטען און איןביידע זייטען קליינציקע פאַלדעלעך. און ביי יעדער בינטעל פאַלדען צו דריי קנעפּעלעך. און פון פאַרענט ביי דער רעכטער קניע א געקנייטשטער פאַלד עהנליך צו א רויז און אין מיט א קנאַפּ. און אונטען ביים לינקען פוס, וועט קומען א קליינער שפּאַלט...

פלעגט ער אזוי אפּמאַהלען, אז ביי דער דאמע איז געבוירען געוואָרען א באגעהר דאָס קלייד צו האָבען פאַרטיג, — פון פּרייז איז שוין קיין רייד נישטאָ.

און אזוי איז איהם געגאַנגען פון טהיר און פון טויער. און ער האָט בעדאַרפט האָבען אן ארויסהעלפער צו נעמען די מאָס און אנצומעסטען די פראָבען קליידער.

האָט זיך געפונען א מיידעל צווישען זיינע ארויסהעלפערס, מיט א רויטען קאָפּ האָר. און זי האָט געהאט אן איידעלע, בויגיגע פיגור. און א גאַנצען טאָג האָט גערוהט דער שמייכעל אויף איהר בלאַסליכען פּנים. און א שטיקעל ארבייט האָט זי געמאַכט מיט געפיהל. און געהייסען האָט זי מיט דעם ווייכען און צארטען נאָמען אסתר.

און איינמאָל אין א פארנאכט איז דזשאָו צוגעקומען און געזאָגט אזוי אז אלע מיידלעך זאָלען הערען:

— אסתר, איהר וועט מעהרער ביי דער מאשין ניט דאַרפען ארבייטען. איך נויטיג זיך אין אייך, מיר ארויסצוהעלפען. אָט, נעמט ביי מיר די מאָס צו און טהוט עס מיט געפיהל...

ביי אסתר'ן האָט זיך דאָס פּנים געביטען אין פארבען, ווען זי האָט זיך מיט האסט א הויב געטאָן פון מאשין. די אנדערע מיידלעך האָבען זיך שנעל געביטען מיט זייערע בליקען. און עס פלעג אזוי זיין. איז א דאמע אריינגעקומען האָט דזשאָו מיט איהר גערעדט, און איז ער פארטיג געוואָרען מיט דעם פּרייז, האָט שוין אסתר געטאָן דאָס איבעריגע.

און אין אבענד, ווען אלע מיידלעך פלעגן זיך אנטאן און אהיים געהן, איז אסתר נאך פארבליבען מיט דזשאו'ן אין פאבריק. און אין פריה־מארגען, ווען אלע מיידלעך פלעגן זיך צונויפקומען צו דער ארבייט, פלעג אסתר נאך ניט זיין. זי האט געמעגט אריינקומען שפעטער ווי אלע. און ווען די מאשינען פלעגען רוישען אלע צו־זאמען, און ווען קיינער פון די קונדען פלעג ניט אריינקומען, איז אסתר תמיד געשטאנען מיט דזשאו'ן און פון עפעם גערעדט.

און פון יענער זייט ים אין רישקאן האט דזשאו א ווייבעל מיט צוויי קינדער געהאט.

זיצט די ווייבעל ביי איהר פאטער, שמעון־דער־בעדער, און האפט, און שרייבט בריעף. און קוקט זיך ארוים די אויגען אויף דעם בריעף פון „יודלען" פון אמעריקא. און אז זי לויפט זיך אפ די פיס אין פאסט אריין און אז זי וויינט זיך גוט אן, ערהאלט זי א בריעף. און דאן לויפט זי מיט דעם בריעף אהיים און טאנצט אריין צו איהר מאמען אין הויז אריין, און פאר פרייד כאפט זי איהרע קינדער קושען. און דעם שאל פון איהרע איידעלע פלייצעס ווארפט זי אוועק, אזוי ווי זי וואלט איהם שוין מעהר ניט באדארפט, און זי הויבט זיך אן ארומצוקוקען און צו זוכען אן ארט, וואו עס זאל זיין באקוועמער צו לייענען. און זי זעצט אוועק די קינדער־לעך אויף'ן טיש און איהר פאטער שמעון־דער־בעדער טהוט אן זיינע ברילען און זעצט זיך אוועק ביים טיש אויף דער לאנגער באנק און זי זעצט זיך אוועק נעבען איהם און צעעפענט דעם בריעף און לעזט אויף א קול.

און נאך יעדער בריעף בלייבט איהר ליידיג אין הארץ, ווייל זי האט כמעט גארנישט וואס צו לעזען. ער שרייבט צו איהר אלעם אין קורצען. און צומאל פארגעסט ער זיך די קינדער לאזען גריסען. און וואלט איהר מוטער איצט געלעבט... וואס קען זי זאגען איהר פא־טער. א מאנסביל, טוט אן זיינע ברילען, און לייענען קען ער ניט, נאר אז זי טוט א לעז איבער אין קורצען און בלייבט אזוי זיצען אנ־

[illegible], זאָגט ער נאָך, ווי ער וואָלט זאלץ שיטען אין איהר צע־
ווערהטאָגט הארץ, אז עס איז א גוטינקער ברייוועל.

שפּעטער ווענדעט זיך שמעון דער בעדער צו זיין טאָכטער חנה:

— וואָס געהסטו עפּעס ארום ווי א שאָטען?

— איך?! — טהוט חנה א מאַך און עפּעס ווי אומבאַוואוסט פאַר איהר אליין, ווי זי וואָלט עפּעס זוכען נעמט זי ארומלויפען איבער דעם גרויסען שטוב.

— עפּעס זעה איך אין דיר אז דו קענסט דיר קיין אָרט ניט געפינען.

האָט חנה געפיהלט אז איהר פאָטער זאָל זי איצט גוט אָנשלאָגען, ווי ער פלעג עס טאָן אין איהר יוגענד, וואָלט איהר בעסער געוואָרען, ווי פון זיינע רייד. און זי פּרובט זיך ניט אונטערגעבען.

— א גאַנצען אין דער פריה זוך איך דאָס טינטערל מיט דער פעדער.

— איך האָב עס באַהאַלטען, טאָכטער לעבען, קליינוואַרג קענען נאָך, חלילה, אויסטרינקען די טינט, אָדער זיך צעשטעכען מיט דער פעדער.

— אוי, דו ווייסט, טאַטע, וואו די טינט און פעדער איז, גיב עס מיר, איך בעט דיך. איך וויל שוין שרייבען יודל׳ען ענטפער.

— ווערסט ניט באַדאַרפען שיקען מיט דער פּאָסט, חינקע, מאָטעל־שניידער׳ס געהט היינט קיין אמעריקא אוועק. קענסט מיטגעבען איהר דעם בריעף.

— איכ׳ל בעסער שיקען מיט דער פּאָסט. זי קען עס נאָך פאַרלירען אין ים אריין.

— נאַרעלע, מען פאָהרט היינט ניט מעהר מיט׳ן ים אין קיין אמעריקא. איך האָב געהערט אַנומעלטען ווי אידען האָבען געשמועסט אין באָד. אז די בלעטער האָבען באַשריבען ווי די אמעריקאַנער האָבען אזא בריק אין דער לופטען אויפגעהאַנגען, און

באהגען געהען איבער׳ן בריק. כ׳לעבען גיב מיט חינקע׳ן דעם בריעף.

— ניין, איך וויל ניט... חינקע׳ס מאן איז שפעטער אוועק ווי יודעל. און זי געהט שוין קיין אמעריקא. און איך — ניין! איך וויל שיקען מיט דער פאסט.

— מן הסתם איז נאך ניט די צייט. נארעלע, אי וועט ער דיך מירצאשעם נאך ארויסנעמען...

ב.

איז יצחק מאיר פון רישקאן א איד מיט א קורץ, שפיציג בער־דעל, א לאנגער און מיט גרויע לאנגליכע אויגען, אמאל דורכגעגאנגען די נייעטע גאס. און, ווי זיין טבע איז געווען, זינט ער איז אין אמעריקא, געקוקט אין די פענסטער פון די קליימען. טוט ער אזוי א קוק און דערקענט אין דזשאו דעם דאמענשניידער, יודל׳ען פון ריש־קאן, דעם בעדער׳ס איידעם.

שטעלט ער זיך אוועק און קוקט זיך נאכאמאל איין צי ער נארט זיך ניט אפ. עס איז פארט יודעל, טראכט ער.

איז ער אריין אין דעם דאמענשניידעריי.

— וואס וויל עפעס א איד? — פרעגט איהם דזשאו און דער־קענט איהם ניט, כאטש ער האט גוט געוואוסט ווער דער איד איז, ווייל אזוינע אידען ווי יצחק מאיר פארענדערען זיך ניט אין אמע־ריקא.

— דערקענסט מיך ניט? גיב נאר א קוק, איך וועל שוין ווייך רעדען, יודעל.

שטעקט איהם יודעל אפ שלום און אין זיינע אויגען ווערט איהם גרין און געל, און ער בעט נאט אין דער שטיל. אז דער איד זאל וואס גיכער פון דאנען זיך אפטראגען.

איז דער איד אוועק און זיינע קלוגע אויגען האבען ניט פאר־פעהלט צו באמערקען אז עפעס א „ליידי“ מיט רויטע האר דרעהט זיך ארום יודל׳ען צופיעל. עפעס האט זי א גרויסע דעה איבער די

ארבייטער מיידלעך. נאר, האט ער זיך געטראכט, עס, א דאמען־שניידעריי מוז האבען א „ליידי" פאר אן אויפזעהערין.

איז ער אהיים געקומען און מיט פרייד דערצעהלט:

— טרעף, וועמען איך האב היינט דא געזעהן?

— וועמען, זאל איך טרעפען.

— יודל'ען, מ'בעדער'ס איידעם פון רישקאן.

גיב שוין, געה, יודעל אין אמעריקא! וואסי, ער האט דען שלעכט געמאכט אין דער היים?

— מעגסט שוין זעהן וואס'ר א געשעפט ער האט אין דער ניינטער סטריט.

און אין אבענד זאגט חוה צו יצחק מאיר'ן:

— הערסט איצע, איך בין א בעלאסקען אנצוקוקען יודל'ען.

און זיי האבען זיך ביידע אוועקגעטראגען אין דער ניינטער גאס. און אז זיי זיינען אריין אין דעם דאמענשניידעריי, איז אסתר צו זיי צוגעקומען און זיי אנגעוויזען ביינקלעך צום זיצען, און איז אליין אוועק מעלדען דזשאו'ן, זיי צוואוארפענדיג פריינדליך:

— איין קליינע מינוטעלע.

קוקען זיך איבער יצחק מאיר מיט זיין פרוי חוה. זאגט די אידענע:

— עס מוז זיין א שוועסטעריל זיינע.

— קלאטע, א שוועסטער האט יודעל אויף זיין לעבענס' לעבען ניט געהאט.

קומט דערוויל יודעל אונטער און דערזעהט ווייטער דעם לאנדסמאן פון רישקאן. טוט עס איהם א שטאך אין ברוסט. און ער קען קיין ארט ניט געפינען.

הויבט זיך דער איד אויף פון ביינקעל און זאגט:

— איך האב אביסעל געבראכט מיין אידענע. זי וויל זעהן א לאנדסמאן. מען איז דא פרעמד און פארוואָרפען.

— וואס מאכט עפעס יודעל? — טוט די אידענע א פרעג און

ווארפט א בליק צו דער „לײדי" מיט די רויטע האר. איהר פרויען אינסטינקט האט איהר עפּעס באשטימטעס פּאַרגעזאַגט.

און דזשאָו שטעהט, די פּיס ביי איהם זיינען ווי אונטערגעהאקטע. און ביי זיך אינװעניג שילט ער דעם טײפעל, וואָס ער האט צו איהם פּארשלעפּט די דאָזיגע געסט.

זאָגט די אידענע ווייטער:

— זעה נאָר איצי, וואָס'ר א געשעפט יודעל פיהרט! מיר וועלען אהיים שרייבען אז מיר זיינען ביי דיר, יודעל, געוועזן. דיין חנה וועט זיך דאָרטען מחיה זיין. איך געדענק זי נאָך פּאר א קליינציקער...

און אז זיי זיינען אוועק איז דער לײדי גאָר ניט איינגעפאלען צו פרעגען וועגען זיי. און ער, דזשאָו, האט עפּעס אָנגעהויבען מורא האבען פאר א זאך. און געטראכט, אז ווען ער זאָל נאָר קענען, וואָלט ער זיין געשעפט אריבערגעפיהרט אין איין אנדער אָרט.

עס איז אָבער ניט געווען גוט צום געשעפט עס אריבערצופיהרען. און ער האָט געמוזט סײ־ווי־סײ האָבען א גוטע אורזאַכע דער „לײדי" צו געבען.

ג.

האט יודעל איינמאָל ערהאלטען א בריעף פון רישקאַן, דעמאָלט ווען די „לײדי" מיט'ן רויטען קאָפּ האר איז פּארבליבען מיט איהם, שפּעטער אין אבענד, אין זיין געשעפט. דזשאָו האָט מיט א לייכטען ציטער, אין זיך פּארבאָרגען זיינע געפיהלען, וועלכע האָבען זיך געשטויסען אויף דער פריי פון זיין הארץ. און ווען זיין „לײדי" האָט איהם א פרעג געטאָן, פון וואנען דער בריעף איז, האָט ער געענטפערט:

— פון די „אלטע" אין יוראָפּ.

— לאָז א קוק טאָן.

דזשאָו האָט איהר צערטליך דערלאַנגט דעם בריעף, ווייל ער

האט געוואוסט באשטימט, אז זי קען סיי־ווי־סיי ניט לעזן קיין אידיש...

אסתר האט באקוקט דעם בריעף פון אלע זייטן. עס איז אין איהם געווען צווייערליי שריפטען, און זי האט עס באמערקט און אליין אויסגעטייטשט, ווייזענדיג פריהער אויף איינעם און נאכדעם אויף דעם צווייטען, צארטערען כתב:

— דאס מוז זיין פון פאפא און די פון מאמא.

— זעה נאר ווי זי האט דערקענט! — האט זיך דזשאו דער־פרעהט און מיט ביידע הענד זי ארומגעכאפט קרעפטיג, און איהר געטאן א קוש אין קאפ.

— ביזט א פרעכער, דזשאו — האט אסתר אפגעשפרונגען אויף א זייט און מיט א נאזטיכעל זיך אפגעווישט דעם שטערען, — לעז מיר נאר וואס מאמע שרייבט?

ער האט גענומען דעם בריעף און אויף איין מינוט האט עס איהם אויסגעזעהן אז ער פאלט אריין, ווייל ער האט פארגעסען אויף וועלכען שריפט זיין „לוידי" האט געזאגט אז עס איז מאמא'ס, צי אויף חנה'ס צי אויף זיין טאכטער'ס? ער האט מאמענטאן א כאפ געטאן דער לוידי'ס בליק און זיך גענומען קוקען אין זיין טאכטער'ס שריפט און געלעזען, ווי זיין מוטער וואלט איהם שרייבען.

— מיין ליעבער זוהן, יודעל לעבען!

כאטש ער האט שוין לאנג קיין מוטער ניט געהאט, — אפילו קיין פאטער אויך ניט, — פונדעסטעוועגען האט ער ערקלערט זיין „לוידי" מיטן רויטען קאפ האר, אז אין רישקאן פלעגט מען איהם רופען „יודעל" און דא אין אמעריקא הייסט ער דזשאו.

— לעז ווייטער, דזשודעל... — האט אסתר געטאן א זאג, נאכ־קרימענדיג דעם אידישעןווארט „יודעל", און האט זיך מיט ביידע הענד אנגעהאנגען אן זיין רעכטען אקסעל.

דזשאו האט דערפיהלט ווארעם פון אסתר'ס נאהענטקייט. ער האט געקוקט אין דעם כתב פון זיין טאכטער'ס קליינעם הענדטעלע

און עס האָט איהם באַנומען אַ געפיהל. און ער האָט אַ טראַכט געטאָן פון דעם פּליים, וואָס זיין ווייב חנה האָט אוועקגעגעבען אויסצו לערנען דאָס קליינע מיידעלע, אַז זי זאָל קענען צושרייבען אַ שטיקעל, צום טאַטע'ן אין אַמעריקאַ...

און ער האָט מיט באַגייסטערונג געלעזען:

— ליעבער און טייערער זוהן. איך שיק דיר פון ווייטען אַ מזל טוב... און ווינש דיר גליק מיט דיין כלה צוזאַמען. איהר זאָלט אי"ה אין גיכען חתונה האָבען און אָפּלעבען אייערע יאָהרען צוזאַמען אין פריידע און גוטעס... שיקט אונז אייערע בילדער פון פאַר דער חופּה...

דאָס לעצטע האָט ער צוגעשטעלט נאָך אַ מינוט פון איבערדענקען.

— די אַלטע לייזרי איז אויף פּרעך, — טוט אסתר דזשאָו'ן אַ שטופּ און אַליין דרעהט זי זיך אוועק אָן אַ זייט. נעמט זיך עפּעס צורעכט מאַכען די ניט פאַרענדיגטע קלייד, וועלכע איז געווען אָנגעטאָן אויף דער פיגור.

— וואָס־זשע, אייביג וועלען מיר זיין חתן־כלה? נאַרעלע, צו ליעבסטו מיך גאָר אין גאַנצען ניט?

— רייד ניט אַזעלכע זאַכענישען...

דערווייל האָט יצחק מאיר אַזוי לאַנג נאָכגעזוכט און נאָכגעשפּירט, ביז ער איז דערגאַנגען אַז יודעל דער דאַמענשניידער פון דער ניינטער גאַס וועט טאַקע חתונה האָבען מיט דער רויטער „לייזרי".

האָט איהם ביים האַרצען פאַרקלעמט און ער איז אוועק צו די אַנדערע לאַנדסלייט, וועלכע זיינען געוועזען צעשפּרייט איבער דער שטאָדט ניו יאָרק, און האָט אַ פּייער אַ גרויסען אונטערגעצונדען.

קלוג זיינען זיינע לאַנגליכע אויגען סיי־ווי געוועזען. האָט ער געזאָגט אַז עס וועט זיך ניט באַצאָלען אָנצומאַכען אַ שטאַרקען רעש. „זאָל דער פּייער ברענען שטילערהייט"...

— וואָס וועט איהר אויפטאָן אין דער שטיל?

— געהן אין געריכט!

— בעסער צו דער מיידעל'ס עלטערן.

— נאראנים, מיר מוזען דאס ווייבעל ברענגען אהער פון ריש־קאן און פאר דאס אין דער שטיל, — האט יצחק מאיר געזאגט זיין ווארט, דערביי האט ער געטאן א שטויס מיט'ן גראבען פינגער צו זיין הארץ.

האט מען זיך צוזאמענגעלעגט. ווער עס האט געגעבען א דאלאר און ווער צעהן. און מען האט ר' יצחק מאיר'ן אויסגעקליבען אז ער זאל טאקע פאהרען פון יענער זייט ים און „זי" טאקע ברענגען.

קיין צעטעל בעדארף מען איהם ניט מיטגעבען. ווייל אין ריש־קאן ווייסט מען יצחק מאיר'ן בעסער, ווי דזשייקאב שיף דא אין אמעריקא.

איז ער אוועקגעפאהרען מיט דער ערשטער שיף, און אז ער איז בשלום אנגעקומען קיין רישקאן, און אז ער האט זיך נאר איינגע־וואשען דעם פנים און די הענד, האט ער באלד געשיקט רופען חנה'ן דעם בעדערס טאכטער.

— געה, זאג איהר — האט ר' יצחק באפוילען דעם אינגעל־שליח — אז איך בין געקומען פון אמעריקא און באדארף זי נויטיג זעהן.

באלד איז געקומען צולויפען שמעון דער בעדער און אפגע־שטעקט ר' יצחק מאיר'ן א ברייטען שלום עליכם.

— וואס מאכט עפעס מיין יודעל?

זאגט ר' יצחק מאיר:

— איך האב געשיקט נאך אייער טאכטער. לויפט און שיקט זי צו מיר.

האט זיך דער בעדער שטארק דערשראקען. און ווי אלט ער איז, האט איהם גענומען אפשר א ניין רגע'ס צו לויפען אהיים, פון יע־נעם עק רישקאן.

און נאך וויניגער האט גענומען חנה'ן צו קומען צולויפען. און

נאָך האַסטיגער האָט איהר ברוסט זיך געהויבען אַראָפּ און אַרויף און פאַר שרעק האָט זי אַזש פאַרגעסען צו זאָגען גוטען מאָרגען. ווער שמועסט שוין פון סקאַצעל קומט.

ד.

אסתר, די רויט־האָריגע מיידעל, איז געווען ביי איהר פאָטער יוליוס קאַרענוואַלד, די מוזינקע. און אַזוי ווי קאַרענוואַלד האָט חתונה געמאַכט זיינע אַנדערע טעכטער אין כבוד און פרייד, אַזוי אָדער נאָך שעהנער, וועט ער פּראַווען זיין מוזינקע'ס חתונה...

געוועזען איז יוליוס אַ קליינער סוחר און געדרעהט אין לודלאָוו סטריט זיין קאָפּ און די קעפּ פון לייטען, און עס האָט לייטען גע־וואונדערט וואו און ווי ער טוט זאַכען, וועלכע אַנדערע, רייכערע פון זיין שטאַנד, קאָנען ניט פאַרשאַפען.

האָט עס געקלונגען אין לודלאָוו, פון דער דאָזיגער חתונה, און יוליוס האָט דערפון נחת געהאַט.

איז מען אַוועק אויף אָרטשאַרד און אָפּגעדונגען די אייגענע גרויסען זאַל, אין וועלכע יוליוס האָט זיינע אַלע קינדער חתונה געמאַכט.

און גענומען האָט מען דעם קורצינקען פעטען אידעל מיט דעם סקווערען, ברוינעם בערדעל, און מיט די ברוינע אונרוהיגע אויגע־לעך, אַלס רעוורענד, דער אייגענער מסדר קדושין ביי אַלע קינדער;

די אייגענע פאַרשמאַלצענע דיקע פרוי מיט די גראָבע מאַסיווע ליפּען און מיט דעם גרויסען, ברייטען און גלאַנציגען שטערען, פאַר אַ קעכין.

די אייגענע מוזיקער — מיט איינעם וואָרט, יוליוס קאַרענוואַלד איז ניט געשטאַנען אין געלד און געזאָגט צו זיין פרוי „עננ", אָנ־צוגרייטען פון אַלעם ברייטלעך.

איז מען אַוועק צום קצב און פאַרזאָרגט צוויי הונדערט היהנד־לעך און פופציג קעלבערנע לעבערס, צוויי הונדערט פונט ריפּען־פליישׁ און דערצו נאָך אַ פּאָר הונדערט קוהענע מילצען.

איז מען געגאנגען צום אייגענעם בעקער אין עסעקס סטריט און מען האט פארזאגט ווייצענע ווייסע בולקעלעך און קובענס אהן א שיעור. און זיך געהייסען אנצובאקען צוקער־און האניג־לעקעכער, און פלאדען און טארטען מיט אנגעזעצטע האלבע ניס.

איז מען אוועק אין סאלון, דעם אייגענעם, אויף סאפאלק סטריט, און פארזאגט צוואנציג פעסלעך ביער, אזוי פיעל אין ערך גאלאנען וויין און פלעשער שליוואוויטץ אהן א שיעור.

און אין לודלאו סטריט, וואו אסתר איז געבוירען און אויפ־געוואקסען, האט זיך געטראגען א רעש, כמעט איבער צוויי סקווע־רען וועגען דעם, ווי די רויט־האאריגע אסתר האט א גליק געטרא־פען און זי באקומט א מאן מיט א ביזנעס א גרויסע אין דער ניינטע סטריט, אויף דעם סאמע ראג פון דער בעריהמטער סעקאנד עוועניו..

און אסתר אליין איז די לעצטע קורצע צייט פאר דער חתונה שוין ניט געגאנגען אין איהר געליעבטענ'ס דאמען־שניידעריי אזוי אפט.

איהר מוטער ענני, א מאגערע, הויכע אידענע, האט זי איינ־מאל אוועקגערופען אן א זייט און זי געווארענט, אז זי זאל זיך היטען פאר פרעמדע — זי איז א כלה־מויד פאר דער חתונה: דערהויפט זאל זי זיך היטען ניט צו פארבלייבען מיט דעם חתן איינע אליין, אויף א לאנגע צייט...

האט עס ביי אסתר'ן אויסגעוויזען קאמיש און זי האט עפעס, ווי אליין געוואלט אויסגעפינען, צי עס איז דא א גרונד אין איהר מוטער'ס ווארנונג.

האט זי איינמאל, טאקע בלייבענדיג אליין מיט איהר געליעב־טען „דזשאו" זיך עפס דערשראקען פאר זיין בליק.

זי האט א תירוץ אויסגעזוכט און איז אוועק אהיים און לאנג געטראכט פון איהר מוטער'ס ווארנונג — זי האט זיך שוין געהיט...

ה.

און געהיט האט זיך „דזשאו" דער דאמענשניידער נאך מעהר.

פון אויבענאויף איז ער געוועזען אויפגעלגט און מונטער. האט יעדען פון זיינע קונדען העפליך און דיפלאמאטיש דערציילט, אז ער פראוועט אין גיכען זיין חתונה מיט דער מיידעל אסתר קארענוואלד.

פלעג זיך אסתר פון אנפאנג פארשעהמען און איז באלד צו־געוועהנט געווארען, ווייל קונדען האט דזשאו געהאט אהן א שיעור און אזוי פיעל באמערקונגען ווערען איינעם איינגעבאקען אין האר־צען.

אסתר האט זיך שוין ניט געשהמט פאר זיך אליין, און זי זאל ווידער קוקען אין דזשאו׳ס פנים, איז איהר ניט איינגעפאלען.

און ערגעץ ארום זיינע אויגען האט זיך דאך געשפרייט א ווארעמע רויטקייט, ווען ער פלעג רעדען פון זיין חתונה.

און נור דורך זיין איבערגעוועהנליכע מענליכקייט, פלעג זיין בלאסער גלאט ראזירטער פנים ניט בעוויזען קיין שום ענדערונג.

און האט ער זיך אנגעברייט צו זיין חתונה מיט א פרייער האנד, און מיט א פערדריקטען הארץ.

אסתר האט שטארק געוואלט א וואוינונג אין דעם אויבער־טהייל פון שטאדט ניו־יארק, וואס הייסט בראנקס; ווען זי וויל עס אין הימעל, בעקומט זי דען ניט?

און צעהן טעג האט זיי גענומען אויסצוקלויבען די מעבעל. מען האט געקליבען א קאליר צום קאליר, פון די דונקעל ברוינע, הארטע, מאהאגעניע האלץ.

און דערצו נאך טעפיכער צו יעדען פון די זיעבען צימערען אין זייער וואוינונג.

נור אז דזשאו פלעג בלייבען אליין שפעט אין אבענד און זיך אוועקווארפען אין זיין בעט א מיעדער, האט ער ניט געקענט איינ־שלאפען. עס האט זיך איהם נור געוואלט באוויזען אז ער איז ניט שולדיג. „ער האט געמוזט אזוי האנדלען, און עס וועט אזוי מוזען זיין“...

„צוליעב וואס האט גאט געגבען דער מיידעל אסתר אזוי פיעל איידעלקייט אין איהרע ביינער אריין ?"...

„ווען אסתר האט דאס ערשטע מאל איהר פוס אויף זיין שוועל געשטעלט, האט זי אין זיין הארץ א טראט געטאן און דארט א טיעפען צייכען געלאזען".

„האט ער ניט געקאנט פארגעסען אין זיין חנה'ן פון יענער זייט ים מיט זיינע קינדערלעך און ניט געקאנט אוועק פון אסתר'ן מיט די רויטע האאר...

„אסתר האט צוערשט אין זיין שניידעריי געוועלטיגט, איהר חן און איידעלקייט אין יעדער שטיקעל ארבייט אריינגעלגט. און נאכדעם האט זי איהם אליין אויך געגעבען צו פארזוכען דעם טעם פון איהר רייץ„...

נאך א זאך האט איהם פארשמעקט :

„קיינער ווייסט ניט „וואס" און „ווער" ער איז, מען איז א פרעמדער און דאס לעבען איז אזוי קורץ און אויב ניט איצט, טא ווען דען ?"...

האט ער פארלענגערט די צייט פון שרייבען א בריעף צו זיין חנה'ן אויף יענער זייט ים, און די בריף אליין פארקירצט וואס מעהרער און מעהרער. געטראכט האט ער גאר אין גיכען אויפ־צוהערען שרייבען.

געהיימניספול און דונקעל איז די גרויסקייט פון שטאדט ניו־יארק, און נאך מעהר געהיים און דונקעל איז די פארגאנגענהייט פון איהרע איינוואוינער.

און ווייסען שוין איינינע לאנדסלייט פון „דזשאו" דעם דא־מענשניידער, בעדארפען זיי עס האלטען אין א פארשלאסענעם סוד.

און ער אליין ווייסט ניט וואס לייט שפרייטען ארום זיינע פים...

ו.

און נאך איידער רישקאן אויף יענער זייט ים האט זיך פון

עפּעס וואָס דערוואוסט, האָט זיך ר' יצחק מאיר פאַרמאַכט מיט חנה, דעם בעדער'ס טאָכטער, אין אַ באַזונדערען צימער.

דאָס ערשטע האָט ער זי אַ פרעג געטאָן:

— האָסטו עפּעס בריעף פון יודל'ען ?

— ניט לאַנג פון איהם אַ בריעף באַקומען, — האָט זי גע־ענטפערט מיט אַ ציטעריגער שטימע.

— וואָס שרייבט ער דיר ?

— ...

חנה האָט זיך געביטען אין פאַרבען, ווייל זי האָט ליעב גע־האַט יודל'ען און געגלויבט, אַז דאָס וואָס ער שרייבט צו איהר ווייסען זיי און גאָט, ווייטער באַדאַרף קיינער ניט וויסען.

— הער, חנה לעבען, גאַנץ רישקאָן קען מיך זעהר גוט, דו אויך, — האָט זיך ר' יצחק מאיר געווענדעט צו איהר מיט אַ פאַ־טערליכער שטימע, — און אין אמעריקא האָב איך אויך אַ נאָמען. זאָל מיין נאָמען אויסגעמעקט ווערען פון געדעכעניש, אויב איך מיין דאָ עפּעס שלעכטס צו טהאָן דיר.

ער איז געבליבען שטיל אויף אַ סעקונדע און דאַן זיך פער־קוקט חנה'ן גלייך אין די אויגען אריין און געפרעגט :

— איך וויל וויסען צי האָסטו יודל'ען ליעב ?

— איך ?...

חנה האָט מעהרער ניט געקענט רעדען. זי האָט זיך אויס־געדרעהט מיט איהר פּנים צו דער וואַנד און מיט איהרע בלייכע דינינקע הענד פאַרשטעלט דעם פּנים.

דער איד האָט פאַרשטאַנען און געזאָגט :

— זאָלסטו וויסען זיין, אַז דיין יודעל איז אַוועק צו אַן אַנ־דערע !...

— אַן אַנדערע... — חנה האָט זיך שנעל אויסגעדרעהט פּנים צו פּנים צו ר' יצחק מאיר'ן. זי האָט ניט געוויינט, נור בלאַס

איז זי געווען, א נאַרטל צו שטעכען אין איהר לייב וואָלט קיין בלום ניט געשפּריצט !

— יע... די געפאהר איז א נאָהענטע — האָט דער איד אנ־געהויבען מיט א שטילען, ווארימען קול, — אבער מען קען זי פאַרהיטען. דו מוזט אהיים געהן און זיך פאַרטיג מאַכען צו פאָה־רען מיט מיר קיין אמעריקא. געלד איז פאַראַנען גענוג ! נו, געה.—

און אויף מאָרגען איז שוין ר׳ יצחק מאיר געפלויגען מיט חנה׳ן קיין אמעריקא.

די קינדער האָט זי געלאָזען ביי איהר פאָטער, — ביז גאָט וועט העלפען...

ז.

דאָס פּאַסיקעל, וואָס איך האָב אויבען אויפגעקריצט, איז דאָס לעצטע פון דער דאָזיגער מעשה.

איך האָב א סיגאַרעט אָנגעצונדען, א ברייטען וואָלקען רויך איבער מיין צימער צעלאָזען, איינצעלהייטען שווימען ארויף אין מיין זכרון. און אַט ווי דאָס פאָלק פאַרענדיגט די מעשה :

... א פאַיעטאָן מיט צוויי פּאַרפּוצטע פערד זיינען מיט דער גאַנצער לענג פון לודלאָוו סטריט דורכגעפלויגען, דער חתן אינווענ־יג אין פאַיעטאָן, און די פערד זיינען ביי דער כלה׳ס הויז שטעהן געבליבען.

פון ביידע זייטען גאס זיינען שוין געשטאַנען אָנגעגרייט נאָך פאַיעטאָנען מיט פּאַרפּוצטע פערד.

פריהער איז דער חתן אריין אין הויז פון דער כלה. פון ביידע זייטען טרעפּ זיינען געשטאַנען מענשען פון דער גאס קאָפּ אויף קאָפּ. באַלד איז דער חתן ארויס מיט דער כלה פון הויז. דעם שלעפּ פון דער כלה׳ס ווייסען קלייד האָבען צוויי קליינע קינדער, א יינגעלע און א מיידעל, נאָכגעטראָגען. עס האָט א רעגען גע־טהאָן מיט רייז און רויזען־בלעטלעך איבער חתן־כלה. דעם חתן האָט מען אין א באַזונדערען פאַיעטאָן, מיט צוויי מיידלעך חבר׳טעס

געזעצט. און די כלה אין א באזונדערען פאיעטאן, מיט צוויי יונ־
גע לייט, דער כלה'ס חבר'טעס חתנים. און א דריטער פאיעטאן
איז צוגעפאהרען און טאטע־מאמע זיינען אריינגעזעצט געווארען
אין איהם, ביז עס האבען זיך אנגעפילט אלע פאיעטאנען און מען
איז אוועק אויף ארמשארד סטריט.

און אז חתן־כלה זיינען אריין אין דעם האלב דונקעלען זאל,
איז באלד די עלעקטרי באלייכטונג אנגעצונדען געווארען.

חתן־כלה האבען זיך באזעצט אויבענאן, און די ברכות פון די
געסט און מחותנים מיט גרויס פרייד און א סך קושעריי צוגענומען.

און קעגענאיבער אין אנדערען עק פון זאל, אויף א באלקאן
מיט א גאניקעל, זיינען די מוזיקער געזעסען מיט קלארנעטען און
טראמפייטען און פיעדלען צוויי. און איינער א נידעריג אידעל
מיט א לאנגען, גרויסען באס, און א פויק מיט טאצען האט אויך
ניט געפהלט.

און ווען עס זיינען געקומען אריינצוגעהן כלה'ס פאטער און
מוטער, די שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער, די מוהמעס
מיט די פעטערס און קוזינעס און אלע ווייטע גוטע פריינד, האבען
די מוזיקער אויפגעשפיעלט א פרעהליכס, איטליכען באזונדער.

אנגעהויבען האט דאס אידעל מיט'ן בלייכען פנים, פריהער
א קלאפ טהוענדיג מיט'ן סמיציק איבער דעם לינקען זייט פון פי־
דעל, און ער האט אויך אויסגעלאזט יעדער פרעהליכס מיט א פאר
ווערטער. דערביי האט ער פארגלאצט מיט זיינע קליינע אויגעלעך
און א שאקעל געטהאן מיט זיין קאפ אהין און אהער.

עס איז דער זאל פול געווארען מיט מענשען.

יונגע האבען זיך געדרעהט אין וואלסען און קאדרילען.

און דער לאנגער טיש, וואס איז געווען אנגעשטעלט מיט
פלעשער און געבעקס, האט אויך קיין בושה ניט איינגענומען.

האט זיך א מוהמע פון כלה'ס צד געוואונדערט, פארקרימט
דאס מיילכעל:

— זעהט נאר, מאמעלעך, גאלע כלה'ס צד...

האט איין קוזינע פון כלה'ס צד געענטפערט אביסעל מיט גדלות:

— טאקע א רייכער חתן, אבער עלענט ווי א שיף אויף'ן ים...

איז די נאכט ניט געשטאנען.

דער רעווערענד איז שוין לאנג געקומען, פארטיג מיט זיינע פאפירען.

מען האט די חופה צעוויקעלט און אויפגעשטעלט.

די מוזיקער האבען אנגעהויבען צו שפילען דעם גרילצענדען, הארצהויבענדען חתן־כלה...

עס איז פלוצים געווארען א רעש.

אלע האבען זיך אויפגעשטעלט.

א ווינט האט די טהיר פון זאל צעעפענט.

דער שומר פון טהיר האט ניט געלאזען.

האט מען זיך מיט געוואלד אריינגעריסען:

דריי אידען עדות און ר' יצחק מאיר פון רישקאן האט געפיהרט די בלאסע חנה'ן איינגעוויקעלט אין א שאל.

עמיץ האט אויסגערופען:

— פון חתן'ס צד...

און די מוזיק איז פארשטומט געווארען.

מיט פארקלעמטע ליפען און פארגליווערטע אויגען האבען אלע געקוקט צו דעם קליין־בערדיגען אידען ר' יצחק מאיר, וועלכער איז שוין געשטאנען אויף א ביינקעל איבער אלעמענ'ס קעפ און האט ציטעריג גערעדט:

— פון חתן'ס צד!... איך האב דריי עדות, אידען, אז דער חתן איז א באווייבטער... און דאס איז זי... —

ער האט אנגעוויזען אויף חנה'ן, וועלכע איז געוועזען כמעט אין גאנצען איינגעוויקעלט אין א שאל. נור א טייל פון איהר

שאַרפֿען, בלייבען פּנים און איהרע גלאַנציגע, שוואַרצע אויגען האָט מען געקענט זעהן.

חנה האָט נור אַ קוק געטהאָן צו יודל׳ען...

און ניט געגאַנגען איז מען צו דער חופּה!...

עס האָבען שדים באַלד אָנגעהויבען צו טאַנצען אין דעם לאַנגען און ברייטען זאַל...

עס האָבען זיך געטראָגען קולות און שלוכצען און יאָמערען אָהן אַ שיעור...

און עס האָבען באַלד אָנגעהויבען צו קלינגען גלאָקען... שנעלע קלאַנגען, וועלכע זאָגען אָן פֿון אַן אומגליק...

די אַמבולאַנסען זיינען געקומען צו לויפֿען, און די דאָקטוירים אין ווייסען באַקליידט האָבען פֿון זיי ארויסגעשפּרונגען און אין איילעניש אַריין אין זאַל, און אין נאָך אַ גרעסערער איילעניש ארויס אויף צוריק. און עס האָט ווייטער אָנגעהויבען צו קלינגען אין די גלעקער... זיך קוים דורכגעריסען צווישען דער שוואַרצער, צוזאַמענגעלאָפענער נייגירדע פֿון אָרטשאַרד סטריט...

טויט איז געפֿאַלען דער חתן, און אויף איהם די כלה מיט אַ צוריסענעם האַרץ...

נור חנה איז ערגעץ אַנטרונען געוואָרען פֿון זאַל, און מען ווייסט ניט עד היום פֿון איהר געביין...

# דאָס ברענגעל

זומער.

פון פריהמאָרגען ביז מיטאָג האָט געגאָסען אַ מונטערער, גראָבער רעגען. נאָך מיטאָג ציהען די וואָלקענס פון הימעל אוועק. עס ווערט לויטער. די זון קוקט אַרונטער פריש און היים צו דער ערד. די גאַס לעבט אויף. פענסטער ווייזען אויס, מיט די טראָפּענס רעגען אויף זיי וואָס פינקלען קעגען דער זון, אזוי ווי מיט דימענטען באַזעצט.

עס ווערען צעעפענט פענסטער. פון טייל פענסטער קוקען אַרויס לויכטענדע פּנים'ער און בליצענדע אויגען: — די זון!

קליינע קינדער קלייבען זיך צונויף אַרום אַ „טייכעל“, וואָס שטעהט פון רעגען אויף די שטיינער אין דער מיט גאַס.

באַלד ברענגט מען צו טראָגען שטיינדלאַך און צעבראָכענע ציגעל, מען לעגט אַרום דאָס „טייכעל“ אין דעם געשטאַלט פון אַ ברעגכעל.

און מיידלאַך שרפּינגען אַריין מיט באָרוועסע ווייסע פיסלאַך און נעהמען זיך טאַנצען אין דאָס „טייכעל“. דאָס וואַסער שפּריצט אויף די ווייסענקע, ריינע קליידלאַך און מאַכט דאָרט שוואַרצע פלעקאַלעך.

— קינדער, זעהט נאָר! — הילכט אָפּ איינער פון די אינגלאַך איבער דער גאַס מיט אַ דין קול'כעל, זיך בויגענדיג איבער דעם „טייכעל“.

און אַלע אינגלאַך בויגען זיך איין און קוקען אין דאָס „טייכעל און זייערע פּנים'ער רויטלען זיך.

זיי זעהען, ווי אין דעם רעגען טייכעל שפּיגעלט זיך אָפּ אַ

שיינקייט. ענליך צו דער וואס אברהם האט געזעהען, ווען ער איז מיט שרה'ן דאס ערשטע מאל א טייך אריבערגעגאנגען.

די זון בליטצעלט אויף אין דעם געלבליכען טייכעל, — א גאל־דענער שטראהל פון א הימעלשען אויג; די מיידלאך זינגען א העל־קלינגענדיג ליעדעל ; די אינגעלאך ליגען איינגעבויגען אויף זייערע קניהעלעך ארום דאס ברעגבעל מיט די אויגען אין דאס וואסער געווענדעט :

— זעהט נור !

* * *

פון א אפענעם פענסטער קוקט א מיידעל אין גאס אראפ. איהרע האר זיינען שווארץ און הארט, איהר פנים ברייט און ברוין ווי בראנז. זי איז אנגעשפארט אויף איהרע פעסטע אפגעדעקטע הענט אין פענסטער.

דורך דאס אפענע פענסטער זעהען זיך פנים'ער פון פרויען, מיט אפגעדעקטע הענט, וועלכע זיצען אין ווייכע פאטעלען.

דאס מיידעל אין פענסטער טראכט :

„דער רעגען איז געגאנגען און מיר האבען געווארט מיט קלע־מעניש אויף דער זון. די זון ערשיינט און מיר זיצען און ווארטען אויף איינעם, וועלכער וועט ניט קומען — און אפשר קומט ער יא, אונז, די לעבענסדורשטיגע, אנצוטרינקען.

— היינט איז ביי אונז דער זיבענטער טאג פון דער ארבייט־וואך !

דאס מיידעל פון אפענעם פענסטער קעהרט זיך אפ פון גאס אין שטוב אריין און מיט דעם איינדרוק פון דאס ברעגבעל דארט אין גאס זאגט זי צו איהרע חבר'טעם :

— פאהרען מיר אפשר ארוים צום ים ?

די פרויען זיצען און שווייגען, נור זייערע אויגען צינדען זיך אן פלוצים מיט פלאמען. איינע, א ווייט פארטראכטע, זאגט :

— נאך אזא רעגען ווי היינט איז גוט צו זיין ביים ים. די

זון שיינט העל און דער ים הויבט זייגע כוואַליעס הויך. דאָס זאַמד אויף'ן ברעג בריהט און דו גערסט אַרום מיט באָרוועסע פיס, אַנט־פּלעקטע הענט און אַ הוילען האַלז.

„און מיט אַ לייכטען, שוואַרצען און דורכזיכטיגען באַד־אַנצוג, מיט די האָר צעפּלאָכטען אויף די פּלייצעס גיסט דו זיך אַ וואַרף אין וואַסער אַריין.

„און אַז דו טונקסט זיך אָפּ עטליכע מאָל באַקומט דיין אַנ־צוג אַ סאַמעטענעם גלאַנץ און דו געהסט אַרוים אויף דעם ברעג — דו געהסט ניט, נור דו שוועבסט — און דאָס וואַסער, דאָס גרינע ים וואַסער, טרעט דיר אָפּ דעם וועג מיט ברייטע, זיל־בערנע כוואַליעס.

„און אַז דו מאַכסט דעם ערשטען טריט אויפ'ן ברעג, באַ־הערשסט דו איהם מיט דיין זיידענעם שוואַרצען, מיט זונענשטראַה־לען דורכגעוועבטען ים־קלייד און דו קעניגסט איבער דעם ברעג פון איין עק ביז דעם צווייטען".

— עס קומט מיר פאָר, — האָט זי ווייטער אַזוי ווי געטרוימט — איינע בין איך געוועזען אויפ'ן ברעג ים... און עטליכע יונגע בחורים, איינער שעהנער פון'ם אַנדערען, האָבען מיך אַרומגערינ־געלט.

„איך האָב געטראָגען אַ בלאָען, מיט ווייסע שטרייפענגעריג־געלטען באַד־אַנצוג; די בחורים זיינען געוועזען אָנגעטאָן אין באַד קליידער פון פאַרשידענע פאַרבען, קורצע און לאַנגע. איך האָב כמעט געזעהען זייער הויט און ביינער און געפיהלט זייער בלוט דורך די דורכזיכטיגע לייב־קליידער.

„אַלע זיינען געגאַנגען אַרום מיר, איך האָב זיי געהאַלטען גע־צוימט ! איך האָב זיי באַשאָטען מיט זאַמד און זיי האָבען עס צוגענומען פאַר גאָלד.

אַזוי האָבען מיר לוסטיג פאַרבראַכט. נאָכדעם לעג איך מיך אַוועק אין זאַמד און שטעל אָן אַ ניט־צופרידענעם פּנים.

מען איז פון הויט ארויסגעשפרונגען, מיך פריילאך צו מאכען.

„איינער פון זיי לעגט זיך אוועק אויפ'ן זאמד אין א גרוב, וואס די בחורים האבען מיט זייערע הענט אויסגעגראבען. און זיי פארשיטען איהם מיט זאמד פון אויבען — ער איז איינגאנצען פארשאטען! עס ווערט פון איהם א זאמד מענש. דו זעהסט ער איז געמאכט פון זאמד און ער לעבט דאך. די ברוסט זיינע טראגט זיך אפ און אויף!

„איך האב זיך ניט געקאנט איינהאלטען. איך הויב זיך אויף, לויף צו און צעברעך דעם זאמדיגען מענשען. עס הילכט אפ א מונטערער געלעכטער. איך האב אויך געלאכט.

„דער בחור האט זיך אויפגעשטעלט אפגעטרייסעלט פון זיך דעם זאמד און איך האב זיך אוועקגעלעגט אין דער זעלבער זאמדיגער גרוב. און מיינע באגלייטער נעהמען מיך פארשיטען מיט זאמד.

„איך פיהל ווי א פייכטע ווארעמקייט הילט ארום מיינע גלידער.

„הענט, א הענט בעריהרען מיין קערפער. איך שליס מיינע אויגען צו פעסט. באלד בין איך אין גאנצען פארשאטען.

די בחורים פרעסען מיין ברוסט מיט זייערע פולע הויפענס זאמד. מיר איז הייס!

„און איך ליג און פארטראכט מיר עפעס א שפיצעל:

„זאל איך זיך פלוצים צעלאכען? צו זאל איך זיך מאכען פאר טויט, איינציהען דעם אטעם?

„איך קלויב אויס דאס לעצטע!

„טאטינקע! ווי זיי שארען עס אויף גיך די זאמד פון מיר אראפ. אט פיהל איך שוין די זון אויף מיין פנים. א מינוט ליג איך כלומרשט א טויטע.

„און באלד עפען איך מיינע אויגען אז, אקארשט אלע ליגען אויף זייערע קניע אינ'ם זאמד, בלייך ווי דער הימעל איבער'ן ים.

„איך טהו א שמייכעל און זיי ווערען צוריק מונטער : איך צעלאך זיך, זיי נאך מיר. און אזוי שנעל איז, איצט דאס אנקומען פון געלעבטער געוועזען ביי זיי, ווי דער אנפאל פון טויט שרעק פריהער. —"

זי ווערט אנטשוויגען און פארטראכט זיך.

אן אנדער מיידעל דערצעהלט, מיט די אויגען ווייט אין דאס אפענע פענסטער געווענדט און אנגעשפארט אין דאס ווענטעל פון פאטעל :

— „מיר זיינען ביידע געשטאנען אין ים, איינס אויף איינס. ער האט זיך געהאלטען אן דעם שטריק, וואס גרענעצט אפ דעם ווייטען ים פאר מענשען. איך האב זיך געהאלטען אן איהם.

„דער ים איז געוועזען אומרוהיג. און יעדען מאהל האט מיך א כוואליע צוגעדריקט צו איהם און מיט א מאהל : —

„אז עס טוט זיך א הויב א כוואליע פון'ם ברייטען ים און טוט זיך א גאס אריבער איבער אונזערע קעפ, ווי מען וואלט א ים־חופה אונז שטעלען !

„איך דריק זיך שטארק צו איהם און מיר קושען זיך.

חא, חא, געקושט זיך אונטער א הויכער כוואליע פון'ם ים ! שוויגט א ווײלע אין דער זעלבער פאזע נאכדעם מיט עקסטאז

„פארשאלטען זאל ווערען דער שטריק, וואס האט דאמאלט דעם ברייטען ים אפגעגרענעצט !

אלע זיצען אין די פאטעלען פון גרינעם זייד, יעדער פארטא אין זיך, און שוויגען ווי אויסגעהאקטע, פון מירמעלשטיין.

איינע פון די חבר'טעס הויבט זיך האסטיג אויף פון פאטעל. געהט צו צום פיאנא, וואס שטעהט אין א ווינקעל און נעמט זיך שפיעלען א שטאטישע, ביליגע מעלאדי. זי קוקט ארונטער צו די קלאווישען און שוויגט און איהרע געלבלעכע, פעטע פינגער־לאך לויפען איבער די קלאווישען און קייקלען זיך איבער זיי אהין

און אהער, ווי זיי וואָלטען עפּים זוכען און וועלען ארויסציהען פון זיי די ווערטער:

— „האָט איהר אין ערגעץ מ—יי—ן ברו—נע—ט געזעהן?!“

און צווישען די מוידען איז געשעהן אַ זאַך, געגליכענט צו אַ וואַלד, ווען זיינע גראַבע, פאַרוואַקסענע בוימער שטעהען אַ צייט און שווייגען, פאַרטיפט יעדער אין זיינע אייגענע מחשבות און פּלוצים טוט אַ ווינט דעם וואַלד דורכלויפען און אַלע בוימער כאַפּען זיך אויף און הויבען זיך אָן איבערצושאָקלען איינס צום צווייטען.

דאָס מיידעל פון אפענעם פענסטער זאָגט:

— „דער טאָג איז באַלד אַוועק, די נאַכט איז זעהר אַ קליינע — און לאַנג איז די ארבייט־וואָך“...

און דאַן צעלאָזט זיך די פּיאַנאָ אין אַ וואַהנזיניגער אַלעס־פאַרפאַלען־און־וועמען־באַדאַרפען־מיר מעלאָדיע און די שפּילערין כאַפּט אונטער מיט איהר מענערשער שטים אַלע מאָל איין אנדער טאָן. און עס קומט ארוים ווי אַפּגעבראָכענע שטיקלאַך פון אַ ווילדען געלעכטער:

— ער קומט ניט, כאַ, כאַ!

און אַלע חבר'טעס שטעהען אויף פון זייערע פּאַטעלען, שליי־טען אַרים און אַרים און פּאַנגען אָן ארומצודרעהען זיך אויף דעם ווייכען קאַוויאַר פון בורדאַ סאַמעט. און זיי טאַנצען און פאַרנעה־מען דאָס ווידער־קול פון דער פּיאַנאָ. און זיי בויגען זייערע פּיס און וואַקלען זיך אַהין און אַהער מיט די קערפּער און פּאַטשען מיט די הענד און זייערע פּנים'ער קרימען זיך אין משוגה'דיגע אוואַיעס:

— ער קו—מ—ט ניט דער ברו—נע—ע—ט!

* * *

די פּיאַנאָ פּלאַפּעלט:

ערגעץ אין אַ לאַנד, ערגעץ אין אַ שטאָדט איז געוועזען אַ בלאָער ים.

אין ים האָבען געלעבט נימפען.

ווען די זון האט אין פריה־מארגען זיך ארויסגערוקט ווייט אינ'ם האריזאנט און מיט א ליכטען, גאלדענעם שטראהל זיך דאס ערשטע באהעפט מיט דער גרינג־בלאליכער פלאכע פון דעם נימפישען ים פאלאץ, האבען די נימפען אויפגעוואכט פון זייער ליכטען מארגען־דרעמעל.

און מיט לאנג צעלאזענע האר, פריש שיינענדיגע פנים'ער און בליצענדיגע אויגען, מיט קלאר געוואשענע ברוסטען און דינע ים'יגע קליידער זיך אלע מיט א מאהל ארויסגעלאזט איבער'ן וואסער און גענומען זינגען א ליעד.

און פארנאכט, אז די זון פלעגט פארגעהען און פלאמענדיג זיך צו קושען מיט דעם ים, זיינען די נימפען געלעגען וויגענדיג זיך אין די ליכטע וועלכלעך, מיט זייערע אויגען צום זינקענדען פייער געווענדעט, און שטום געקוקט.

מיט א ליכטען ציטער, גלייך צו די טענער פון א מאנדאלינע, האבען זיי געווארט צו ווערען אומארעמט פון די פלוימען־בלויע, דונקעלע שאטענס.

איינמאל איז אויף דער מדינה א היץ א טרוקענע פייערדיג אנגעפאלען און טעג און נעכט האט עס געברענט און געטריקענט ביז דער בלויער ים איז א געלבליכער זאמדיגער וויסטעניש געווארען.

זיינען די דאזיגע נימפען געלעגען בלאס ווי קאלך, מיט פארדארטע, איבערגעברענטע שלייערס און געגוארט נאך דעם, אז דער זאמדיגער טאל זאל זיך אין גיכען אנפילען מיט וואסער און זייער קעניגטום וועט זיך אומקערען מיט זיין בלויער פראכט.

הימעל פון אויבען, זאמד פון אונטען. געלע זאמד און רויטע הימלען. און שטום. צו מאל זיינען ווינטען געקומען פון ווייט, ווי מחנות פון זיעגרייכע חילות אויף גרויסע אראבישע פערד, מיט טרומייטען אין זייערע מיילער.

און פון ווייטן רוים פלעגט א דונקעלער, געלער שטויב אויפ־געהען און מיט א ווילדער פייפעריי דעם טאל דורכוויכערען.

און דאס געלע זאמד איז ביז צו דעם הימעל געווארפען גע־ווארען, געפאלען און צוריק אונטערגעהויבען געווארען און זיך צעשליידערט אין א געלבלעכע פינסטערניש און פארשטעלט דעם הימעל פון׳ם טאל.

איין נימפע האט ניט געזעהן די צווייטע, ניט געקענט פיהלען זיך אליין און עס איז ניט געוועזען קיין גרענעץ צו קיין זאך, נור אן ענדלאזע זאמדיגע וויסטעניש.

און איינמאל, נאכדעם ווען די ווינטען זיינען פארשוואונדען און די נימפען האבען זיך דערפיהלט און זיך דערוויסט הינטער דער רויטער, ברענענדיגער זון פארשמאכטע און פארזאמדיגטע, האבען זיי זיך אנגענומען מיט זייערע לעצטע כוחות און אפגעריי־סען פון זיך די פארטריקענטע שלייערס און נאקעטע, האבען זיי זיך געווארפען איינע צו דער אנדערער מיט ברייט פאנאנדער־גע־עפענטע ארעמס און זיך צעלאזט איבער׳ן טאל אין א גאלאפי־רענדען טאנץ.

א דונקעל רויטליכער שטויב האט זיך פון דעם ווילדען טאנץ אויפגעהויבען און זיך אויסגעמישט מיט זייער לייכטזיניגען, לעצ־טען געזאנג און זיך צעפלאסען איבער דעם רוים וואס צווישען הי־מעל און זאמדיגען טאג, ביז זיי זיינען אלע געפאלען אין אונמאכט, און ליגענדיג אזוי אויסגעהויכט זייער לעצטען אטעם.

דער שטויב האט זיך צעשפרייט און לייכט פארוויסט פון דעם רוים זייערע קערפערס.

# מײַן וואַלד ברענט

עס טוט א בלינצעל דער ערשטער שטערען אויף דעם גרין־בלוי־ליכען אבענד הימעל.

דער שבת קודש פליהט אוועק מיט ברייט צעשפּרייטע פליגלען אין דעם ווייטען, בלייכען מעריב.

הירש זיידענבערג, א מיטעל־יעהריגער איד און א וואלד סוחר, שפּאנט זיין פערד אין שליטעל און געהט אריין, נאכדעם, אין הויז, פּעלצט זיך אן, טוט זיין אסתר'ן א טיעפען קוש אין קאפּ און א פרעהליכער פאהרט ער אוועק אין זיין וואלד איינקאסירען דעם פדיון פון דער וואך.

פון שטעדטעל פאהרט ער ארויס מיט דער לאנגער בריק, בארג ארויף פון בריק ווי אויף פליגלען. עס טהוט איהם א ציה א קוק צו טאן צו זיין הויז. ער דרעהט אויס זיין קאפּ, און פון די גרויסע פענס־טער פון זיין הויז בליצט א שיין, וועלכע מאהלט זיך איהם, ווי זיין שלאנקע אסתר, אין איהר ברוינעם שבת'דיג קלייד, מיט דעם זיידע־נעם לייכט־בלויען האלזבאנד, שטעהט ביים פענסטער מיט א ליכט אין האנד צו באלייכטען איהם דעם וועג.

און אז ער קוקט זיך ארום, דערזעהט ער ווי דער הימעל איז שוין באשאטען מיט מילי מיליאסען שטערנדלעך און איז ווי פאר־צויגען מיט א דונקעל־בלויען טוך. דאס פעלד ארום, פון יענער זייט בארג, ליגט צעשטרעקט א רוהיגע הינטער דעם הארטען שנעע, און מען זעהט א דורך און דורך דעם ווייטסטען שטח. ער זעהט דעם שווארץ־שלענגליכען שניט איבער דעם ווייס־גרויען שטח, וואו עס לויפט דאס שעהנע שדים־פולע קרא־קרא־קרא־טייכעל. הינטער איהר בריקעל, זאגט מען, ליגען באהאלטען נישטגוטע און לויערן נאך מענשען.

און כאָטש מען זעהט ניט ארויס דאָס בריקעל פון אונטער דעם שנעע, דערפיהלט הירש, אריבערפאָהרענדיג, ווי יעמאַנד וואָלט מיט א שווערען קלאַץ אין זיין האַרץ אַנגעקלאַפּט:

— אָט איז עס!

און עס דוכט זיך איהם, אז א געשטאַלט מיט הויכע, דינע פיס, לאַנגע שאַרפע הענד מיט א דינעם גוף, דורך וועלכען מען קען זעהען אזוי ווי דורך אייז, געהט אויף פון הינטער חעם בריקעל. און מיט שטילע אָבער ריזיגע טריט נעהמט זי זיך שפּרייזען הינטער איהם. און זי וועט זיך פּלוצלונג א שטעל טהאָן אויף דעם אונטער־פליגעל פון זיין שליטען, און איהם נעהמען וואָרגען און פּייניגען. ער קוקט זיך ארום מיט א לייכטען פּראָסטיגען פּחד און ניט באַ־מערקענדיג קיינעם לאַכט ער פון זיך זעלבסט, וואָס עס קומט איהם אזוינע משונה'דיגע מחשבות.

און כדי צו פאַרבאַהאַלטען זיין שוואַכקייט, טוט ער א טראַכט, אז ער האָט זיך דאָס ארומגעקוקט צו עס זעהט זיך נאָך דאָס שטעד־טעל.

פון דעם פערד קומט אויף א שוויים. און הירש אליין, וועלכער איז איינגעהילט אין א ברייטען שאָפענעם פעלץ, פיהלט ווי זיין גאַנצער קערפּער באָדט זיך אין א זיסער וואַרעמקייט. נאָר צווישען די האָר פון זיין באָרד און וואָנס שפּינט דער פראָסט דונקעל־ווייסע, דינע פעדים. און פון זיינע נאָז־לעכער שפּאַרט זיך א גרויער הויך. און עס נעהמט איהם ארום א פאַרלאַנג זיך אומצוקעהרען א היים. און ער פיהלט, אז ער ווערט שווערער און שווערער, ווי מען וואָלט אויף זיין פעלץ און איבער זיין קאָפּ געגאָסען עמערס וואַסער איי־נעם נאָך דעם אנדערען, און די וואַסער פריהרט.

— שדים! — טוט ער א טראַכט ניט ווילענדיג, און צעלאַכט זיך, אום צו מאַכען זיך האַרץ.

דאָס פערד הויבט אָן איינצוהאַלטען זיין גאַנג, ווי ער וואָלט אויך דערפיהלט דאָס שווערקייט.

הירש טוט א ברום הויך, פון היימליכקייט וועגן, און א וואַרף מיט די לייצעס.

דאָס פערד גערט וואָס ווייטער אלץ פאַמעלעכער. זיינע פיס, דאַכט זיך הירש'ן, בויגן זיך ניט, און קענען זיך ניט שטעלן פעסט צו דער הארטער שנייע, וואָס איז פלוצים ווי מיט א שפּיגעל־גליטש פאַרגאָסן געוואָרן.

דאָס פערד בלייבט שטיין!

זיידענבערג פּרובט א טרייב טאָן — עס העלפט ניט.

דאָס פערד שטייט ווי צוגעפרוירן צו דעם אייז, זיינע אויערן הויך אָנגעשטעלט; פון זיינע נאָז־לעכער פּראַכט ער אלע מאָל ארויס א ווייסן וואָלקן. זיין גאַנצער קערפּער ווערט באַדעקט מיט א גרוי־ווייסן שוים.

און ווי איינער וואָס זעהט זיך פלוצים ארומגערינגעלט פון פלאַמען פייער אין א געדיכטן וואַלד, אזוי באַקומט הירש גבורה, און נעמט אפיר דעם דעמבענעם גראָב־קעפּיגן שטעקן, וועלכן ער האלט תמיד מיט זיך אין וועג, און דערלאַנגט דעם פערד א קלאַפּ אין רוקן.

עס העלפט ניט!

עס איז אזוי שטיל אין דער נאַכט, אז ער קען נאָכצעהלן דאָס טיאַכקען פון זיין הארץ.

דער פערד פאַכט מיט די זייטן, ווי ניט קענענדיג איבער־שפּרינגען עפּעס א זאַך, וואָס ליגט פאַרשטעלט פון מענשענס אויג, אין דער ברייט פון וועג צעשטרעקט.

א שד! — רייסט זיך אריין א קאַלטער געדאַנק אין הירש זיי־דענבערג'ס צעהיצטן מח. און ער, ווי איינער וואָס זעהט אין שלאָף א גרויזאַמען חלום, טוט א שוידער, וואונדערענדיג זיך פאַר וואָס ער האָט נאָך קראַפט צו בלייבן לעבן. און אז ער קוקט זיך ארום, דערזעהט ער אויף'ן לינקן ווינקעל פון שליטן א גע־שטאַלט.

אַט זעהט זי זיך דייטליך, די געשטאַלט. און אַט, אַז ער הויבט אַן זיך אייַנצוקוקען אין איהר, פאַרשווימען די אונטערשטע פאַרמען פון קערפּער.

און עס זעהט זיך איהם נאַר אַ גרויע, פּראַסטיגע זייל. און קוים באַמערקבאַר, ווי אין חלום, זעהט ער אַ קאָפּ פון אַ פרוי.

זי טוט פּלוצים אַ וואַרף מיט איהר קאָפּ און אַ סנאָפּ רויטע האָר צעשיט זיך איבער איהר פּנים.

און ער הערט ווי אַ קליין קינד זויגט די ברוסט, אָבער דאָס קינד, ביי דער ברוסט, זעהט ער ניט.

און ניט מיט זיינע אייגענע קרעפטען טוט ער אַ פרעג :

— ווער ביסטו ?

און באַלד דערזעהט ער זיך אין אַ שנעאיגען פעלד, גרוים ווי דאָס אויג קען קוים פאַרנעמען. און ווייס, איז דאָס פעלד, ווי גע־וואַשענע לייווענד. אין מיטען פעלד שטעהט אַ לאַנגער קריסטאַ־לענער פּאַלאַץ. טויזענדער פענסטער און אין יעדער פענסטער שיינט אַ לבנה.

און איידער ער קוקט זיך אַרום, שטעהט ער גאַר אַ נאַקעטער אין דער מיט פון אַ גרויסען זאַל, וואָס איז ניט באַלויכטען קיין פייַ־ער, און עס איז ווייס אינווייניג פון דעם אויסיגען שנעע־פעלד וואָס בלאַנקט אַריין דורך די גרויסע קריסטאַל פענסטער.

און די געשטאַלט זעהט ער ניט. נאַר פיהלט ווי זי שוועבט אַרום אין דעם רוים פון זאַל, און ווי אייזיגע טראָפּענס אַזוי טריפען איה־רע ווערטער אויף זיין הוילען קאָפּ :

— איך בין פון מיין בעט אַנטלאָפען אַ האַלב־נאַקעטע, און אוועק, אין דעם אַלטען וואַלד אַריין, צווישען די גראָבע ווילד־פאַר־וואַקסענע בוימער. און דו ביסט מיר נאָכגעלאָפען. איך האָב גע־פיהלט אַז ניט דו לויפסט, נאַר אַ טייך פון פייער גיסט זיך נאָך מיינע פיס. און אַז איך האָב אַ טריט געטאָן, איז דער טראָט אין פייכטען גראָז פאַרטרונקען געוואָרען מיט דיין פייער. איך בין,

מיט האַרין קלאַפּעניש פאַרלאָפּען אין אַ פאַרפלאָנטערטען פלאַץ אין וואַלד. איך האָב צעריסען אויף זיך דאָס לעצטע שטיקעל לייוונטער און בין געבליבען אַ נאַקעטע. און אַז דו האָסט מיך דאָרט געכאַפּט האָב איך זיך דערמאָנט געטובלט אין אַ ים פון פייער...״

הירש טוט אַ שוידער און ער דערזעהט זיך אין זיין וואַלד, אין יענעם פאַרפלאָנטערטען, פאַרוואַקסענעם אָרט. ער אליין איז אין וואַלד. קיינער פון זיינע דינער. פּלוצים דערזעהט ער ווי אַ גרוי־ווייסער דיקער וואָלקען רויך וויקעלט זיך פון צווישען די ביימער, פון אַלע זייטען, פון אַלע עקען. ער נעמט זיך לויפען, קען ער ניט. עס קומען אַן מיט׳ן גרויען רויך אַזוינע דונקעלע קנוילען, אין וועלכע עס פלאַקערט אויף אַ רויטער פלאַם און כאַפּט אַרום די ביימער מיט אַזאַ מין הילכיגען געפייף, ווי טויזענדער שדים וואָלטען דעם וואַלד דורכגעלאָפען.

און עמיץ, פיהלט ער, כאַפּט איהם אָן, שניידט זיינע קליידער אויף קעגען זיין נאַקעטען ברוסט, ברעכט פון ביימער צווייג נאָך צווייג און פאַרשניצט זיי אין שאַרפע שפּיצען, טונקט זיי אין פייער, נעמט זיי אַרויס ברענענדיג־רויט און איינעם נאָך׳ן אַנדערען שלאָגט ער זיי איהם אַריין אין האַרץ מיט אַ שווערען האַמער. און זיין בלוט רינט אַרונטער אויף זיין קאַלטען לייב.

און די געשטאַלט וואַקסט אויס, און ער זעהט זי דייטליכער, און זי רעדט:

— דו הירש ביזט דאָן יונג געוועזען. און יעדען שבת נאַכטס פלעגט זיך דער וואַלד אָנצינדען און פלאַקערען מיט דעם זעלבען פלאַם אין וועלכען איך און דו האָבען זיך געבאָדען. און קיינער פלעגט ניט זעהען... און איינמאָל, אין אַ ווינטערדיגען אָבענד האָב איך דערפיהלט, אַז איך באַדאַרף אַ קינד צו דיר געבוירען. מען האָט מיר אָנגעזאָגט פון דיין חופּה־נאַכט מיט איין אַנדערער שטעדטעלדיגער טאָכטער. די כאַלופּקע, אין וועלכער איך בין געלעגען און געברומט פון מיינע וועהען, איז פּלוצים איינגעפאַלען. איך בין

געבליבן אויף דעם נאקעטען פראָסט. די בוימער זיינען אַלע צעי־
לאַפען פון שרעק, און איך בין, איינע אליין, פאַרפרוירען געוואָרען
אין א שטיק אייז...

— און אַז עס קומט אַן דער פריהלינג ווער איך צעגאַסען אין
א קלאָרען וואסער, פון דער זון, און פליסענדיג צווישען די גראָבע
דעמבעס, מיט אראָפּבארג, גיס איך זיך אריין אין דעם קליינעם
קראַ־קראַ־קרא טייבעל...

* * *

יאָהרען פליסען ווי דער קראַ־קראַ־קרא טייבעל.

זומער געהט הירש זיידענבערג ארום איבער די געסלעך און אָפּ־
געריסענער, מיט א פארוואָקסען אָפּגעברענט פנים, און יעדען איי־
נעם וואָס ער באגעגענט זאָגט ער אין דער שטיל:

— מיין וואלד ברענט!...

אַז עס קומט ווינטער פארשווינדט ער ערגיץ אין די וועלדער
און קיינער קען איהם ניט אָפּזוכען.

# די בלומען־מאַכערין



געארבייט האָט אַ מיידעל ביי קינסטליכע בלומען.

אין איהר איינמאָל איינגעפאַלען אַ געדאַנק, איהר נאָמען און אַדרעס אויף אַ קאַרטעל אַנצושרייבען און עס אַנבינדען אַן אַ רויז.

האָט די רויז מיט דעם קוויטעל געררייזט פון לאַנד צו לאַנד.

האָט מען איהר פאַרשיקט צו אַ סוחר אין קאַליפאָרניע.

דאָרטען האָט אַ בחור די קינסטליכע בלומען איבערגעפּאַקט און האָט דאָס קוויטעל מיט דעם נאָמען און אַדרעס פון ווייטען מיידעל דערזעהן.

האָט ער שנעל אין געהיים דאָס קוויטעל אָפּגעפּליקט און עס אין זיין קליינעם וועסטענביכעלע באַהאַלטען.

און אַ גאַנצען טאָג האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט דעם קוויטעל פון יעדען פאַרבאָרגען.

נור ער און גאָט אין הימעל.

די ווייטע מיידעל האָט אויך ניט געוואוסט. און אפשר ווייסט זי יאָ. און אין דער מינוט וואָס דער בחור אין קאַליפאָרניע האָט די קוויטעל פון רויז אָפּגעפּליקט, האָט זי זיך דאָרט ערגיץ אין פאַבריק פון קינסטליכע בלומען מיט אַ נאָדעל פאַרשטאָכען אין איהר ווייסען פינגער.

האָט זי אַ טראַכט געטהאָן:

„עמיץ געדענקט מיך...“

און אין קאַליפאָרניע, איז געפאַלען פון בחור׳ס הענד די אַרבייט, אַ גאַנץ געהענדיגען טאָג האָט ער אַלעס ניט געפונען אויף זיין פּלאַץ.

און די קאָלעגען זיינע האָבען פון גאָר ניט געוואוסט, אַזוי ווי

ער וואָלט ניט געוועזען וויסען ווען מיט עמיץ פון זיי וואָלט דאָס גליק טרעפען.

האָט ער אין יענעם טאָג אַמאָל טויזענד, דאָס קליינטשיג, רויט און באַגולדעט ביכעלע, פון זיין וועסטען קעשענע ארויסגענו־מען. א יעדער מאָל האָט זיך איהם געדאַכט אַז ער האָט דאָס קוווי־טעל פארלוירען. און נערוועז געמישט די לאַנגע בלעטלאַך ביז ער פלעגט קומען איבער דעם געהיימען צעטעל.

האָט ער געטראַכט:

האָט די מיידעל דאָרט ביים אַטלאַנטישען ים, גאָלדענע האָאָר? האָט ער דאָך ליעב אַזעלכע.

האָט זי שוואַרצע? וועט ער זי דען ניט קענען ליעבען?

איז זי איהם פאָרגעקומען פאַר זיינע אויגען:

אַט אַ דינע און הויכע און אַט אַ נידריגע אַ רונדע. וועט זי איהם דען ניט ליעבען אַלץ אויפאיינעם.

איז ער אוועק אַ היים, אריינגעפאַלען צו זיין מוטער.

האָט איהר דערצעהלט ווי ער האָט היינט פון אַ קינסטליכע בלום אראָפגעריסען אַ קוויטעל. ער לעזט איבער, איז עס דער נאָ־מען פון אַ ווייטען מיידעל ביי די ברעגען פון אַטלאַנטישען ים.

נעהמט די מוטער זיינע דעם קוויטעל, טוט אַן איהרע ברילען און קוקט און לעזט און מעסט אָפּ יעדעס וואָרט און יעדען דרעה פון די אותיות, און טוט עס אַ קוש און דערלאַנגט עס איהר זוהן דעם איינציגען שפּייזער פון איהר הויז־געזינד.

שווייגט דער זוהן און זי אויך.

נאָכדעם הייסט זי ווייזען דעם קוויטעל נאָך אַמאָל. ציהט אַרויף די ברילען אויפ׳ן שטערען און באַקוקט עס מיט די נאַקעטע אויגען און באַפאַרשט עס.

„— מוז זיין אַ שעהנע מיידעל — גיט זי איהר פסק — און אַ קלוגע אויך..."

א מאמע האט וויניג צו ריידען מיט איהר זוהן, ווען ער פאר־ליעבט זיך אין א מיידעל.

האט דער בחור ניט געגעסען און גאר ניט געטרונקען, זיך אפילו ניט איינגעוואשען.

זיך געזעצט שרייבען א בריעף.

שלאגט דער זייגער זיבען, אכט און ניין. עס איז שוין צעהן מינוט צו צעהן.

איז די מוטער אוועק אין איהר שלאף־צימער.

האט זיך די מוטער אויסגעשלאפען אויף איין זייט און איהרע אויגען געעפענט. דער לאמפ ברענט נאך אלץ אין צווייטען צימער און איהר זוהן זיצט דארט.

א האלבע שעה איז שטיל און נאכדעם קומט א לייכטער קריצען פון זיין האנד און פעדער און ווייטער ווערט שטיל.

דרעהט זיך די מוטער אויפ'ן צווייטען זייט אוים און קען שוין ניט אזוי שנעל איינשלאפען.

עס קען איהר ניט ארוים פון זינען.

איין אנדער מין וועלט הייגט...

א מיידעל שיקט ארום איהר ליעבע איבער דער ברייטער וועלט.

„... אין איהרע צייטען איז געוועזען אנדערש. אפשר נארי־שער. זי האט זיך געשעהמט צו ריידען מיט איהר חתן, וועלכער איז געוועזען פון דער אייגענער שטעדטעל, און שוין נאך דער חתונה צוויי, דריי יאהר זיך ניט געקאנטביישטעהן צו קוקען איהם גלייך אין די אויגען אריין...״

ווארט די מיידעל דארט ווייט ביים ברעג פון אטלאנטישען ים. און איז אנגעגרייט זיך צו ווארפען, דעם איינציגען, וואס וועט איהר קוויטעל באקומען, אין די ארעמס...

נור איין קליינע זארג בויערט איהר הארץ :

זי האט פארגעסען אנצושרייבען אויפ'ן צעטעל, אז זי איז א אידישע טאכטער...

# אויף דער ברייטער גאַס

**זארגט זיך עפעס דאס גרויסע אייזערנע ניו יארק ?**

אזוי האט זיך א בחור געלעבט איינער אליין אין א צימער, ניט ווייט פון סעקאנד עוועניו, און ניט געהאט וואס צו זארגען.

ערגעץ ביי א פרוי האט ער אלע אבענד געגעסען א געזונדען און ברייטען מאהלצייט. אין געלד איז ער ניט געשטאנען. נאך א ניקעל און נאך א ניקעל, אבי עס זאל זיין פריש פלייש און גע־שמאק אפגעקאכט. און אז ער האט אריינגעשטעקט זיין קאפ אין א שיסעל מיט יויך אדער אין א טעלער מיט פלייש, האט ער זיינע אויגען פון דארט ניט ארויסגענומען, ביז ער האט ניט אויסגעלעקט דאס לעצטע ביסעל.

און דערפאר, האט זיך איהם געדאכט, האט ער כח צו אר־ בייטען אין שאפ און אריבעריאגען אלע אנדערע ארבייטער פון זיין פאך. און ער האט זיך געהאט זיין אייגענעם סוד: אז ווי באלד עס איז דא מעהרער ארבייט איז דא א גרעסערע שיסעל ביי דער פרוי!

חוץ דאס געשמאקע עסען ביי דער פרוי האט ער ניט פאר־ געסען און שטענדיג געהאט ביי זיך אין צימער עפיס צום נא־ שען: א שקארמיץ מיט ניס, א קעסטעלע טייטלען און א גוטע פלאש וויין.

די אלע גוטע זאכען האט ער געהאלטען פארשלאסען ביי זיך אין גרויסען קופערט, אזוי גוט ווי ער אליין איז געוועזען א פאר־ שלאסענער פאר די באלעבאטים פון זיין צימער.

מען האט איהם ניט אנגעזעהן אין די אויגען. דער מארגען האט איהם אוועקגעטראגען און דער אויפדערנאכט האט איהם געבראכט.

דורך דעם הויז האָט ער זיך דורכגעטראָגען ווי אַ וויכער, מען זאָל ניט האָבען קיין צייט אויף איהם גוט אַ קוק צו טאָן.

וואָס האָט ער מיט זיי צו טאָן און וואָס באַדאַרפען זיי פון איהם? געלד וצאָהלט ער זיי פאַר דעם צימער אין צייט.

ער אליין האָט מיט זיך אַזוי אָפּגעפיהרט דעם טאָג: אין דער פריה אויפגעשטאַנען. צוויי וועק־זייגערס האָט ער געהאַט, וואָס האַבען איהם אין דער פריה געוועקט. אַזוי האָט ער זיך געפיהרט — קיינעמס דאגה!

אַז ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער גענומען אין באַד־צימער אַ קאַלטע וואַנע, זיך אָנגעטאָן און אַוועק אין אַ קאַווע־סאַלון עסען אָנבייסען. האָט געשמאַק אָפּגעגעסען, געשאָנקען טרינקגעלד זיין באַדיענער און געשמייכעלט פון דעם, וואָס יענער בויגט זיך פאַר איהם ווי הילצערן מענשעלע מיט די פיס צונויפגענומען. נאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָהרען אין „שאָפּ“ אריין. אַלע אין „קאַר“ — אַזוי האַלב פאַרשלאָפענע און פאַרזאָרגטע. געקומען אין שאָפּ האָט ער זיך אויסגעטאָן זיינע קליידער און אָנגעטאָן זיינע ארבייטס קליידער און אַ פּאָר שיך. און עס האָט אָנגעהויבען צו פליהען די ארבייט פון זיינע הענט. אַזוי ביז צוועלף. אַ גאַנצע שעה האָט ער גערוהט אין גאַס קעגען דער זון, גערוהט און געקייט אַזוי ווי אַ בהמה אַ פרוכט אָדער זיסיגקייטען, געוואָרפען דעם אָפּפאַל אונטער זיינע פיס.

פון איינס אַ זייגער ביז אין אָבענד איז ביי איהם די ארבייט געפלויגען ווי אַ פערד באַרג אַראָפּ.

און דערנאָכדעם ווייטער אָט יענע פרוי מיט די געשמאַקע שיסלען געקעכץ, וואָס איהם האָט זיך געטראַכט, אַז ווען די גאַנצע וועלט זאָל פון זיי געוואָהר ווערען, וואָלט זיך אָנגעהויבען אַ לויפען צו אָט דער פרוי פון אַלע עקען.

נאָר ווער ווייסט עס ווי דער ווענט אָט די זאַכען, וואָס די וועלט וויים נאָך ניט.

נאָך דעם עסען איז ער זיך אביסעל ארויסגעגאנגען איבער דער ברייטער סעקאָנד עוועניו. געשפּאצירט אראָפּ און ארויף. זיך זעהר אָפּגעהיט, אז ער זאָל ניט אָנטרעטען עמיצען אויף די פיס. געהאט זעהר פיעל הנאה פון דער ברייטער גאס און ביי איהם אין זיינע אויגען האָט עס אויסגעוויזען, אז די דאָזיגע גאס האָט מען גע־מאכט אזא ברייטע, כדי מען זאָל האָבען וואו זיך אביסעל דורכ־צושפּאצירען נאָך דעם עסען. א קלוגע וועלט, א וואוילע וועלט, א שעהנע וועלט. מאכט מען דיר א ברייטע גאס, אז זאָלסט זיך קע־נען שפּאצירען געהען!

נאָר די וועלט, ווייזט אויס, איז קליגער פיעל מעהר, ווי איהם האָט זיך עט אויסגעוויזען.

און אזוי שטילינקערהייט האָט זיך איהם אונטערגערוקט עפּיס א מיידעל מיט בלויע אויגען, וואָס ער האָט קיינמאָל, קיינמאָל פריהער ניט געקענט.

אָט ערשט ניט לאנג איז עס געשעהען. און ער קאָן זיך ניט דערמאָנען, ווי אזוי די דאָזיגע מיידעל איז געקומען צו איהם. צי האָט ער זי געטראָפען פון א ברענענדען הויז, צי האָט ער שפּאצי־רענדיג, גאָט זאָל היטען, איהר אָנגעטראָטען אויף א פוס.

אזוי אָדער אזוי בלויע אויגען האָט די מיידעל, און בלויער קאָ־ליער איז זיינער!

אויבערהעמדער טראָגט ער נאָר מיט בלויע פאסען. זיינע שניפּ־סען מוזען זיין פון בלויער זייד, און א הוט האָט ער ליעב וואָס ווערט געמאכט פון שטאָף, וואָס רופט זיך ים־בלוי.

היינט אז די מיידעל האָט בלויע אויגען, זאָל גאָט העלפען און עס זאָל זיין מיט גליק, און ער פארבעט זי צו זיך אין צימער.

שפּעטער מיט עטליכע טעג נעמט ער און גיט איהר געלד, אז זי זאָל זיך קויפען שענערע קליידער. ער רופט זי שוין ראָזי און כאָטש זי לאָזט זיך ניט א קוש טאָן, גלעט ער זי דערפאר שוין ניט מעהר איבער די הענט, נאָר איבער איהר קורצען און ברייטליכען האלז.

און אז זי איז געקומען צו איהם אין צימער אין איהרע נייע קליידער, האט ער זיך אין איהר געשפּיגעלט מיט זיינע אויגען און געזאגט צו איהר, אז איהרע עלטערען מוזען זיין אָרימע מענשען. מען נעמט אזא שעהן קינד און מען ווארפט עס אַן צו אָרימע על־טערען.

זי האט זיך ניט געלאָזען. ערשטענס זיינען איהרע עלטערען ניט אזוי אָרעם. אַ סימן אז ניט, זיי וועלען איהר געבען נדן פיער הונדערטער, און צווייטענס אויב ער איז אַ רייכער יונגערמאַן, באַ־דאַרף ער טאַקע האָבען דאַס געלד אויף חתונה האָבען, און זי וועט ניט געהן וואַהנען אבי דיר ניט מיר ניט.

ער האט זי אויסגעהערט און געשמייכעלט. און אַ קוש טאָן לאָזט זי זיך נאָך אַלץ ניט.

וואָס טוט מען צו דעם ?

מען וועט געהן אין טעאַטער.

ער קומט זי נעמען אין טעאַטער. איהרע עלטערען נעמען איהם אויף גוט אָבער פון די ווייטע קאַלטע גוטקייטען.

אין טעאַטער בויגט מען זיך איין קאָפּ צו קאָפּ, ווען מען לעשט אוים דאַס גרויסע ליכט אין קופּאָל. זי לאָזט ניט, אז ער זאָל זי קושען.

פריהער מוז מען טעלער ברעכען, מיין יונגערמאַן, און איהר מאַמע האט געזאָגט, אז איידער מעט וועט ברעכען מוז אַ דימענט רינגעל זיין אַנגעגרייט — אויב ער איז אזא רייכער יונגערמאַן.

אזוי ?

העכסט רייך איז ער. געלט ליגט אין באַנק, אין קעשענע אויך. און אז ער פיהרט זי אָפּ פון טעאַטער אַ היים זאָגט זי איהם ביי דער טיר, אז זי האט עטוואָס פאַרגעסען : איהר פאָטער האט גע־זאָגט, אז ער וועט געבען צו שטייער אויף דעם דימענט. און זי וויל אַ רינגעל פאַר דריי הונדערטער, וועט איהר פאָטער געבען הונ־דערט, און צוויי ער.

נאך מעהר : דער פאטער איז א ווייסער אין דימענטען. ער זאל נאר געבען די צוויי הונדערטער, וועט שוין דער פאטער איהרער געהען און קויפען — אויב ער וויל, מען זאל ברעכען טעלער.

וואס הייסט ער וויל. אזוי גיך, ווי ער האט געקאנט, האט ער ארויסגעצויגען צוויי הונדערטער און געבראכט צו דער מיידעל אין הויז.

מען האט געבראכען טעלער. דער פאטער האט זיך גוט אנגעטרונקען מיט ביער און געשושקעט זיין חתן אין אויער אריין, אז ער וועט איהר אויסצאהלען מזומן פיער הונדערטער.

סוף וואך איז ראזי געקומען צו איהר חתן אין צימער.

וויל ער זי א קוש טאן. לאזט זי ניט וואס הייסט, אויב ער איז אזא רייכער חתן, ווי שעמט ער זיך ניט צו נעמען געלד ביי איהר פאטער. איז זי דען ניט גוט גענוג צו זיין זיין כלה אהן געלד?

נאריש קינד, וואס הייסט ניט גוט גענוג, פאר איין קוש איז ער מוחל דעם נדן, וואס איהר פאטער וויל איהם געבען, א ניט באדארף ער יענעמס געלד ? !

ווי באלד אזוי, גיט זי איהם איין באק, אז ער זאל א קוש טאן, נאר שטיל און גיך. ער זאל אויך ניט פארגעסען און, גאט זאל אויסהיטען, ניט טאן א ביס מיט זיינע ציין.

ידייוו האט אבער געזאגט, אז ער וויל זיי זאלעןביידע אזוי זיצען אויף דעם בעטעל און שמועסען, און ווען זי וועט ניט וויסען, וועט ער זי א קוש טאן : אט וואס עס הייסט ביי איהם ליעב האבען.

ניין, ניין. דאס וועט ער טאן ביי זיי אין זייער אייגענער דירה, אז מען וועט אויסשטעלען א היים, ווי זי ווייס און זי וועט ארומגעהן אין א נעגלעזשע, וועט ער קענען זיך פאר'גנב'ען און זי א קוש טאן. איצט האט ער צייט נאך א מינוט און אויב די מינוט געהט אוועק — איז אוים מיט זיין קוש.

נו, אז ווי באלד אזוי, איז זאל זיין אזוי.

ער גיט איהר א קוש. זי שפרינגט אויף און ווישט איהר באק מיט א ווייסען פאטשיילבעל.

עס דאכט זיך איהם, אז ער האט אפגעביסען א שטיק פון איהר באק.

ער לאכט און ווערט רויט.

און פארפיהרט א שמועס, צי זי וויים, אז זי באדארף האבען גארדעראב.

ער נעמט ארויס א קיילעכדיגען פעקעל מיט געלד. דערלאנגט עס איהר און זאגט איהר, אז זי זאל קויפען גארדעראב.

זי וויל וויסען, צי ער איז טאקע רייך. האט ער א סך געלד אין באנק ?

דייוו זאגט, אז דאס דארף זי נאך ניט וויסען.

און ווען ער איז ארעם, הא, וויל זי דען ניט חתונה האבען מיט איהם ?

אך, גאט אין הימעל, זי האט איהם ליעב מעג ער זיין ארעם אדער רייך. נאר ער באדארף ניט זיין אזוי שלעכט און איהר זאגען דעם גאנצען אמת.

דייוו זאגט, אז דערווייל זאל זי איינקויפען גארדעראב, אט אלע יענע ווייבערשע זאכען פאר זייער נייער היים.

מען געהט אביסעל ארוים. אין גאס וויל זי ניט געהען. שלעפט ער זי אריין אין א טעאטערעל.

נאך דעם טעאטער פיהרט ער זי אהיים. און אויף דעם וועג א היים שמועסט מען אפ אין א מאנאט אדער צוויי חתונה צו האבען. זי איז נאך אפילו יונג און האט נאך צייט, נאר אז ער האט קיין צייט ניט, איז געהט עס !

קיין נדן איז נישטא. נאר דייוו טראכט ניט וועגען דעם. ער זארגט ניט אפילו פאר דעם, וואס ער שלעפט ארוים זיין גאנץ ביסעל געלד פון באנק. וועט ער ארבייטען און האבען אלע וואך פריש געלד.

די מיידעל איז אָבער געקומען צו איהם איינמאָל און צוגע־שטאַנען, אז ער זאָל איהר ווייזען זיין באַנק־ביכעלע, אויב ניט איז דאָס איהר לעצטער וויזיט ביי איהם אין צימער.

ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער הערט ניט. האָט זיך געפּרואווט איהר געבען נאָך אַ מאָל אַ קוש אין דער אַנדער באַק.

ראָזי האָט געזאָגט, אז ער וועט ניט מעהר נאָר צו קושען זי. אַזאַ צייט. פאַר אַ חתונה. אַ מאַן באַדאַרף עפּיס אַ טראַכט טאָן.

און וואָס הערט זיך מיט מעבעל?

„מעבעל, מעבעל! קום וועל איך אַרויסנעמען געלד פון באַנק און מיר וועלען געהן קויפען מעבעל".

זיי זיינען אַוועק אין באַנק. ער בעט זי, אַז זי זאָל וואַרטען אין דרויסען. ער שעמט זיך פאַר דעם באַנק־בוכהאַלטער.

זי וויים שוין פון לאַנג, פאַר וואָס ער שעמט זיך. שטעהט זי אין דרויסען. ער געהט אַריין און קומט באַלד אַרויס. גיט איהר אַ פּעקעל נייע פּאַפּיר־געלד.

זיי געהען אַרום איבער מעבעל־קראָמען. וואָס זי זעהט געפעלט איהר ניט.

עס ווערט שפּעט אין אָבענד. געהט מען אַריין אין אַ רעסטאָ־ראַנט עפּעס עסען.

פון רעסטאָראַנט פיהרט ער זי אָפּ אַ היים.

אויף'ן וועג ביים ראַג שפּרינגען צו צוויי בחורים.

זעץ, זעץ!

זיין הוט פליהט אַראָפּ. ער פאַלט.

אַ רערעל מענשען שטעהען אַרום איהם, מען הויבט איהם אויף, ער פיהלט אַ וועהטאָג אין קאָפּ, אין זיינע שלייפען.

קוקט זיך אַרום. ניטאָ ראָזי.

מיט גרוים מיה קומט ער צו דעם הויז, וואו ראָזי וואוינט. עס איז שוין פינסטער אין אַלע קאָרידאָרען. קלאַפּט אָן אין טיר. קלאַפּט נאָך אַ מאָל. מען פרעגט פון אינווייניג, פרעמד און בייז ווער איז

דארט. ענטפערט ער, אז עס איז דייוו, דייוו... איז ראזי שוין אין הויז, עס האט געטראפען א קליינער צופאל... מען ענטפערט פון אינווייניג, פרעמד און בייז, אז אזוי ווי עס איז שוין שפעט אין אבענד זאל ער בעסער אוועקגעהן און ניט קלאפען אין פרעמדע טי־רען, אז ניט וועט ער שלעכט אפשניידען.

נו, ווי באלד עס האלט אזוי ווייט, איז זיך דייוו אוועק א היים אין זיין צימער. מיט א האנטוך געטונקען אין קאלט וואסער און צוגעלעגט צו זיינע שלייפען און אויגען, וואו עס האט איהם זעהר וועה געטאן. און געטראכט, אז עס איז עפעס דא אזא פרעמדע, קלוגע וועלט!

# סאַלאַמאָן

געקומען איז ער, אזוי ווי אלע טאג, אין שאפ אריין. דעם גאנצען שאפ דורכגעשפאצירט מיט זיינע הענד פארלעגט אויף הינטען, דורכגעגאנגען צווישעןביידע לאנגע רייהען טישען און בענק, וועלכע זיינען געווען באזעצט געדיכטלאך מיט מיידלאך. די מיידלאך האבען פון א זייט א קוק געטאן אויף זיינע פלייצעס. ער איז ארומגעגאנגען צווישען די רוישענדע מאשינען, וועלכע האבען זיך געיאגט אט אלע אויף אמאל און אט האט זיך דער רעש פון זייער לויפען געטאן א צעברעך אין פיצלאך און זיך צעשאטען. די מיידלאך ביי די מאשינען האבען איהם אנגעקוקט פון א זייט אזוי, אז ער זאל גיט באמערקען. ער האט באנומען מיט זיינע שטריינגע, גרויסע אויגען איטליכען און אלעם, באמערקט דא און דארט קלייניגקייטען און, אזוי ווי תמיד, עס באלד איבערגעגעבען צו זיינע מענשען.

זיינע מענשען האבען נאך זייער ראנג־נאך אויסגעפילט זיינע פארלאנגען. אין זיין פנים, האבען זיי גאר ניט גייעס געפונען, נאכ־דעם ווי זיי האבען אזוי קונציג געזוכט, און זיך געוואונדערט.

און אז ער איז פארטיג געווארען מיט'ן אינעווענינגסטען טייל פון זיין פאבריק איז ער אוועק אין אפיס.

ביי א נידריגען גרויסען טיש איז זי געזעסען און פארטיג גע־מאכט דעם רעמינגטאן צו דער ארבייט.

— גוטער מארגען, טאכטער.

זי האט אויפגעציטערט, זיך אומגעקוקט:

— האלא, פאפא!

— איך זאג דיר, גוטער מארגען.

— האב איך דאך געענטפערט, פאפא, איך האב געענטפערט: האלא, פאפא!

— איצט, ווי באלד דו האלסט שוין יא אין ענטפערען, — האט ער פארויכערט א ווייסינקען, פלאטשיגען סיגארעט, איהם א כאפ געטהאן פון זיין מויל מיט צוויי פינגער און ארויסגעבלאזען זייל רויך פון א ווינקעל פון זיינע ליפען — זאג מיר נאר, טאכטער, וויפיעל שפראכען קענסטו א חוץ ענגליש?

— קיינע שפראכען, חוץ ענגליש, אין וועלכע איך זאל קענען עפעס פריי און ברייט אויסדריקען.

— האסטו ווען עס איז געלעזען עפעס אין אן אנדער שפראך?

— איך האב.

— האסטו געלעזען נעכטען דעם בריף אין א אידישער ציי־טונג?

— איך האב יענעם בריף געלעזען נאך בעפאר ער איז גע־דרוקט געווארען אין יענער צייטונג.

— איך פרעג דיך, וויל איך אז זאלסט מיר ענטפערען גלייך. האסטו געלעזען נעכטען דעם בריף אין אידישען בלאט?

— נאך ניט. פארלארען דעם אינטערעס צו לעזען נאך אמאל.

— ענטפער מיר גלייך!

— וואס מיינסטו, פאפא, איך שרעק זיך? איך וועל ענט־פערען אלעם!

— איז דער נאמען אונטער'ן בריעף דיינער?

— אויב עס איז ראזי, איז דאס מיינער.

— הייסט עס, אז דו קענסט נאך א שפראך חוץ ענגליש?

— פאפא, איך קען ניט קיין אנדערע שפראכען, אין וועלכע איך זאל האבען די מעגליכקייט זיך פריי —

ער לאזט איהר ניט ענדיגען. די שארפע שטריכען פון זיין פנים ציהען זיך פונאנדער:

— פארדרעה מיך ניט און פּלאָנטער זיך ניט, זאָג מיר איז דאָס דיין בריף, ראָזי?

— מיינער.

— דו האָסט מיט דיינע הענד אוועק געשיקט דעם בריף?

— איך אליין.

— און וואָס בין איך דיר, א פאָטער, צי ביזטו ניט מיין טאָכטער?

ראָזי האָט זיך א כאַפּ געטאָן פון איהר זיץ, א שפּרונג געטאָן, ווי א מייזעל, צום קליידער שראַנק מורמלענדיג אפּגעריסען:

— מאָדנע פראַגען... ווער ווייסט וואָס נאָך...

דער פאָטער איז געקומען צום שראַנק, זיך אוועקגעשטעלט מיט זיין רוקען ביי דער טהיר פון שראַנק, זיינע הענד האָט ער צעשפּרייט און מיט זיי ארומגענומען הינטערארום דעם גאַנצען שראַנק, ווי מיט א שטריק.

— וואָס ווילסטו טאָן?

— איך געה, לאָז מיך, איך וויל אהיים! — האָט ראָזי אָנגעהויבען פריהער שטיל און נאָכדעם וואָס אמאָל העכער — לאָז מיך געהן אהיים!

— דו האָסט א היים? איך האָב גאָר ניט געוואוסט!

— פאָ, איך וועל אזוי אהן א הוט און מאַנטעל, אהיים געהן!

— נאַרעלע, די טירען זיינען פארשלאָסען.

— וועל איך אריין איגעווייניג צווישען די מיידלעך. זיי וועסטו אין אָבענד אהיים לאָזען פריי, וועל איך מיט זיי צוזאַמען געהן אהיים.

— פּרוב!

— זיי, די מיידלאָך אינעווייניג, זיינען מיינע שעהנסטע פריינד. זיי וועלען מיך ניט לאָזען פאַלען!

— נעה! אָבער וועסט מוזען טאָן אזא ארבייט וואָס די מיידלאָך!

— הערסט, פאפא, אט דאס וואס איך וויל שוין פון לאנג. אזוי פיעל פריינד ארבייטען דארט אינעווייניג, נאר איך מוז דא זיצען איינע אליין.

— נעבעך! נו קום, פארזוך די פריינדשאפט פון אינעווייניג. קום שוין!

דער פאטער האט ראזי'ן געטאן א נעהם ביי די הענד און זי אריינגעשלעפט אינעווייניג אין שאפ. ראזי האט זיך פון אנהויב געוועהרט און מיט איהר קאפ זיך געשפארט אין איהר פאטערס ברוסט. איהרע האר האבען זיך צעשאטען איבער די אקסלען און עס זיינען געקומען צולויפען די מיידעלשע רויטינקע בלוטען אין איהרע באקען. נאכדעם, אז דער פאטער האט זי געטאן א שטויס אריין אינעווייניג, האט ראזי אנגעהויבען שפרינגען און זינגענדיג איז זי אריין צווישען די מיידלאך־ארבייטער.

און דעם גאנצען טאג איז ראזי געזעסען א פרעהליכע ביי דער מאשין, גענעהט און געשמועסט מיט די מיידלאך, און ביי זיי גע־פרעגט ווי אזוי מען דארף נעהען. די אויפזועהער האבען איינער דעם אנדערען אין די אויגען גלייך ניט געקענט קוקען. די ארביי־טער מיידלאך זיינען געזעסען ביי די טישען, ביי די מאשינען, לייכטע ווי פון וואקס אויפגעבלאזענע און געווארט אויף דער גוטער שעה, אז מען זאל קענען ארויס פון שאפ און ערגעץ אוועק־פליהען.

אין שאפ איז געוועזען א גאנצען טאג ברייט און פריי. אבער נאך ברייטער און פרייער איז געווארען ווען מען איז ארויס אין אבענד אויף דרויסען. מען האט זיך צוקושט מיט ראזי'ן. מען האט גערעדט און געלאכט, גערעדט און געלאכט.

ראזי איז נאכדעם אהיים געקומען א פארפלאמטע, ווי זי וואלט נאר וואס פון איהר „פיליפ'ס" ארעמס ארויסגעקומען.

דער פאטער איז שוין געוועזען אין דער היים, איז געזעסען ביים טיש און געווארט אויפ'ן מיטאג.

די מוטער האָט ראָזי'ן באַגעגנט אין דער ערשטער טיר, אַ קוק געטאָן אויף איהר און אוועק אין קיך. ראָזי'ן האָט זיך אָפּגע־דוכט אויף איהר מוטער'ס קוק אַז זי ווייס שוין פון אַלעס. ראָזי האָט געוואוסט אַז די מוטער וועט גאָר ניט זאָגען ווען דער פּאָטער איז אין הויז.

ראָזי האָט זיך איינגעוואשען. האָט געפּרובט זיין אזא ווי זי איז תמיד, נאָר געפיהלט אז עס איז עפּעס נאָך פאַראַנען אין איהר האַלטונג, וואָס זי קען ניט אָבטרייסלען פון זיך. זי האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען קוקענדיג אויף איהר פּאָטער. אַזוי איז ער אַלע מאָל. גלייך עס האָט גאָר ניט געטראָפען. ביים טיש האָט ראָזי געגעסען מיט אַ גוטען אַפּעטיט.

נאָכ'ן עסען האָט מען גערוהט, ווי דער מנהג איז געוועזען אין יענעם הויז, ביים טיש. דער טאַטע האָט פאַרויכערט אַ פּלאַטשי־גען, ווייסינקען סיגאַרעט. די מאַמע האָט זיך די צייהנען געשטאָ־כען. און ראָזי האָט געטראַכט וועגען פיליפּ'ן, וועלכער באַדאַרף באַלד אָנקומען, — זיצענדיג אָנגעשפּאַרט אין ווענטעל פון דעם הויכען פּאַטעל.

אין הויז איז געוועזען שטיל. מען האָט געהערט ווי די שאָטענס פון דעם אָנקומענדען אָבענד קריכען אויף די ווענד.

נאָכדעם איז דער פּאָטער אוועק אין זיין צימער.

די מוטער איז אוועק אין איהר צימער. און ראָזי איז געבלי־בען איינע אַליין אין עס־צימער, האָט זיך איבערגעגעבען אין די גרויסע, ברייטע הענד פון איין אומבאַוואוסטען און יענער האָט זי אַרומגענומען און אויך געשוויגען.

קיינער האָט איהר קיין וואָרט ניט געזאָגט. ער פאַרדריסט איהר און באַלד געפינט זי אין דעם אַ טרויסט: „צו וואָס אויס־מישען די היים מיט דעם שאָפּ ?" און באַלד הויבט איהר אָן ווייי־טער פאַרדריסען: — וואָס איז זי דאָ אַ פרעמדע אין הויז ? —

אַ שטאַרקער קלאַנג האָט ראָזי'ן איבערגעשראָקען. זי איז אויפ־

געשפּרונגען פון אָרט. זיך איינגעהערט. אַ גערויש האָט זיך גע־טראָגען פון דרויסען, ווי אַ געאיבטע האנט וואָלט אין אַ פּויק קלאַפּען.

„פּיליפּ!"

האָט ראָזי פּלוצים באקומען אַ פּחד.

„אזוי לויפט פּיליפּ די טרעפּ."

זי האָט געעפענט די טיר פון קליינעם קאָרידאָר, זיך אוועק־געשטעלט הינטער דער טיר. פּיליפּ איז אריין. ווי אַן אקטיאָר ארונטערגעכאפּט זיין הוט אויפ'ן שוועל פון טיר. האָט ראָזי'ן ניט באמערקט. זי איז איהם נאָכגעגאנגען שטילערהייט און מיט אַ פינגער איהם אַ שטויס געטאָן אין האלז אריין.

פּיליפּ איז געבליבען שטעהן, דערפיהלט אינסטינקטיוו ראָזי'ס פינגער, אָנגעהויבען צו בויגען זיין קערפּער אויף צוריק, ווי ער וואָלט וועלען פאלען.

ראָזי האָט איהם שנעל אָנגעכאפּט און דערפיהלט זיין שווער־קייט און זיך דערשראָקען:

— פּיליפּ!

ער האָט זיך געטאָן אַ דרעה אויס צו ראָזי'ן, מיט אַ צעשאָ־טענעם געלעכטער.

זיי האָבען זיך איבערגעפלאָכטען, געקושט און האלטענדיג זיך האנט אין האנט, אריין אין הויז.

ראָזי האָט אָנגעקלונגען צו דער דינסט.

פּיליפּ האָט אָפּגעפּרעסט אַ קנעפּעל אין דער וואנט און עס איז געוואָרען ליכטיג.

די דינסט איז געקומען צו לויפען און ווי אַ שולדיגע שטילער־הייט אראָפּגעראָמט פון טיש.

בלייבענדיג איינס אויף איינס האָט פּיליפּ אָנגעהויבען:

— איך האָב נעכטען אזוי געביינקט נאָך דיר, ראָז —

— מיר האָט אויך געצויגען ערגעץ — האָט ראָזי געזאָגט שפּי־

לענדיג זיך מיט איהרע קליינע פינגער אויף איהר שוים — און דא איז די הויז געווען אזוי גרויס און לעדיג און איך האָב זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט.

— האָסטו געוואָלט קומען צו מיר.

— צו דיר? ערשטענס, וועל איך צו דיר מעהר ניט קומען. און צווייטענס, האָב איך ניט געטאָרט אוועק פון הויז נאָכדעם ווי איך האָב —

— האָסט טאקע דעם בריעף געשיקט? — האָט פיליפ זי ניט געלאָזען ענדיגען.

— אז איך זאָג, טהו איך.

— אויף איין אייגענעם טאַטען?

— וואָס קעהר זיך אָן די היים מיט דעם שאָפ?

— פון אָט יענעם שאָפ איז אויפגעבויעט געוואָרען דיזע היים, ראָזי?

— פיליפ!?

— ראָזי, בארעכנע וואָס דו האָסט געטאָן. איך האָב דיך ליעב, דאָס ווייסען גאָט, איך און דו אליין. און איך קוק ניט ארוים אויף דיין טאַטענס הילף. נאָר גלאַט אלס מענש, טראַכט איך, ווי טהוט מען דאָס אזא זאַך קעגען אן אייגענעם טאַטען?

— איך פרעג ביי דיר ניט צו דו האָסט מיך ליעב און דערפאַר בעט איך ביי דיר, אז זאָלסט מיר ניט געבען קיין עצות. — האָט ראָזי זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט און איז אוועקגעלאָפען אין אן אנדער צימער.

פיליפ האָט זיך דערשראָקען, איבערגעצעהלט עטליכע מאָל די ווערטער, וועלכע ער האָט געזאָגט ראָזי׳ן און וועלכע זי האָט איהם געזאָגט, האָט פאררויכערט א סיגארעט און איז אוועק אויפזוכען ראָזי׳ן אין אנדערען צימער.

ער האָט זי געפונען אן איינגעבויגענע אין דאָס אָפענע פענס־טער צו דער גאס. האָט זיך אויך איבערגעבויגען אין דאָס אָפענע

פענסטער און זיי זיינען אזוי געשטאנען און שטום געקוקט אויף דער שטילער גאס. נאכדעם האט ער מיט זיין האנד ארומגעוויקעלט ראזי'ן און זי צוגעצויגען צו זיך. זי האט אוועקגעקוקט אין א זייט און געשוויגען.

האט ער אנגעצויגען א פולען מויל מיט רויך פון סיגארעט און עס געטאן א בלאז גלייך ארוים אויף איהר פנים. ראזי האט נאך מעהרער פארדרעהט איהר פנים אויף א זייט און געשוויגען.

האט ער געטאן א כאפ זיין האנד פון ראזי'ן און געמאכט א באוועגונג. ראזי האט זיך גיך אויפגעהויבען פון פענסטער, פיליפ'ן א כאפ געטאן ביים קאפ, איהם ארייגעצויגען אין הויז אריין און דאס פענסטער פארמאכט.

— מיך וועסטו ניט אפשרעקען, פיליפ, נאר איך וועל דיך נאך מעהרער פיינט האבען.

— האב מיך פיינט. אבער רעדען, מעגסט דאך, רעדען מיט מיר. איך האב נאר געזאגט מיין מיינונג. איך באנעהם די גאנצע זאך אט אזוי: אז ווען איך וועל א פאטער זיין און מיינס א קינד זאל קענען מיך אזוי האנדלען —

פיליפ, דו רעדסט שוין איצט ווי אן אלטער איד און ווי וועט זיין שפעטער?

— נו, גענוג! האסט אפגעטאן און פארפאלען. איך וויים איצט וואס דיין טאטע פיהלט. אבער וואס זאגט די מאמע?

— די מאמע, גאר ניט זאגט זי. איך וויים גאר ניט צי די מאמע ווייסט דערפון.

— וואס, זי ווייסט גאר ניט? ווארום האסטו איהר אליין ניט דערצעהלט?

— זי וועט שוין וויסען מארגען אין דער פריה.

— וועסט איהר זאגען, ראזי? זאג עס איהר, דיין מאמען.

— זי וועט שוין אליין וויסען מארגען אין דער פריה.

— דער טאטע וועט עס איהר דערצעהלען?

— מיין טאטע איז ניט פון די אידען.

— אפשר זאל איך דיין מאמען דערצעהלען?

— ניט, ניט דו, זי וועט שוין אליין וויסען!

— ווי אזוי?

— ווייל איך וועל אויפשטעהן פריה.

— צו וואס עפעס פריה?

— אלע מיידלאך וואס ארבייטען אין מיין טאטענס שאפ שטעהען אויף פריה.

— איך פארשטעה ניט, וואס דו רעדסט.

— איך וועל אויפשטעהן פריה צו דער ארבייט, איז עס קלאר פאר דיר.

— הא, דיין טאטע האט דיך באשטראפט און דו וועסט זוכען אן אנדער פלאץ?

— איך האב שוין געפונען. מיין אפיס וועט זיין טאקע אין טאטענס שאפ צווישען אלע מיידלאך, ביי דער מאשין. און איך האב עס אליין אויסגעקליבען.

— וואס איך הער!

— אט דאס וואס דו הערסט!

— וועסט זיך לערנען א טרייד?

— די מיידלאך לערנען מיך.

יא, פיליפ!

— דאס איז שפאנענד, העכסט אינטערעסאנט! — און אויב דיין טאטע וועט דיר ניט באצאהלען גענוג פאר דיין ארבייט — האט פיליפ זיך שוין געוויצעלט — וועסטו זיך מיט איהם צוקריגען און געהן אין אן אנדער שאפ?

— ניט נאר אויב ער וועט מ י ר ניט באצאהלען גענוג וועל איך זיך צוקריגען, נאר אויך אויב ער וועט די אנדערע מיידלאך ניט בעסער באהאנדלען.

ראזי איז געווען געלאסען. זי האט געוואוסט אז פיליפ שמייי־

בעלט, אין דעם פינסטער׳ן צימער, צו זיך אליין פון איהרע רייד. פיליפ האט מעהרער ניט געהאט וואס צו זאגען. ער איז אומגעגאנגען איבער׳ן פינסטערען פארלאר הין און צוריק.

ראזי האט זיך דערמאנט, אז מען דארף איינינע שטריכען צו פארענדיגען דעם גאנצען בילד און זי האט געזאגט:

— און אויב דער טאטע מיינער וועט מיך פון זיין שאפ ארויסטרייבען, און אויב ער וועט מיך פון דעם הויז אויך ארויסטרייבען, וועל איך שיקען נאך דיר, פיליפ, אז זאלסט מיר העלפען. פארשטעהסט? פיליפ האט פארשטאנען. האט זיך, פון מאנערע וועגען זיך נאך פארזאמט אין פארלאר איינינע מינוטען און נאכדעם איז ער אוועק אהיים ארונטערלויפענדיג די טרעפ מיט א גערויש, ווי א געאיבטע האטר וואלט אין א פויק אויסגעקלאפט.

אויף מארגען איז ראזי אויפגעשטאנען גאנץ פריה. דער מארגען איז געווען א ליכטיגער און עס האט זיך ראזי׳ן געדאכט, אז זי האט פארשפעטיגט. זי האט זיך געאיילט און האט געוואלט אלעם אפטאן שטילערהייט און פארלאזען די הויז, אז קיינער זאל ניט באמערקען. און ווי זי איז ניט געווען פארזיכטיג מיט זאכען, איז ביי איהר פון די הענד געפאלען און האט זי עפעס געוואלט אפרוקען האט עס געטאן א קלאפ.

די מוטער איז ארוים פון איהר צימער און דערזעהן ראזי׳ן אן אנגעטאנענע. די מוטער האט זיך דערשראקען.

— א גוטער מארגען, מאמע!

טאכטער, זעה, ווי דו זעהסט אוים! וואס איז געשעהן?

— ביי דיר איז באלד „זעה ווי דו זעהסט אוים״! — האט ראזי געשמייכעלט. — איך זעה אוים אזוי גוט ווי אלע מאל, נאר איך איל זיך היינט.

— פאהרסט ערגעץ ארוים מיט פיליפ׳ן? ווארום האסטו נעכטען ניט געזאגט, וואלט איך דיר עפעס אנגערייט.

— איך פּאָהר אין ערגעץ ניט, מאַמע, און איך וויל מיר אליין עפּעס מאַכען צום עסען.

— וואָס איז דאָס פאַר א נייעסען? פּאָהרסט אין ערגעץ ניט, שטעהסט אויף אזוי פריה און וועסט אליין מאַכען קאַווע.

— אָט אזוי, איך איל זיך צו דער ארבייט.

— צו דער ארבייט?! וואָס פאַר אַן ארבייט איז דאָס פּלוצלונג אויף דיר היינט אָנגעפאַלען? דערצעהל דער מאַמען, טאָכטער. איך זעה, דו זעהסט מיר עפּעס היינט אויס גאָר אַן אנדערע.

ראָזי האָט דערווייל פאַרענדיגט איהר טואַלעט און זיך געלאָזען צו דער טהיר, וועלכע האָט געפיהרט אין קיך אריין.

די מוטער איז איהר פאַרלאָפען דעם וועג, האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר פון קיך.

— מאַמע, אויב דו לאָזט מיך ניט, וועל איך אוועקגעהן אָהן קאַווע צו דער ארבייט.

— וואָס ביזטו היינט משוגע געוואָרען, צי אפשר חלום'ט זיך מיר אזא שווערער חלום?! — האָט די מוטער אָנגעהויבען רייבען איהרע אויגען, אין וועלכע עס האָבען זיך שוין די קוואַלען פון טרערען גענומען עפענען. — איך וועל אויפוועקען דעם טאַטען; זאָל ער זעהן, וואָס עס איז דאָ היינט פאַר א שפּיעל.

— מאַמע, מאַך ניט קיין טומעל. פאַרלאָז דיך אויף מיר. איך קען שוין מיין שטעדטעל אליין באַשטעהן.

— סאָלאָמאָן! סאָלאָמאָן! — איז די מוטער אוועק מיט צעשפּרייטע הענד און מיט א שטילען, צעצויגענעם געוויין אין פאַטערס צימער.

ראָזי האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און א כאַפּ געטאָן הוט און מאַנטעל און איז ארויס פון הויז.

---

פינף הונדערט מיידלאַך האָבען זיך פּלוצלונג דערפרעהט. דעם בריעף, וואָס ראָזי, זייער באַסעס מאָכטער, האָט אין ציי־

טונג געדרוקט, האָט יעדע פון זיי אויסגעשניטען. און אַ שטיק ווייסע לייוועגט אויף אַ רייף אַנגעצויגען און מיט נאָדעל און זייד וואָרט נאָך וואָרט אויף'ן לייוועגט אויסגענעהט, אַז עס זאָל זיין אויף נאָך דער חתונה פאַר אַן אָנדענקען, אויף דער וואַנד עס אויפצוהענגען, פאַר די קליינע קינדערלעך און פאַר קינדס קינדער.

וואָרט פאַר וואָרט האָבען די מיידלאַך מיט זיידענע פעדימלעך אויף'ן לייוועגט אויסגענעהט אַט וואָס:

— „מיינע ליעבע הערען: איך בין אַ טאָכטער פון סאַלאַמאַן... און עס זאָל אייך ניט וואונדערען, אויב איך וועל אייך דאַ געבען אונערוואַרטעטע שטריכען פון מיין פאָטער'ס לעבען. מיין פאָטער דרעהט זיך אַרום אין אייער געזעלשאַפט אַ שטאָלצער און מיט אַ ברייטען בייטעל. איך האָב אָבער געלערענט אין די שולען פון אונזער גרויסען און פרייען לאַנד, און האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגען זיך צו פאַרטיפען אין די ביכער פון אונזערע גרויסע מענשען און אויך אין די ביכער, וואו עס ווערען באַשריבען זייערע לעבענס. איך האָב געלערענט פון יענע ביכער, אַז די גרויסע מענשען פון וואָרט און גדאַנק פון אונזער לאַנד זיינען תמיד געוועזען צווישען פאָלק. אַרויסגעקומען פון פאָלק און מיט איהם געבליבען און פאַר'ן פאָלק געשטאָרבען.

„אַלזאָ, בעט איך אייך צו לאָזען ווייסען: מיין פאָטער באַדאַרף ניט האָבען קיין פּלאַץ אין אייער געזעלשאַפט — איהר פיהרער פון אייער פאָלק און מענשען פון פרייען געדאַנק און פאָלקס־וואָרט. מיין פאָטער קריכט אַרויף צו דעם עקאָנאָמישען טהורעם אויף אַ לייטער, וואָס ער פלעכט פון מיידעלשע צאַרטע הענד. ביי מיין פאָטער אין שאָפּ זיצען ביי פינף הונדערט מיידלאַך און אַרבייטען פאַר אַ לוין, וואָס שקלאַפען וואָלטען אָפּגעשטויסען. ביי מיין פאָ־טער אין שאָפּ זיצען פינף הונדערט מיידלאַך טאָג־איין, טאָג־אויס און זיי טאָרען ניט אַ לאַך טאָן, ווי אַ מיידעל באַדאַרף צו טאָן; זיי טאָרען ניט אַ זינג טאָן ווי אַ מיידעל באַדאַרף און וויל אַמאָל אַ

זינג טאָן; זיי טאָרען אויך ניט א שמועס טאָן איינע מיט דער אַנ־דערער, ווייל מיין פּאַטער׳ס מענשען שטעהען און וואכען איבער זיי פון פריהען מאָרגען ביז שפּעטען אווענד.

„און איצט פרעג איך ביי אייך, צו איז דאָס רעכט, אז אזא מענש ווי מיין פּאַטער זאָל האָבען אן אָרט צווישען אייך? ער זאָל ארומגעהן אין אייער געזעלשאַפט מיט א ברייטען בייטעל און איהר זאָלט זיך פרעהען מיט איהם צוזאמען אויף די באנקעטען וואָס ער מאכט פאר אייך און איהר זאָלט טרינקען זיין וויין און עסען זיינע פיש, וועלכע ווערען געקויפט מיט דעם שוויים און בלוט פון פינף הונדערט ארבייטער־מיידלעך אין מיין פּאַטער׳ס שאַפּ?“

איך צייכען זיך — ר אָ ז י.“


דאס שלעכטן מיידל

# דאָס שלעכטע מיידעל

זי האָט זיך ניט געלעגט שלאָפֿן, ווי געוויינטלעך, נאָך א נאַכט אויפֿזיין. זי איז געזעסן ביי דעם פֿענסטער און געקוקט, ווי אין דרויסן הויבט אָן צו ווערן טאָג.

און וואָס מער ווייסער אין דרויסן, אלץ ליכטיגער ווערן איהרע אויגען. די געוואוינהייט איהרע, צו פֿארמאַכען און פֿאַר־זשמורען מיט די אויגען, איז באלד אוועק. זי קוקט אין דער וויט־קייט איבער די דעכער. זי זעהט קלאָר און וויית ווי אזוי די בריק בויגט זיך איבער דעם טייך און ווי אזוי דאָס מיידעל אויף דעם שפּיץ־טורעם פֿון שטאָדט־הויז, וויל באלד א שפּרונג טאָן און אוועק־פֿליהען.

הייסט עס, זי קען שוין קוקען מיט איהרע אויגען, ווי אלע מענ־שען, רוהיג און וויית, מען באדאַרף נאָר וועלען.

אזוי וועט עס זיין. זי שלאָפֿט ניט מעהרער, ווען אלע זיינען וואך. היינט איז דער ערשטער טאָג, מען באדאַרף נאָר וועלען. אין אָבענד וועט זי גיין שלאָפֿן און אויפֿשטעהן מאָרגען אין דער פֿריה. און אָנהויבען, גלייך מיט אלעמען, דעם טאָג.

דערווייל איז זי אוועק און זיך אויסגעבאָדען אין וואַרעמע וואַ־סער, זיך אָנגעטאָן דאָס גרויע קלייד, גרויע שיכלאך און אויך אזוינע זאָקען. דאָס, האָט זיך איהר געדאכט איז דאָס שעהנסטע, וואָס זי האָט פֿארמאָגט — א וועג, ווי אזוי צו באקליידען איהר דינע פֿי־גור. און גרוי איז געוועזען איהר ליעבסטער קאָליר, וויל עס האָט אָפּגעשלאָגען אין איהר פּנים א מאַרמאָרענעם אָפּשיין און איהרע דונקעל־ברוינע האָר זיינען שוואַרצער געוואָרען.

שטעהט דאָס מיידעל ביי דעם פֿענסטער און קעמט איהרע האָר. זיי זיינען נאַס. שלאָפֿן וועט זי שוין אין אָבענד, און די האָר זיינען

נאַס, און אין דרויסען איז ליכטיגער, באַדאַרף מען אַרויסגעהן אין פּאַרק. די האָר אויסטריקענען אויף'ן זון.

זי האָט אַרויסגענומען פון טיש־קעסטעל דאָס קליינע שפּיגעלע און אַ פּיילכעל צו די נעגעל, און פאַרלאָזענדיג דאָס צימער, אַ קוק געטאָן אין גרויסען שפּיגעל, אויף דער וואַנד, אויסגעבויגען די פּליי־צע אויף צוריק און אַ שמייכעל געטאָן פון עפּעס, וואָס זי האָט זיך דערמאָנט.

זי איז אַרוים אין דרויסען. עס איז געווען שטיל. די גאַס איז געווען ריין אַזוי ווי אין אַ פריהמאָרגען. די זון האָט נאָר־וואָס אַ קוק געטאָן אויף דער גאַנצער שטאָדט, וועלכע איז געשטאַנען אַ צע־וואַרפענע אין דער לענגט און ברייט, זי אַרומגענומען מיט וואַרעמ־ליכקייט אַרום די שפּיצען פון איהרע טורעמס. זיך צעשפּרייט אויף די קאַרניזען פון די דעכער און אַראָפּגעשפּרונגען אין גאַס אַריין.

דאָס מיידעל האָט אַ בליק געטאָן צו דעם הימעל און צו דער ליכטיגער זון און פאַרגעסען, ווער זי איז און וואָס זי איז.

ליכטיג אין די אויגען. אַ וואַרעמליכקייט האָט זי אַרומגענומען און געגלעט און געהאַלזט און געבלאָזען אין איהר קאָפּ. און דער־פאַר ווערען איהרע פּיס אַזוי לייכט און זי פאַרגיכערט איהרע טריט און קומט צו לויפען אין פּאַרק אַריין. זעצט זיך אויף אַ באַנק ביי דעם פאָנטאַן. דאָס וואַסער פון דעם פאָנטאַן שפּריצט אַרוים אַזוי ווי לאַנגע אויסגעבויגענע צווייגען פון פּאַלמען. און עס ווערט נאָכ־דעם צעשאָטען אין אַ שטויביגען רעגען און פּאַלט אַרונטער אויף דעם גראָז, וואָס אַרום דעם פאָנטאַן. דאָס גראָז איז גרין און אַזוי נידריג ביי דער ערד. איטליך גרעזעל בויגט זיך איין און וואַרט ביז דער שטויביגער רעגען פון פאָנטאַן וועט אַראָפּקומען און עס וועט זיך איינגעצען אין דעם קיהלען וואַסער און נאָכדעם אויפ־הויבען זיך אין דאָס וואַרעמקייט פון דער זון און איינאָטעמען און זיך אָנציהען מיט דאָס ליכטיגקייט פון טאָג.

עס קומט אָן צופליהען אַ ווינטעל און כאַפּט דעם שטויביגען

רענען און באשפּרענקעלט אויף דאָס מיידעל, מיט דעם מעהל וואָס איז געמאָהלען פון וואסער פאנטאן.

דאָס מיידעל צעעפענט מויל און נאָזלעכער, נעמט אין זיך אריין ריינע לופט און וואסער־שטויב, וואָס איז איבערגעמישט מיט דעם געלבליכען שטראל פון דער זון.

אין פּארק הויבען אָן קומען מענשען.

א פרוי, וועלכע שלעפּט א קינדער־וועגעלע, זעצט זיך אויף אויף דער באנק נעבען מיידעל.

דאָס קינד אין וויגעלע ליגט און בריקעט מיט זיינע פיסלעך און קלאַפּט זיך מיט זיינע הענטלאך אין פּנים אריין און הויבט זיך אויף, בלייבט זיצען שטיל און באקוקט מיט זיינע בלויע אויגלאך דאָס מיידעל צעשמייכעלט זיך און טוט א קוויטש.

דאָס מיידעל האָט אויך געטאָן א שמייכעל און געזאָגט צו דער מוטער:

— א פיין קינד. איז געראָטען אין דער מאמע. מוז זיין א מיידעלע. מיידלאך זיינען געראָטען אין דער מאמען און אינגעלאך אין טאטען. ניט אמת?

די מוטער האָט שווייגענדיג אָפּגעמאָסטען דאָס מיידעל. זי האָט געוואָלט טאָן א שמייכעל, אָבער זי האָט באמערקט, אז איהר שכנה, דאָס מיידעל, האָט נאַסע האָר און עס איז איהר פאר עפּעס ניט געפעלען צו האָבען צו טאָן מיט אזא...

דאָס מיידעל האָט באלד חרטה געהאט און געוואָלט אויסבעסערען דאָס, וואָס זי האָט פריהער געזאָגט:

— פארשטענדליך, פון וואנען וויים איך דאָס, אז עס איז אזוי? איך האָב געהערט אזוי, באלעבעטשע איך נאָך יענעם'ס רייד...

אָפּגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער, האָט זי זיך איינגעבויגען ווי א האַלבער רייף און מיט די לאנגע ווייסע פינגער פון איהרע הענט ארומגענומען ביידע קניה. זי דערמאָנט זיך ווער זי איז און הויבט אָן צו פינטלען מיט איהרע אויגען.

נערוועז טוט זי א פרעג ביי דער מוטער:

— וואס איז אייער קינד, ליעבע פרוי, א אינגעלע, צי א מיי־דעלע?

— גראד א מיידעלע — ענטפערט די מוטער, אביסעל ברוגז־לעך און בויגט זיך אריבער צו דעם קינד, זעצט עס גוט אוועק און רעדט צו דעם עפעס אין דער שטיל.

פארשטעהט דאס מיידעל, אז די דאזיגע מוטער פון דעם קינד האט שוין דערשמעקט, וואס זי איז פאר א מיידעל.

ווערט איהר טונקעל אין די אויגען. א גליק, וואס זי האט זיך באלד אין דער מינוט דערמאנט, אז זי האט ערשט היינט אין דער פריה מיט זיך אפגעמאכט צו ווערען אנאנדערע.

זי ציהט אין זיך אריין פרישע לופט און גלייכט זיך אויס און זאגט צו דער מוטער פון קינד:

— א מיידעלע אזא שעהנס. איך בין אויך געראטען אין מיין מאמען. אבער נישטא. איך האב זי שוין ניט. איך בין א שלעכט מיידעל, האב איך זי שוין ניט מעהר... איך שלאף בייטאג און ביי־נאכט בין איך וואך...

די מוטער פון קינד האט זיך אויפגעהויבען און מיט כעס אוועק־געלעגט דאס קינד איהרס אין וועגעלע. און דאס מיידעל האט ווייטער ווי געשטאמעלט, שוין א דערשראקענע און אין זיך א פארגע־סענע:

— אבער איך שווער אייך, אז היינט ביינאכט שלאף איך ווי אלע מענשען און מארגען וועל איך אויפשטעהן גלייך מיט אלעמען און אנהויבען צו לעבען גלייך מיט אלע מענשען....

דאס מיידעל האט זיך אריבערגעבויגען צו דעם וועגעלע און גע־וואלט א גלעט טהאן דאס קליינע מיידעלע, וועלכע האט געווארפען מיט די פיסלעך און געקוויטשעט אזוי פרעהליך, אזוי ווי די פויגע־לאך אין פארק.

די מוטער האט איהר א שטויס געטאן און דאס מיידעל איז

אוועקגעפאלען אויף דער באנק א בלאסע און מיט צומישטע אויגען.

ווען דאס מיידעל איז געקומען צו זיך, האט זי געזעהן ווי פון וויטענס איז די מוטער געלאפען מיט דעם ווענעלע, זיך אלע מאל אויסגעדרעהט און בייז עפעס וואס צוגעוואחפען צו איהר. איינס האט זי געהערט:

— געה דערצעהל עס דיין מאמען...

דאס מיידעל האט זיך ארומגעקוקט. זי האט דערפיהלט דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען אזא ווארעמקייט אין איהר קאפ און פנים. זי האט זיך געמאכט ווי זי שמייכעלט. נערוועז און וואק־לענדיג זיך אויפגעהויבען פון דער באנק, צוגעגאנגען צו די שטאַ־כעטלאך, וואס האבען פארצוימט דעם פאנטאן, זיך אוועקגעשטעלט און געקוקט אין דעם קליינעם רונדען טייכעל ארום דעם פאנטאן. עטליכע מאל האט דאס ווינטעל זי באשאטען מיט וואסערשטויב, זי אפגעקיהלט. און באלד האט זי וויטער דערפיהלט היים און ניט גוט ביים הארצען.

זי האט פארלאזען דעם פארק און אהיים געהענדיג, האט זי גע־קוקט אויף די בוימער. אלע זיינען באדעקט מיט גרינע בלעטער, אלט און יונג, אזוי ווילען זיי. אויף אלע בוימער בויען פויגלען נעסטען און זינגען זיך צו זייערע לידעלאך, אז עס זאל זיי זיין פרעהליכער דאס נעסט בויען, אזוי ווילען זיי...

נאר איין בוים, דער מיט דעם הארב, וואס זעהט אוים ווי א מענש אהן א קאפ און וואס שטרעקט אוים איין צווייג אין דער הויך אקוראט, ווי א מענש אהן א קאפ, נאר מיט איין האנד אן אויפגעהויבענע צום הימעל, אט דער בוים איז נאך געשטאנען א נאקעטער אהן בלעטער. פאר וואס וויל ער ניט קיין בלעטער?

דאס מיידעל האט דעם דאזיגען בוים גוט באטראכט, נערוועז א שמייכעל געטאן און איז א היים געגאנגען. אין איהר צימער שטיל געזעסען א גאנצען טאג. ניט געגעסען און ניט געטרונקען. דעם צודעק פון איהר בעט צעריסען אויף קליינע פאסען, זיי צוזאמענגע־

בונדען אין אַ לאַנגען שטריק און פאַרוויקעלט אין אַ קנויל. מיט דעם קנויל זיך געשפּיעלט אַ גאַנצען טאָג, וואַרפענדיג איהם צו דער וואַנט, ווי מיט אַ גומענעם באַל. און העט שפּעט אין אבענד, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפען, איז זי אַוועק אין פּאַרק, צוגעקו־מען צו דעם נאַקעטען בוים, וואָס זעהט אויס ווי אַ מענש אָהן אַ קאָפּ און מיט איין האַנד צום הימעל אויפגעהויבען. פאַרוואַרפען איין עק פון קנויל איבער דעם צווייג...

און אַז זי האָט דערפיהלט, אַז זי הענגט שוין אין דער לופטען און עס וואַרגט איהר אין האַלז, האָט זי אין דער גיך אָנגעהויבען צו פאַרחצעהלען איהר פאַרשטאַרבענער מוטער, אַז זי איז אַ שלעכט מיידעל...

# דער שרייער

אהן ארבייט, א הונגעריגער געה איך ארום איבער די גאסען פון דער משוגע'נער, גרויסער שטאדט. און בין עלענד, פרעמד ווי א הונט, וועלכער איז פארכאפט געווארען פון זיין היים און איז געבליבען אין א ווייט, פרעמד לאנד, אליין.

מעהרסטענס שפאן איך ארום איבער דער לענג פון דער „בויע־רי", — פון יענעם טאג אן, וואס איך האב זי דארט דערזעהן ארומ־שפאציערען הין און צוריק. איך שטעל זיך אוועק אין עק גאס און קוק פון א זייט אויף איהר. איהרע ליפען דערמאנען מיך אין עפעס. לאנג שטעה איך אזוי און פיהל ניט ווי די צייט פארשווימט. און איך זוך אין „איהר" פנים נאך עפעס ענליכעס צו יענער, וואס איך האב אמאל געהאט אויף יענער זייט ים.

איינמאל געה איך פארביי א ביליגען טעאטריל און באמערק א טאוועל מיט גרויסע ווערטער: „פארלאנגט א שרייער". געה איך א דעהפרעטער אריין. דער „דירעקטאר" באקוקט מיך פון קאפ ביז פיס. עס געפעלט איהם מיין הויכער וואוקס און מיינע ברייטע פלייצעס.

— קענסט שרייען? האט ער מיך א פרעג געטאן.

איך האב א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ און א געשריי געטאן, אז דער דירעקטאר האט זיך מיט ביידע הענד א כאפ געטאן צו זיינע אויערען.

אויפ'ן אנדערען טאג 12 נאכמיטאג (איך האב באדארפט שטעהן אין דרויסען און שרייען פון 12 נאכמיטאג ביז 12 ביינאכט, פאר איין דאלאר) בין איך שוין געווען אויף מיין פאסטען ביי דער טיר, געהאלטען א פייקעלע און אויסגעשריען פאר די פארבייגע־הער און געפויקט אין פייקעלע.

אונטער מיר האט א פאנאגראף מיט אברייטען רויטען האר׳ן געגרילצט א פרעליכע גאסען־ליעד און איך האב איהם באדראפט אריבערשרייען.

— קומט אריין! אט איז דער טעאטער! פון די בעסטע קונ־צען. איהר וועט זיך האלטען פאר די בייכער פון לאכען, קומט אריין!

איינער פון די פארבייעגער, אן אבגעריסענער, מיט צעלעכער־טע שיך, קערט זיך אום צו מיר, טוט א מורמעל מיט זיינע פאר־טריקענטע ליפען, ווי מיר האט זיך געדאכט, האט ער מיך געשאל־טען: „פארברענט זאלסטו ווערען ווי מיינע קישקעס פון הונגער!"

— נאכדעם טוט ער א שפיי און געהט פאמעליכען אוועק.

א צווייטער מיט א פארוואקסען אויסגעשמירט פנים, שטעלט זיך אפ און שטופט אין מיר זיינע צוויי קאשמארענע אויגען אריין און מאכט א פויסט: שווייג!

מיין שטימע הויבט אן פאלען.

עס געהט פארביי אן אלטען מאן מיט א ווייסען קליינעם בער־דעל און מיט בלויע און שווארצע קנייטשען אויף זיין בלייכען פנים. זיין קאפ זינקט. און די קוים אפענע אויגען קוקען צו דער ערד מיט פארזיכט. זיינע פיס באוועגען זיך קוים, קריכען ווי מען וואלט שלעפען אויף דעם ברוק אלטע בלעך. עס הייננט אויף דעם אלטען א קוישעלע מיט בייגעל. פיער יונגען קומען איהם אקעגען, ווילען דוקא ניט אפטרעטען דעם וועג פאר׳ן אלטען, שטעהען אזוי און שפארען זיך אין קוישעל מיט די בייגעל. און באלד צעשיטען זיך די יונגען און דער אלטער קוקט זיי נאך און קוקט אין קוישעל און הויבט ווייטער זיינע קליינע אויגלאך אויף... די יונגען זיינען שוין ניטא.

איך שריי נאך ווידער דאס אייגענע: „אט איז דער טעאטער, איהר וועט זיך האלטען ביי די בייכער פון לאכען, קומט אריין!"

אבער מיין שטימע פאלט און פאלט.

אבער.

א טומעל און פייפעריי לויפט אַן מיט דער לייַנג גאַס, ווי אַ ווינטער. אַ פרוי מיט צעפלאָכטענע, בלאָנדע האָר און פאַרשטויבטע, אויסגעוואַלגערטע קליידער. איהרע אויגען, שטאַרק צעעפענט און אַנגעגאָסען ווי מיט אַ גרינליכען פייער, קוקען צו קיינעם ניט. זי טוליעט זיך צו נאָהענט, צו די הייזער, מיט איהרע הענד, וועלכע זיינען נאַקעטע און צעקלאַפּטע, מאַכט זי משוגע׳נע באַוועגונגען. און אַ מחנה גאַסען־אינגלאַך רינגלען און שטופּען זיך אַרום איהר און פייפען. נאָכדעם נעהמט מען וואַרפען שטיינדלעך אויף דער פרוי.

זי געפינט אַן אָפענע טיהר און רוקט זיך דורך. די גאַסען־אינגלאַך לויפען איהר נאָך דורך דער אָפענער טיהר.

איך האָב געהערט ווי איינער אַ גאַסען־יונג האָט דערצעהלט:

— קינדער, אויסגעוואַקסען אין קויט, פון קלייטוויז געטריבען אויף דער גאַס, האָבען די פרוי אין יאַרד אַרומגערינגעלט און געהען אויף און אָב, איינער נאָכ׳ן צווייטען און לאַכען זיך אַזוי משונה׳דיג צווישען זייערע איבערגעפּוילטע צעהנדלאַך — און געהען ווייטער אויף און אָב. די פרוי ליגט אויף דער ערד, איהרע אויגען ברייט צעעפענטע, מיט אַ גרינעם פייער אַנגעגאָסען און שווייגט.

איך האָב דאָס געהערט און געקלאַפּט אין פּייקעל און געשריגען ווידער אַמאָל דאָס אייגענע: „אָט איז דער טעאַטער! איהר וועט זיך האַלטען פאַר די בייכער פון לאַכען, קומט אַריין!“

# אַן אַלטער בריף פון רוסלאַנד

אזוי ווי עס איז נאָר נאַכט געוואָרען האָט מען פאַרמאַכט טיר און טויער. מאַן און ווייב, קינדער־און־קייט האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אין די שולען, יעדער אין זיין שול, מען האָט ניט געגעסען קיין זעהר פעטען מאַלצייט, ווייל עס איז געוואָרען אויסגערופען אין די גאַסען אין נאָמען פון רב, אז אידען זאָלען פאַסטען און היינטיגע נאַכט באַדאַרף מען גאָט בעטען.

אין איטליכער שוהל האָט דער שמש אויסגערופען אָט וואָס: „אידען, מען האָט איהם געבראַכט. ער וועט ווייזען וואו, גרייט זיך אָן לאָפּעטעס און רידלעס". דערביי האָבען אַלע געשטומט, ווי אריינגעצויגענע אין די ווענט פון שול. מען האָט ניט געוויינט, נאָר שטילערהייט האָט מען זיך אוועקגעשטעלט זאָגען תהילים אויף אַ גאַנצער נאַכט, און געזאָגט ביז העט אין וויטען טאָג אריין.

אין דער באַלעבאַטישער שול שטעהט דער רב אויף זיין אָרט ביים מזרח־וואַנט. זיין קליין צוויי־שפּיציג בערדעל רוהט אויף זיין ברוסט, זיין פּנים — האַרט און בלייך, זיינע אויגען אָפענע, גרויסע, אריינגעשטאָכען אין דער וואַנד. קיין תהילים זאָגט ער ניט... נאָר וואַרט, אז עפּעס שווערעס זאָל אויף זיין קאָפּ אַרונטערפאַלען.

---

דאָס שטעדטעל הינטער'ן באַרג איז געלעגען אַ ליידיגע, אַ פינסטערע, איינגעהילט אין אַ ווייסען שנע'איגען דעק. פון שלאָס אויף'ן באַרג האָט געשפּריצט אַ ליכטיגקייט דורך זיינע זעקס־און־דרייסיג גרויסע, לאַנגע פענסטער; געשפּריצט און געוואַשען די שפּיצען פון קלויסטער, וועלכער איז געשטאַנען אין טהאָל. אין שלאָס זיינען אָנגעפאָהרען — דער העכסטער גייסטליכער און אַ הויכער פּאָליציי־

אישער בעאמטער. מען זופט, מען פרעסט און מען לאכט. און אויף די טורעמס פון קלויסטער קלינגען די גלעקער אלע שעה צו באשעה־נען דעם הויכען גייסטליכען. בארג אראפ לויפט צום שטעדטעל א רייטער, און באהג־ארויף קעהרט ער זיך אום אין שלאס אריין.

און אין דונקעל באלויכטענעם קלויסטער, פאר דעם בילד פון א פרוי מיט א האלב־אויסגעבויגענעם קאפ, מיט א נאקעטען קינד אין איהר בוזים איז א מענש געשטאנען אויף די קני. זיינע האר צוואווארפען און צופלאנטערט, זיינע אויגען שטארק און פעסט פאר־מאכט, זיין גאנצער קאפ פארוואָרפען ארויף, איבער זיינע אקס־לען. פון זיינעביידע זייטען זיינען געשטאנען דער גלח און דער די־אקאן פון שטעדטעל.

— דער הייליגער, גאט'ס זוהן, האט עס דיר באפוילען, אין אט יענער נאכט האט ער דיר באפוילען. דערצעהל דעם אמת און נאר דעם אמת — האט דער דיאקאן אויסגעזונגען מיט זיין גרויער באס שטימע, וועלכע איז זיך צוקראכען אין דונקעל־באלויכטענעם רוים פון קלויסטער — זאג דעם אמת'דינען אמת!

דער מענש האט צוגעפויזעט אויף זיינע קניה נעהענטער צום בילד, זיך אנגעבויגען. א קוש געטאן אויף'ן לייוונט, דארט וואו די פיס זיינען געוועזען אויסגעמאלט און זיך צוריק אפגערוקט ווייט פון בילד און געשוויגען.

---

און אז דער מארגען האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און האט גענומען שפרייטען זיינע ליכטיגע ווייסע הענד אין אלע זייטען און זיינע גליעדער אויסגעצויגען איבער'ן שטעדטעל און איבער'ן בארג איז א שליטען מיט פיער פערד אנגעלאפען. דער שליטען האט גע־בראכט א אידען מיט א שווארצער, לאנגליכער באָרד און מיט גרוי־סע שווארצע ברעמען. עס האט זיך באלד צעטראגען א קלאנג, אז א גרויסער אידישער אדוואקאט איז אנגעקומען.

קינד־און־קייט, מאן און ווייב, טיר און טויער האט מען פאר־

מאכט. יעדער האט מיט זיך א לאפּעטע אדער א רידעל גענומען און מען איז געקומען צום מארק־פּלאץ. אין איין רגע איז דער פּלאץ געווארען שווארץ מיט מענשען. און אין מיטען מארק־פּלאץ דער הויכער סלופּ, וואס איז פון אויבען צעשפּאלטען אין צווייען, איבער וועמען עס וויגט זיך א צווייטער לאנגער סלופּ; פון איין עק א גרויסער שטיין צוגעבונדען און פון צווייטען עק א שטריק מיט אן עמער, האט אויסגעוויזען ווי א הויכער, גרויסער פויגעל, וואס שטעהט און קוקט איבער אלעמענס קעפּ און וואונדערט זיך און קוקט...

מען האט געווארט, זיך די נשמות ארויסגעווארט ביז גאט האט געהאלפען עפּיס צו זעהן.

פלוצים האבען זיך קולות אנגעטראגען: „מאכט א וועג!"

ס'איז געגאנגען א מענש מיט אנ'אפּגעדעקטען קאפּ, זיינע האר צעפּלאנטערט און זיינע גרויע אויגען האבען געקוקט אין זיך אריין. צוויי פּאליצאנטען פון זיינעביידע זייטען האבען דעם דאזיגען מענשען נאכגעפאלגט, ווי זיי וואלטען זיינע שאטענס געוועזען. און א שליטען מיט פיער פערד איז אנגעפאהרען. אין שליטען זיינען געזעסען צעשפּרייט פּיער, מיט זילבערנע קנעפּ און גאלדענע עפּאַ־לעטען. און פון הינטען אן אנדער שליטען מיט פיער פערד, אין וועלכען עס זיינען געזעסען צעשפּרייט און ברייט דריי, אין שוואר־צע, ברייטע מאנטלען און מיט הויכע פוטערנע היטלען מיט צע־שפּרייטע לאנגע האר איבער זייערע אקסלען.

ביים ברעג פון בריק, וועלכער האלט צוגעבונדען דעם הויכען קעגען־איבערדיגען בארג מיט'ן שטעדטעל, האט מען געווארט ביז די שליטענס האבען זיך דערוויטערט. צוערשט איז געגאנגען דער רב, פון איין זייט דער שמש פון זיין שוהל און ביים צווייטען זייט — דער פרעמדער איד, דער גרויסער אדוואקאט, דער שמש איז גע־גאנגען איינגעבויגען אויף זיין שטעקען; דער רב איז געגאנגען איינ־געבויגען אויף זיין שטעקען, און דער אדוואקאט האט קיין שטעקען

ניט געהאט, און האט זיין דין, איידעל פּנים געטראָגן, מיט זיינע
הענד אין דעם מאנטעל טיעף פארבאהאלטען.

און נאָך זיי א מאמע אין א שאל איינגעוויקעלט, און אן אנדער

יונגערע מאמע אין א שאל איינגעוויקעלט. ביידע מאמעס האָבען
איינס־נאָכאנאנדער זייערע הענד פון די שאלען אלע וויילע אַפּגע־
ריסען און זיי געשפרייט אין דער לופטען און געבראָכען די פינגער,
שטום אהן טרעהרען. נאָך די צוויי מאמעס — א יונגערמאן, אין
פארשטויבטע אלטע קליידער, מיט א בלייך פּנים וואָס איז פאר־
שפרייט מיט רויטענקע, שיטערע הערעלאך. און דערנעבען א קליין
אינגעלע, מיט פארוויינטע, רויטינקע אויגעלאך, וועלכע האָבען זיך
אפּט אומגעקוקט אויף הינטען צו דער גרויסער מחנה מענשען און
אין זיך אריין, דורך זיין צעעפענט מויל געצויגען מורא'דיגע מעשיות.

---

דער מענש מיט די פּאָליציאנטען זיינען געבליבען שטעהן אויף'ן
בארג. די שליטענס האָבען זיך אויך אַפּגעשטעלט. און באלד איז
דער בארג געוואָרען שווארץ ווי עס וואלט אין איין רגע איבער
איהם א וועלדעל זיך צעשפּראָצט. דער מענש מיט'ן הוילען קאָפּ
האָט אויפגעהויבען זיין האנד, געטאָן מיט איהר א פיהר אין דער
מאָרגענליכער לופט. איינער פון די פּאָליציאנטען האָט גיך אראָפּ־
גענומען זיין קאשקעט פון קאָפּ, איז אן אויסגעשטרעקטער צוגע־
גאנגען צו איינעם, וועלכענס גראָבער בויך איז מיט צוויי שורות זיל־
בערנע קנעפּ געוועזען באנייט, האָט עפּעס געזאָגט און איז אוועק, זיך
אוועקגעשטעלט ווי א שאָטען ביים מענשען'ס זייט. דער גראָבער
בויך האָט שוין ניט געוואָלט הערען וואָס־און־ווען. נאָר קינד־און־
קייט, מאן און ווייב האָבען זיך א לאָז געטאָן מיט לאָפּעטעס און
רידלעס און אָנגעהויבען צו שארען דעם שנעע פון בארג. און ווער
עס האָט ניט געהאט קיין געצייג, האָט מיט הוילע הענד געכאַפּט די
שטיקער צעבראָכענעם שנעע און עס אוועקגעשליידערט ערגיץ אין

א טאָל; זאָל עס פאַלען אין גוי׳אישען דאָרף, זאָל עס פאַלען אויף׳ן קאָפּ פון שטעטל. קליינע קינדער האָבען געכאַפּט שטיקער שנעע מיט זיי געלאָפען א קליינעם שטח און עס נאָכדעם אוועקגעוואָרפען אין אלע עקען.

און פּלוצים האָט אויסגעבראָכען א געוויין, ווי עס הויבט אָן פּלוצים א ווינד צו וואָיען אין א וואלד. אין איין רגע זיינען אלע־מענס הענט געבליבען ווי פארשטיינערטע הענגען אין צעקרומטע סילועטען — ווייל אין איין אָרט פון א בערגעל צעגראָבענע ערד ארוים האָבען צוויי ווייצענע שטרוי און א שפּיץ פון א שוך גע־שטאַרצט.

עס האָט באַלד דער געוויין זיך אויסגעמישט און געוואָרען אזוי הויך ווי דאָס קלינגען פון גלעקער און עס האָט געקייכט און גע־דרעהט זיך איבער אלעמענס קעפּ און אזוי ווי א זייל רויך זיך גע־שפּאַרט אין הימעל אריין.

די עלטערע מאַמע האָט זיך א וואַרף געטאָן צום בערגעל צע־גראָבענע ערד און די יונגערע מאַמע האָט זיך געוואָרפען מיט׳ן קאָפּ צו דער עלטערער. דער יונגערמאַן מיט די קינדערלאַך האָבען געכאַפּט ביי אימיצען לאָפּעטעס און מיט אימפּעט אוועקגעשאַרט די נאָסליכע, צעגראָבענע ערד. זיי האָבען אָבער אינסטינקטיוו זייער אימפּעט פארקלענערט און דערנאָך גאָר אינגאַנצען אוועקגעוואָרפען די לאָפּעטעס. עס האָט פון דער צעגראָבענער ערד גענומען וואַקסען א פוס און א פוס, און הענד און א פאַרדרעהטער קאָפּ, מיט׳ן פּנים אַרונטער און רויטע האָר. די מאַמעס האָבען שוין ניט געקענט מעה־רער זיך איינהאַלטען און האָבען ביידע זיך א שפּרייט געטאָן אי־בער דעם געפונענעם קערפּער, און מיט זייערע פּנים׳ער זיך אין דעם קערפּער געגראָבען און געשריען מיט באַנומענע קולות: „טאַטע שטעה אויף, וואָס האָסטו זיך באַהאַלטען פון דיין ווייב און קינ־דער!“

דער אדוואקאט מיט דער שווארצער, לענגליכער באָרד האָט געלעזען פון א גרויסען פאפיער:

„...דער רויטער שלמה איז געקומען פארנאכט און געקויפט א זאק מיט קוקרוזע. ער נעהמט ארויס זיין בייטעל און באצאָלט. איז אין בייטעל געווען א סך געלד. איז גאבריעלע ארויס אין דרויסען, און אזוי ווי דער רויטער שלמה וויל עפענען די טיר און אוועקגעהן אהיים, דערהער איך פלוצים א געשריי און א פאַל. איך טהו א פאטש מיט ביידע הענד און דערזעה מיין מאן אזעלכען, אז איך האָב איהם גאָר ניט דערקענט. מאך איך א געוואלד. נעהמט מיין מאן דעם קלאָץ און הויבט איהם אויף צו מיר... שווייג, אויב ניט מאך איך דיר דאָס זעלבע שפיל. איך האָב באלד פארהאנגען די פענסטערלעך, און גאברילע זאָגט צו מיר: ברענג אריין א סך שטרוי. לויף איך און ברענג, ער איז דאָך מיין מאן. ער זאָגט צו מיר: הייץ איין דעם אויווען. זאָג איך: גאברילע, מיין מאן, האָסט ביי מיר ניט געפרעגט, אבער איך וועל דיר זאָגען, אז די שכנים וועלען זעהן א רויך פון אונזער קוימען און עס איז ליכטיג אין שטוב, וועט מען קומען צוגעהן. וואָס ועסטו דעמאָלט זאָגען? זאָגט גאברילע: איך וועל זאָגען א חזיר בראָט זיך אין אויווען. זאָג איך: גאברילע, גאברילע, חזרים קוויטשענען ווען מען קוילעט זיי. אונזערע שכנים האָבען דאָך ניט געהערט אזא קוויטשעריי. שא, מאכט גאברילע, איך וועל איינשפאנען פערד און שליטען און איהם ערגיץ פארפיהרען און פארגראָבען אין דער ערד, ווייל עס שנעעט. דערווייל האָט זיך אונז אויסגעוויזען, אז דער רויטער שלמה האָט זיך געטאָן א ריהר, האָבען מיר זיך דערשראָקען. און מיין גאברילע נעהמט א שטריק פון הינטער'ן בעט, מאכט א שלייף און פארציהט דעם אידען'ס האלז און זאָגט צו מיר: קום אהער, העלף שלעפען. מיין מאן וויל איך זאָל איהם העלפען, העלף איך איהם. מיר האָבען געמאכט טונקעל אין הויז און מיר ביידע האָבען דעם רויטען שלמה ארומגעשלעפט איבער דער שטוב... זיך אפגערוהט און ווייטער גע־

שלעפּט, ביז שפּעט אין אבענד, און דאָן האָט מיין גאַברילע איינ־
געשפּאַנט פערד אין שליטען און דעם טויטען פאַרפיהרט ערגעץ
וויט, וויט...“

---

שווער איז געווען איינצושטילען דאָס געוויין. — קען מען דען
איינשטילען דעם ווינט, וואָס וואָיעט אין וואלד?

א הויכער פּאָליציי־אישער בעאַמטער, וועמעס גראָבער בויך איז
געווען מיט צוויי שורות זילבערנע קנעפּ באַנעהט, האָט געטאָן א
געשריי, אז מען זאָל שווייגען. און מיט געצעהלטע פיערקעכדיגע
ווערטער אָנגעהויבען:

„מיינע ליעבע אידען! דאָס גאַנצע דאָרף, וועלכעס ליגט
צעשפּרייט אין טהאָל אָט דאָ אין שכנות מיט אייך, דאָס גאַנצע
דאָרף, זאָג איך, קען גאַברילען. מען ווייסט, אז גאַברילע האָט נאָר
איין ווייב. געהט אַלע זונטאָג אין קלויסטער, באַאַרבייט זומער זיין
פעלד און ווינטער דרעשט ער זיינע גאַרבען און שיילט קוקורוזע,
און היט אָפּ זיין היים — טאָ פרעגט זיך איטליכער אין דאָרף:
ווי קומט גאַברילע הרג׳ענען אָ מענשען? און דערפאַר האָבען
מיר, די היטער פון הייליגען געזעץ און די גלחים, די הייליגע הי־
טער פון זינדיגע נשמות, זיך פאַרטיפט אין דער דאָזיגער מאָדנער
זאַך און מיר האָבען די נשמה פון אָט דעם דאָזיגען גאַברילען דורכ־
געטרייסעלט און אויסגעפונען אָט וואָס:

„עס איז צו גאַברילען אין יענער נאַכט געקומען די נבואה פון
גאָט׳ס זוהן, וועמענס נשמה בלאָנזשעט ארום נאָך ניט קיין רוהיגע
זינט דער פאַרפלוכטער קרייציגונג“.

עס זיינען ארום דעם מעגשען מיט׳ן אָפּגעדעקטען קאָפּ באַלד
אויסגעוואַקסען די דריי שוואַרצע, ברייטע מאַנטלען און דער דיאַ־
קאָן פון קלויסטער. און ווי דורך אָ וואונק פון ערגעץ, האָבען זיך
די גלעקער אויף די שפּיצען פון קלויסטער צעקלונגען. איינס נאָך

דעם אנדערען האבען זיי געקלונגען, ווי זיי וואלטען עמיצען ניט לאזען ריידען.

דער מענש מיט'ן נאקעטען קאפ האט זיך א ווארף געטאן צו דער ערד אויף זיינע קני, געקושט ביי יעדען גייסטליכען די הענד און שטאמלענדיג געזאגט: גאט דאס פאטער'ל פון דער וועלט און זיין הייליגער זוהן האבען מיר געגעבען אזא מחשבה...

דער דיאקאן האט א מאך געטאן מיט זיין רעכטער האנד ארויף און אראפ און די דריי, וועלכע זיינען געוועזען אין ברייטע, שווארצע מאנטלען איינגעוויקעלט האבען אנגעהויבען אין א כאהר: גאטעניו, פאטער'ל, בעהיט איהם... — — — — —

די עלטערע מאמע האט זיך א כאפ געטאן און געזעצט אויף דער ערד, א קוק געטאן און אויסגעשריען: אידען, וואס שווייגט איהר!

דער שמש פון דער באלעבאטישער שול האט אויסגעגלייכט זיין קאפ, אלע אידען האבען זיך, ווי דערשראקענע גענז א הויב גע־טאן און אויסגעשטרעקט זייערע העלזער, ארומגעקוקט, געזוכט עמעצען — און ניטא איהם! עס איז געווארען א געמורמעל.

און איבער דאס לעדיגע שטעדטעל האט געשפרייזט דער רב, געקלאפט מיט זיין שטעקען אין א יעדען טיר און געשריען: עס איז א ליגען!

# אַ טונקעלער צימער

דער אלטער פלעגט געהן אין שול און קומען א היים פון שול אין דערפריה און פארנכאט, און אז ער פלעגט ביי דער גאסענ־טהיר פון הויז דערזעהן דאס ווייסע שטיקעל פאפיר נאך אנגע־קלעפט, פלעגט ער זיך ניט קענען אפהאלטען פון דער זינד צו טאן א זיפץ.

ער איז געוועזען זעהר א פרומער און זיין ווייב איז געווען אי פרום אי קלוג, און אז זי האט שוין מיט איהר קלוגשאפט ניט גע־קענט פארדינגען דאס דונקעלע צימער, מעג ער דאך טאן א זיפץ.

נאר עס איז דאס ווייסע פאפירעלע אזוי לאנג געהאנגען אויף דער גאס טהיר, ביז די גרויסע שווארצע אותיות זיינען אביסעל אפגעריבען געווארען. און דאן האט גאט צוגעשיקט עפעס א מיי־דעל.

דער אלטער איז געוועזען אין שוהל ביים דאווענען. פארנאכט איז עס געוועזען. זיין ווייב איז איינע אליין אין הויז געזעסען, פארטיג געמאכט דעם מאלצייט פאר די צוויי קינדער, וואס ארביי־טען און גיבען פון זייערע קליינע פארדינסטען צושטייער אין הויז אריין, פאר איהר מאן, און אויב עס וועט נאך בלייבען פאר איהר אליין — איז: גאט זיי געדאנקט!

און אזוי ווי זיצט אזוי אין קיך, דערהערט זי א קלאפען אין טהיר.

א דערשראקענע האט זי געעפענט פאמעלעכען די טהיר, זיך אוועקגעשטעלט אויפ׳ן שוועל און דערזעהן א מיידעל.

— ביי אייך איז דאס פאראן א ליידיגער צימער?

באלד האט די אלטיטשקע געוואלט ענטפערען: „ניין"! ווייל זיי האבען געוואלט א בחור אדער א מאן פאר א שכן. נאר זי האט

זיך באַרעכענט, אַז עס איז שוין דער צווייטער חודש, ווי דאָס צי־מער שטעהט אַ ליידיגס און דערצו האָט זי געוואוסט, וואו דער שוך קוועטשט: אַ פינסטער צימער. האָט זי זיך מיישב געווען און געענטפערט.

— יאָ, מיין קינד, ביי מיר איז דאָ אַ צימער.

און אַ פרומע איז די אַלטעטשקע געווען, האָט זי ניט געוואָלט יענעם אָפּנאַרען און באַלד טאַקע אויף'ן שוועל צוגעגעבען: אָבער איך וויים ניט, צו אייך וועט זיין דער צימער צום הארצען.

דאָס מיידעל איז אריין און אַ קוק געטהאָן פריהער אויפ'ן הויז. דאָס מיידעל האָט לאַנג געקוקט: אויף דער קיך, עס־און שלאָף־צימערען און צו די פענסטער.

די אַלטעטשקע האָט געפונען פאַר נויטיג צו זאָגען:

— מיר זיינען זעהר אַ קליינע פאַמיליע, איך און דער אַלטער און צוויי בחורים. ביי אונז איז שטיל, זוי אין אַ טויבענשלאַק.

דאָס מיידעל האָט גוט באַטראַכט, פון וויטענס באַטראַכט אַלעס. איז נאָכדעם צוגעגאַנגען, געעפענט אַ פענסטער צו דער גאַס, זיך אַריבערגעבויגען, אַראָפּגעקוקט אין גאַס און צוריק אריינ־געצויגען איהר קאָפּ אין הויז אריין, געזאָגט שמייכלענדיג: איך האָב איבערגעלאָזען מיין חתן אין גאַס. איצט ווייזט מיר אייער צימער.

אריינפיהרענדיג דאָס מיידעל אין טונקעלען צימער'ל האָט די אַלטעטשקע געזעהן, ווי שעהן דער מיידעל'ס קליידער זיינען און געזאָגט:

— אין דעם צימעריל, אַז מען צינדט אָן די גאַז ווערט ליכטיג אַזוי ווי אין אַ נשמה. איהר זיינט דאָך אפשר איין ארבייטערין, און וואָס וועט אייך שאַטען, טאָמער איז דאָ דונקעל, ווען איהר וועט ניט זיין?

— דאָס מאַכט מיר ניט אויס — האָט דאָס מיידעל געענט־פערט — איך בין ניט אַזוי רייך און נאָך אַ גרינע אין לאַנד. וואָס וועט דאָס צימער קאָסטען?

— קענט איהר געבען פינף איז גוט, טאָמער ניט, וועל איך איהם אייך אוועקגעבען פאַר פיער דאָלאַר.

— גוט. איך וועל אין א פּאָר שעה ארום אייך ברענגען א דע־פּאָזיט. אָבער איך מוז אייך זאָגען דעם ריינעם אמת. איך וועל באַקומען אַרייבט קומענדע וואָך. און דערווייל וועל איך זיך אריי־בערקלייבען צו אייך און קומענדע וואָך וועל איך באַצאָלען דאָס איבריגע.

די אַלטעטשקע האָט א קוק געטאָן אויפ׳ן מיידעל מיט איהרע אויסגעלאָשענע גרויע אויגען. געטראַכט: „וואָס קען מען דאָ אָנ־ווערען. א פיין מיידעל און געהט מיט׳ן אמת פון אויבען“. און א שאָקעל געטאָן מיט איהר קליינעם דאַרען קאָפּ אויף יאָ.

שפּעטער אין אָבענד, ווען מען איז געזעסען ארום טיש ביים מאָלצייט און די אַלטעטשקע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערצעה־לען פּינקטליך, ווי אזוי זי האָט דעם טונקעלען צימער, א דאַנק גאָט, פאַרדונגען, איז אויף די רייד אָנגעקומען דאָס מיידעל. קינ־דיש, שעמעוודיג געבליבען שטעהן ביי דער טהיר. מען האָט איהר געבעטען זי זאָל קומען נענטער און אויך מיטעסען, אויף וואָס זי האָט אָנגעענטפערט מיט א גלייך וואָרט:

— א גאַסט בעט מען עסען אָבער ניט מיך, וואָס איך וועל זיין אַלע אבענד אין הויז.

און זי האָט אוועקגעלייגט א צעקנייטשטען, פּאַפּירענעם דאָלאַר אויפ׳ן טיש, פון וואָס עס האָט זיך צעטראָגען איבער׳ן הויז א שאַר־פער ריח פון אָדעקאָלאָן.

אויך מאָרגען האָט זיך דאָס מיידעל אריינגעקליבען. געבראַכט מיט זיך א קליין רענצעלע מיט זאַכען. דעם גאַנצען פריהמאָרגען געאַרבייט אויף דעם צימעריל. אויסגעהאַנגען בילדלעך אויף די ווענד, פאַרבעט דאָס בעטעל און עס אָנגעצויגען מיט ווייסען, אויפ־געהאַנגען א ווייס פאַרהענגעל אויף דעם קליינעם פענסטעריל וואָס איבער דער טהיר. האָט פאַרשפּרייט דאָס טישעל מיט א ריינער צייטונג און אויך געהאַט די געלעגענהייט צו זאָגען דער אַלטעטש־

קער, אז זי האָט היינט אַבענד אַ באַל ביי די לאַנדסלייט פון איהר חתן און דערפאַר וועט זי זיך איצט אַביסעלע אויסשלאָפען.

זי האָט פאַרמאַכט די טהיר פון צימעריל, זיך אַריינגעלעגט אין בעטעל, געפיהלט, אז איהרע מיעדעביינער ציהען זיך אויס. און האָט געטראַכט, אז דאָס וואָס דער צימער איז אַ טונקעלער, איז דאָך איהר גוט. נאָר נאָך איין זייט, אַ בעסערע, איז דאָ פאַר איהרעט־וועגען אין דער דאָזיגער נייער וואוינונג, וואָס דער אַריינגאַנג פון דרויסען קומט אזוי אויס, אז זי וועט קענען עמיצען אַרויפברענגען און ניט זיין געשטערט. דער סוף זאָל נאָר זיין אַ גוטער!

עס האָט זיך פאַר איהרע אויגען ווידער אַמאָל אוועקגעשטעלט אַן אומבאַוואוסטער מיט איין עגבויער אין זיין האַנד און אַנגעהויבען צו בויערען אין איהר האַרץ. און זי האָט זיך איבערגעוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער און ניט געוואָלט זיך איבערגעבען צו דעם וועהטאָג. זי האָט ענדליך אַ שווערע און אַ מיעדע אָנגעהויבען איינצושלאָפען און ניט פאַרגעסען צו בעטען ביי גאָט, אַז ער זאָל דעם טאָג אויסציהען וואָס גרעסער און ניט אַרונטערשיקען די נאַכט אזוי גיך.

פונדעסטוועגען איז געקומען דער אָבענד און זיין צייט. אין הויז איז מען ווייטער געזעסען אַרום טיש ביים מאָלצייט.

עס צעעפענט זיך די טהיר פון טונקעלען צימעריל און דאָס מיידעל קומט אַרויס מיט צוואוואָרפענע האָאר. רייבט זיך די אויגען מיט ביידע הענט און איז אָנגעטאָן אין אַ ברייטער, רויטער קימאָנאָ פון ביליגען דאַרען זייד.

די הויזיגע וואַרפען זייטיגע אונרוהיגע בליקען.

דאָס מיידעל איז נאָך שטאַרק פאַרשלאָפען, מיעד און איז נאָך ערגעץ אין דערמיט פון אַ חלום, ווייל זי האָט ניט געזעהן, וואָס עס טוט זיך אַרום איהר און האָט ניט געוואוסט אויף קלאָר וואו זי איז.

דער אַלטעטשקער קוקט זיך איבער מיט זיין ווייב.

די בחורים ווערען ווי פאַרשטיינערט, בלאַס און פאַרביג און צוריק בלאַס.

און אז דאס מיידעל איז שפעטער א פארפוצטע ארוים פון הויז, האט זיך די מאמע אנגערופען צו די קינדער: עפעס גע־פעלט מיר ניט דאס מיידעל.

דער אבענד איז זיך אוועקגעלאפען אין הויז, ווי תמיד. מען איז געזעסען און עפעס געפלוידערט און נאכדעם איז מען געגאנגען שלאפען. און אויפמארגען אויפגעשטאנען און ווייטער איז דער אלטער געגאנגען אין שוהל אריין און די בחורים זיינען אוועק צו דער ארבייט, און דאס מיידעל איז שוין געווען אין דונקעלען צימער און דארט געשלאפען. ביי טאג זיך אויפגעכאפט. מיט צעווארפענע האר און רויטע, ווילדע אויגען איז זי אריין אין קיך און געבעטען ביי דער אלטעטשקער א גלאז טהעע, זיך געקלאגט, אז עס טוט איהר וועה די פיס פון פיעל טאנצען. און איז ווייטער אוועק אין צימע־ריל שלאפען.

אין אבענד, ווען מען איז געזעסען ארום טיש ביים מאהלצייט האט זיך דאס מיידעל אויפגעכאפט און עס האט ניט גענומען לאנג און זי איז א פארפוצטע ארוים אין גאס. זיך פארזאמט אביסעל און ארויפגעבראכט מיט זיך צוריק עמיצען.

די הויזיגע האבען געהערט אין דעם עמיצענס רייד, אז עס איז א מאנסביל. די אלטעטשקע האט פלוצים זיך עפעס אנגעהויבען ארייננצוגעהמען אין קאפ אריין, נאר זיך נאך געטרייסט מיט דעם, אז דאס מיידעל האט א חתן און דער מאנסביל מוז עס זיין איהר חתן.

אין א קורצער צייט ארום איז דאס מיידעל אוועק מיט'ן מאנס־ביל פון הויז און איז באלד צוריקגעקומען איינע אליין. אנגעצונ־דען די געז אויף א ווילע און זי צוריק אויסגעלאשען.

די אלטעטשקע האט זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט. איז אריין אין טונקעלען צימעריל און געטראכט: „אין דער פינסטער כדי זי ניט צו פארשעהמען, וועט זי ביי איהר בעטען ניט אריינ־צוקומען אין הויז אריין אין יענעם רויטען, זיידענעם העמד. מיט

גוטען מאכט מען א שלעכטען בעסער. זי האט דאך נאר וואס די געז פארלאשען און זיכער שלאפט זי נאך ניט".

— מיידעל, מיידעל!

אבער רוף די אויסגעלאשענע געז, וועט זי דיר ענטפערען? אזוי האט דאס מיידעל געענטפערט. האט זיך די אלטעטשקע דאס אריינגענומען אין קאפ אריין נאך מעהר. און האט ביי זיך אפגע־מאכט צו היטען דאס דאזיגע מיידעל היינטיגע נאכט. זי האט פון איהר באשלוס קיינעם פון הויז ניט דערצעהלט. און זיך גע־ביטען מיט'ן אלטען'ס געלעגער, בכדי זי זאל קענען ליגען קעגען דער אפענער טהיר און קענען זיך איינהערען און איינקוקען צו דעם, וואס עס וועט אפשר זיך אפטהאן אין דער גרויסער שטוב.

א צייט לאנג איז די אלטעטשקע געלעגען אין איהר נייעם בעט, זיך געמאטערט און געטריבען פון זיך דעם שלאף. זי האט אבער ניט געקענט איהם בייקומען און איינגעדרימעלט, מיט דעם געדאנק, אז זי זאל זיך אין שלאף איינהערען צו דעם הויז. און דאס ווייסען קליינע קינדער, אז וואס מען נעהמט זיך אריין אין קאפ פאר'ן שלאף, ווערט ניט פארגעסען.

האט זיך טאקע די אלטעטשקע אין מיטען נאכט פלוצים אויפ־געכאפט, ווייל זי האט דערהערט עפעס א שפרונג ווי פון א קאץ. זי איז געבליבען ליגען אויפ'ן בעט מיט אפענע אויגען און מיט א שטילען אטהעם. און דערזעהן, ווי דאס מיידעל שטעהט אין א ווייסען העמד ביים אפענעם פענסטער פון דער גרויסער זאל מיט איהר קאפ ארויסגעבויגען צו דער גאס און פאכט מיט איהר האנד ווי זי וואלט עמיצען רופען.

נאכדעם איז דאס מיידעל אוועק פון פענסטער, ווי א שאטען. די אלטעטשקע האט זיך איינגעהערט. נאך שטילער פון א גנב האט עמיצער די טהיר געעפענט און נאכדעם האט זיך געהערט עפעס א געדערעריי, ווי פליגען וואלטען ארומפליהען אין הויז. באלד ווייטער האט עמיץ געעפענט די טהיר אזוי ווי פריהער און

דאָס מיידעל איז שוין ווייטער געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער אין איהר ווייסען העמד און געשאָקעלט מיט דער האַנד.

גאָט !... מיט גרויס מאַטערניש האָט די אַלטעטשקע קוים דערלעבט דעם גרויען פריה־מאָרגען און האָט זיך געוואַשען ביים קראַן מיט קאַלטע וואַסער איהרע אויגען און העגד עטליכע מאָל מעהרער ווי תמיד. און קיינעם פון די הויזיגע ניט דערצעהלט פון דעם וואָס זי האָט געהערט און געזעהן, נאָר געוואַרט אז אלע מאַנס־בילען זאָלען זיך צוגעהן פון הויז, אַן געוואַרט ביז דאָס מיידעל איז ביי טאָג אַרויס פון טונקעלען צימער מיט צוואוואָרפענע האָאָר און מיט רויטע אויגען. געגעבען דער מיידעל א גלאָז טהעע, און אז יענע האָט זיך אָנגעטרונקען, האָט די אַלטעטשקע איהר דערלאַנגט דעם פּאַפּירענעם, שמעקענדיגען דאָלאַר, וועלכען זי האָט ביי דער מיידעל גענומען, און געזאָגט :

— מיידעל, קינד, אָט האָסטו דיין דאָלאַר און זוך דיר איין אַנדער צימער !

# אַ מעשׂה וועגן אַ מענשען

ער האט זיך קוים דורכגעשלעפט די שול. געטרוימט צו גערהן ווייטער, ווי זיינע חברים זיינען אוועק.

זיין פאטער איז שוין אבער ניט מעהרער געווען צווישען די לעבעדיגע און די מוטער איז אויסגעגאנגען פון הונגער, מיט זיין שוועסטער׳ס קליינע פארדינסטען.

איז ער אוועק אין שאפ ארבייטען. זיך אויסגעלערענט די אר־בייט, געווען פלייסיג און גוט פארדינט.

האט פארגעסען זיינע שול־חברים און באקומען נייע.

איינער פון זיינע חברים האט מיט דער צייט אפגעשפארט עט־ליכע דאלאר און איז אוועק ווערען א געשעפטסמאן. זיך געבעטען ביי „איהם" ער זאל פארלאזען דעם שאפ און געהן אלס א שותף מיט איהם.

ער האט געטראכט, אז זיין פריינד איז גאר ניט אזא פעהיגער און דערצו נאך א ליגנער און ניט געוואלט מיט איהם געהן און געבליבען ביי דער ארבייט.

די מוטער זיינע האט אנגעהויבען אויפצולעבען. אפצוצאהלען די חובות פון איהר מאנ׳ס קרענק און טויט.

און ער האט נאך אלץ געטרוימט פון שטודירען און עס אפ־געלעגט אויף א בעסערע צייט.

דערווייל האט זיין שוועסטער חתונה געהאט, האט זיך די מו־טער ווייטער פארשולדיגט. און ער האט ווייטער געארבייט א גוטמוטיגער און א שטילער, און די מוטער האט געצאהלט חובות.

איינמאל געהט ער אזוי אין גאס, מיטאג צייט, און באגעגענט זיך מיט זיין פריינד, דעם געשעפטסמאן. יענער האט איהם באלד דערקענט. און זיך נאכגעפרעגט צי ער ארבייט נאך ביי יענעם.

און אויסגעהערט זיינע ווערטער מיט זעהר פיעל הארץ און איהם פארגעשלאגען צו ווערען א בוכהאלטער ביי איהם אין געשעפט.

ער האט זיין פריינד'ס פארשלאג אנגענומען און האט אנגע־הויבען צו פאהדיגען מעהרער ווי אלס פשוט'ער ארבייטער.

די מוטער זיינע האט זיך ווייטער ארומגעצאהלט און אנגע־הויבען צו פילען ברייטער און אויך געטראכט, אז איהר בחור זאל מיט גאט'ס הילף אויף „עפעס" לערנען.

דארף גאט פיהרען אזוי, אז די מוטער, אין איהרע בעסטע יאהרען, זאל פלוצים שלאף ווערען. בעט זיך ביי איהר דער זוהן: „מאמע, געה אין שפיטאל".

זי וויל ניט הערען און האט גוטע האפנונגען גיך געזונד צו ווערען: זי האט דאך נאך גאר קיין נחת ניט געהאט פון איהרע קינדער.

אין די מוטער געלעגען אין בעט אזוי לאנג ביז זי איז געשטאר־בען און ער איז געבליבען אליין.

צו דער שוועסטער האט ער ניט געוואלט געהן. האט זי פיינט געהאט, ווי עס טרעפט זיך, אז מען האט פיינט א שוועסטער.

האט ער אליין ערגיץ געוואוינט אין א צימעריל.

די צרות פון זיין מוטער'ס טויט האבען אין איהם אנגעהויבען צו צוברעכען די פעהיגקייטען צו טהאן זאכען, וואס אנדערע זאלען ניט האבען געקענט טאן.

און ער האט אנגעהויבען פיהלען, אז ער דארף א פרוי פאר א חבר, פאר א מאמען צו זיינע קינדער און דערהויפט קליינע קינ־דערלאך, קינדערלאך זאלען ארומלויפען אין זיין הויז.

ער האט געקאנט א סך מיידלאך.

און האט אזוי געטראכט:

„דאס מיידעל איז א פיינע און א שעהנע, קומט זי אבער פון א רייכען הויז און ער האט ניט די כחות זי צו מאכען גליקליך.

יענע מיידעל איז פון אן ארימער הויז, איז זי אבער ניט נאך זיינע געפיהלען.

א דריטע האט איהם ליעב און ער פיהלט צו איהר קיינע פאר־בינדונגען...

אט אזוי האט ער געטראכט און געווארט ביז עס איז געקומען א צייט און ער האט געפונען דאס מיידעל, וועלכע ער האט גע־מיינט, אז זי איז זיין פאר.

האט ער אין זיך אנגענומען כוחות און איינמאל אין אן אבענד דער מיידעל געזאגט, וואס ער טראכט וועגען איהר. און זי האט איהם קאלט אבגעזאגט.

און נאכדעם איז ער א צייט ארומגעגאנגען ווי א שאטען, און ניט געקענט פארגעסען דעם פאטש אין פנים און געוואלט באגעהן זעלבסטמארד, אדער גאר אוועק אין איין אנדער ווייטער מדינה.

זיין צעבראכענע הארץ האט זיך אבער אנגעהויבען צו פאר־היילען און פון דעם מיידעל האט ער זיך געמאכט ניט צו טראכ־טען און ער איז געבליבען אליין אין זיין צימעריל.

און איז אזוי פארבליבען א בחור.

עס האט זיך אבער אפגערופען אויף זיין געזונד און ער האט שוין ניט געקענט מיט אזא פינקטליכקייט ערפילען זיינע פליכטען אלס בוכהאלטער, טראץ וואס זיין פריינד'ס געשעפטען האבען אלץ מעהר געוואקסען.

ער האט איינמאל מיט זיין פריינד, אפענהערציג זיך דורכגע־שמועסט.

יענער האט גענומען די געלעגענהייט און איהם אראפגעזעצט פון בוכהאלטער אויף עפעס איין אנדער ארבייט ארום געשעפט. און דערווייל זיינען די יאהרען געפלויגען.

ער איז פארעלטערט געווארען נאך מעהרער פון זיין פריינד, וועלכער איז געוועזען עלטער פון איהם.

עס פלעגט איהם אמאל ארומכאפען אזא בענקעניש, פאר וואס ער האט ניט חתונה געהאט פריהער אין די יונגע יאהרען. איצט איז שוין שפעט, פלעגט ער טראכטען.

און ער האט איינגעזעהן, אז א יונגער מענש וואלט אויף זיין

ארט מעהרער אויפגעטאן פאר זיין פריינד'ס געשעפט, האט ער אליין האלב אין שפאס און ווי זיך באקלאגט: אז ער ווייסט ניט פאר וואס די עלטער באפאלט איהם אזוי שנעל.

זיין פריינד האט איהם אויסגערעדט פאר וואס ער טראכט וועגען אזוינע זאכען.

אבער איינמאל, ווען ער איז אין אנפאנג פון וואך געקומען אין זיין פריינד'ס געשעפט, האט ער געטראפען א יונגען בחור'ל טאן זיין ארבייט.

און דער בעל־הבית איז געווען זעהר פריינדליך און איהם אריינגערופען און מיט איהם גאר געשמועסט עפעס פון הארציגע זאכען. און ערשט צולעצט איהם אזוי געזאגט:

— הער זשע אויס, ביללֿ, ווי איך זעה ווערסטו עלטער פאר דער צייט. דיינק איך, אפשר איז די ארבייט שווער פאר דיר. נו, זאל איך עס צוזעהן און דיך לאזען פאלען?

ביל איז געוועזען אן עהרליכער נאר, דאס האט ער אליין אויך געוואוסט און דערפאר האט ער געשוויגען און געווארט, וואס זיין רייבער פריינד וועט ווייטער זאגען.

— און דערפאר — האט דער געשעפטסמאן ווייך און מיט א שמייכעל פארטגעזעצט — מיין איך, אז עס וועט זיין א יושר, אז דו זאלסט אויף זיך אנהויבען מעהרער אכטונג צו געבען, נעהם דאס לעבען אביסעל גרינגער. און קלויב דיר אויס עפעס א גרינ־גערע ארבייט, מאכע ביי מיר אין שאפ. און וועסט שוין פון היינט אן און ווייטער ארבייטען אויף דיין אייגענעם חשבון וועסטו גאר אנדערש און לוסטיגער ארבייטען. צווישען יונגע לייט וועט אין דיר אפשר דאס בלוט אנהויבען צו רוישען בעסער און שטארקער און וועסט נאך אינגער ווערען.

האט ביל געשאקעלט מיט'ן קאפ און זיך אויסגעקליבען די מאשין ארבייט.

און ער איז געזעסען ביי דער מאשין יאהר איין יאהר אויס. זיין פלייצע האט זיך איינגעבויגען.

זיינע אויגען זיינען גרין און קליין געווארען.

זיין קאפ איז געווארען א נאקעטער און אויף דער רעכטער זייט פון זיין פארגעלטען שטערען האט זיך א דונקעלער פלעק באוויזען.

זיינע ציינער האט ער פארלארען און ער האט שוין ניט גע־קענט עסען.

ער פלעגט נאר לעבען אויף קאווע מיט געפרעגעלטע אייער און די זעמעל פלעגט ער איינוווייקען אין דער קאווע און עס אזוי ארונ־טערגעשלינגען.

איז עס איהם נמאס געווארען אט אזא מין טרינקען און אזא מין עסען, האט ער אנגעהויבען טרינקען אויף אן אנדער מאס.

און פלעגט זיצען ביי דער מאשין א פרעהליכער.

און יונגען זייבען געקומען און יונגען זייגען אוועק פון דעם דאזיגען געשעפט, און ער האט געדענקט א יעדען בחור און גע־וואוסט איטליכענס שוואכקייטען, און אויב עס איז עפעס קאמישעס געוועזען אין עמיצען האט ער עס גוט געדענקט, און ווען ער פלעגט זיך גוט אנטרינקען און זיין פרעהליך, פלעגט ער שוין פאר די אר־בייטער איבערדערצעהלען יענעמס שוואכקייט און נאכקרימען ווי א צווייטער איז געוועזען קאמיש ביי זיין ארבייט.

ער איז געוועזען שטאלץ אויף דעם, וואס ער איז דער עלטס־טער ארבייטער אין שאפ. און איז געוועזען דער איינציגער, וואס האט געקענט זיך אוועקשטעלען און ארויפלייגען זיין דארע האנד אויף איינעמס פלייצע און יענעם דערצעהלען א מעשה, ווי אזוי זיין פריינד האט דעם דאזיגען שאפ אנגעהויבען ערגיץ אין א קליינעם ארט, פארווארפען פון אלע עקען מיט אלטע געביידען. ווי אזוי דער בעל הבית איז זיינער אן אלטער פריינד, מיט איהם צוזאמען געארבייט צוריק מיט יאהרען ביי אן אנדער באס, הא, הא, ווי האט ער געהייסען... יא, יא, אמאליגע צייטען!

און דערביי פלעגט ער אנהויבען צו שפאצירען איבער'ן שאפ מיט פארלייגטע הענד אויף הינטען, פון וואס זיין אויסגעבויגענע פלייצע פלעג אויסזעהען ווי א בערגעל אויף א פרישען קבר און

פלעגט מאָרגע שמייכלען מיט זיינע נאַקעטע, אָנצייניגע יאַסלעס.

בילל האָט אין זיינע קינדערשע יאָהרען ווייניג געלערענט פון גאָט און זיינע וועגען, און איצט אויף זיין עלטער האָט ער איהם שטאַרק אויסגעפעהלט. קיין היים האָט ער ניט געהאַט, קיין חברים האָט ער ניט געהאַט, ווייל אלע זיינע שול־חברים זיינען ערגעץ ארויפגעקראָכען אזוי הויך, אז ער האָט נור פון צייט צו צייט געקענט זעהען וועגען זיי אין די צייטונגען.

האָט איהם זעהר און זעהר געפעהלט א גאָט אין וועמען ער זאָל גלויבען. און אז ער האָט ביז איצט ניט געפונען, וועט ער שוין ווייטער ניט זוכען. און דערפאַר האָט ער אי שבת אי זונטאַג געטרונקען און געטרונקען איבער דער מאָס. און זיינע קליינע פאַרדינסטען פלעגען אוועקגעהן און ער פלעגט ניט קענען באַצאָה־לען פאַר זיין וואָהנונג.

האָט מען איהם פון צימער ארויסגעוואָרפען.

און אז בילל איז געקומען און דערזעהען, ווי זיין ביסעל אַרימ־קייט ליגט אין א בערגעלע אויפ'ן גאַס, האָט ער זיך געלאָזען געהן איבער דער שטאָדט, מיט פארלעגטע הענד אויף הינטען — און פאַרטזעצונג קומט...

# דער איינברעכער


דער אײַנברעכער

שפעט ביינאכט איז ער אויפגעשטאנען שטילערהייד, אויף זיך עפעס אנגעטאן און נאך שטילער ארויס פון הויז, אז זיין פרוי און קינדער זאלן נישט דערהערן.

אז ער איז ארויס פון הויז, איז ער געבליבן שטיין פון יענער זייט טיר, זיך איינגעהערט א ווײַלע און נאכדעם גענומען שפאנען מיט זיינע לאנגע פיס.

די זייט פון גאס, וואו זיין הויז איז געשטאנען, איז געווען איינגעהילט אין שאטנס און די קעגנאיבער גאס איז געלעגן אין דעם ווייסן ליכט פון דער לבנה.

ער האט באדארפט אריבערגיין צו דער ליכטיגער זייט גאס און זיין לאנגער שאטן האט זיך איהם געיאגט אין דער זייט, און ער האט זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטן, א צושראקענער, איינער אליין מיט זיין שאטן.

ער האט אפילו באמערקט, אז אין דער שאטענדיגער זייט פון גאס לייכט זיך דארט אין הויז, וואו די „אלטע מוידען" וואהנען. אבער דאס האט איהם נישט אפגעהאלטן. ער האט נאר א ברום געטאן עפעס א קללה אויף די „אלטע מוידען'ס" קעפ פאר וואס זיי זיצן אזוי שפעט ביינאכט, און, נישט באמערקענדיג, ווי איינע פון יענע „אלטע מוידען" זיצט דארטן אויפ'ן באלקאן, האט ער ווייטער גענומען זיך רוקן ביי די זייטן פון די הייזלעך.

ער איז געקומען צו דער הויז, אין וועלכער ער האט באדארפט אריינברעכן.

די דאזיגע הויז איז געווען א ווייס-געפארבטע און ארומגערינגלט מיט הילצערנע שטאכעטן. עס איז געווען אפגעגאסן פון דאך ביז'ן באלקאן מיט א גלאנציגן ווייסן ליכט פון דער

לבנה. נאר די פענסטער זיינען געווען שווארצע און בלינדע און דעם „איינברעכער" האט געשראקען, טאמער שטעהט דארט אימי־צער הינטער די בלינדע פענסטער און קוקט אויף איהם.

נאר אז ער האט א טראכט געטאן, אז דער בעל־הבית פון הויז איז אוועקגעפאהרען, האט ער זיך בארוהיגט און אריבערגעווארפען איין פוס נאך דער אנדערער איבער די שפיציגע שטאכעטלעך, זיך ווייטער ארומגעקוקט און איז באמעלעך אוועק צום פענסטער, וועל־כעס האט ארויסגעקוקט אויף'ן הילצערנעם הויכען פליט פון דעם שכנ'ס הויז.

דורכגעהענדיג דאס קליינע גערטענדעל, האט ער זיך געהיט ניט אנצוטרעטען אויף די קווייטלעך, וועלכע האבען אין קיילעכ־דיגע שורות'לאך געוואקסען אויף די רונדע בייטעלעך — ווייל זי, צו וועמען ער וויל איצט איינברעכען, פלעגט זיי יעדען אבענד באשפריצען מיט וואסער.

און אויפ'ן ווייכען זאמד, מיט וועלכען די שטעגלעך פון גער־טעלע זיינען געווען באשאטען, האט ער מורא געהאט צו געהן אזוי, אז זיינע טריט זאלען זיך דארט איינפרעסען, ווייל מארגען וועט קו־מען דער בעל־הבית פון דער הויז און עס קען געשעהן אז ער וועט געפינען א טראט אין זאמד און וועט אנהויבען זוכען און נאכשמע־קען און עפעס וועט ער דערקענען און מאכען א טומעל.

איז ער, דער „איינברעכער", געגאנגען מיט די שפיצען פון זיינע שיך, און אזוי ווי ער האט נאר באוויזען צוצוקומען צום פענס־טער, ביי וועלכען ער האט מיט איהר אפגעמאכט צו טרעפען זיך — האט זיך פלוצלונג דערהערט פון ערגעץ א קוויטש און א לוי־פעריי. א טהיר האט א קלאפ געטהאן. עס איז געווארען א טו־מעל:

—א גנב ! א גנב !

ער האט זיך שטארק דערשראקען. ער האט געוואלט א שפרונג טאן אויף צוריק און אריבער דאס געסעל, האט זיך איהם פארגע־שטעלט, אז מען וועט איהם אפשר נאכיאגען און דערקענען.

ווי וועט ער דאמאלט קענען ווייזען זיין פנים אויף דער ווייטער וועלט ?

ער האט נעכאפט א קוק צום פענסטער. זי איז געשטאנען האלב ארויסגעבויגען, מיט צולאזענע האאר און שטומערהייד געווארפען מיט איין האנד אין דער נאכט אריין. ער האט פארשטאנען, אז זי בעט זיך ביי איהם ער זאל אנטלויפען.

וואו לויפט מען ?

דערווייל איז געווארען שטיל אין גאס. דער „איינברעכער" איז געשטאנען, ווי א פארפרוירענער, ניט ווייט פון אפענעם פענסטער און געקוקט אויף איהר האנד, וועלכע האט זיך געשאקעלט אין דעם ברייטען ארבעל פון איהר נאכט־העמד, ווי דאס צינגעל אין א גלאק.

די „אלטע מוידען" זיינען ארונטער פון באלקאן, זיך דורכגעשמועסט, שמייכלענדיג, וועגען דעם גוטען „ביסען", וואס דער צופאל האט זיי צוגעווארפען און באלד האבען זיי זיך א לאז געטאן איבער דער גאס און געמאכט א געוואלד, וועלכער האט צושטערט די שטילע ליכטיגע נאכט.

—א גנב ! א גנב !

דער „איינברעכער" האט א קוק געטאן אז יעם האלט שמאל, האט ער זיך א ווארף געטאן צום הויכען פלויט און אנגעהויבען צו קריכען. א פאר מאל ניט געטראפען קיין שפאלט, אין וועלכען זיין פוס אריינצושטעקען, נאר באלד איז איהם געלונגען צו דערלאנגען מיט א פוס דעם זוים פון פלויט. ער האט זיך קוים מיט מאטערניש אריבערגעווארפען דעם פלויט און ארונטערגעפאלען פון יענער זייט אין שכן׳ס הויף אריין.

ער איז א ווילע געלעגען באוועגלאז און האט געמיינט אז ער איז איינגאנצען צעשאטען געווארען. נאר באלד האט ער דערהערט ווי טהירען עפנען זיך און עס איז שוין געווארען א גרויסער געלאף, האט ער זיך גיך אויפגעהויבען פון דער ערד, דערפיהלט, אז

עס ציטערט אויף איהם די גאנצע הויט און האט זיך ארומגעקוקט:

פון אויבען — הימעל, און ארום איהם איז א הויכער פלויט. דא אין הויף צו פארבלייבען האט ער מורא געהאט, ווייל דער הויף האט זיך אנגעהערט צו דעם „הויכען נפתלי'ן". מעהר האט ער ניט באדארפט, נאר אז דער הויכער נפתלי זאל ארויסלויפען און אנפאלען אויף זיינע ביינער.

ער האט זיך דערמאנט אן גאט, דארטען אין ווייסען הימעל, און איהם אין דער שטיל געבעטען אן עצה, ווי אזוי ער זאל זיך איצט ארויסדרעהען פון דעם דאזיגען פלאנטער. און דערפאר טוט ער א נדר, אז ער וועט אהיים קומען און פאלען צו דאס שוועל פון זיין הויז און אנהויבען ליעב צו האבען זיין ווייב און זיין קינד, און ער וועט שוין אין זיין גאנצען לעבען היטען די שוועלען פון זיין היים.

און אזוי האט ער זיך איבערגעגעבען אין די הענד פון ווייטען הימעל און האט זיך א לאז געטאן צום פלויט און זיך גענומען דראפען מיט זיינע הענד און פיס, און אז ער האט שוין געהאלטען ביים אריבערשפרינגען אויף דער אנדער זייט, האט מען איהם דערזעהען און עס איז געווארען א געוואלד:

— אט איז ער, קינדער, אט איז ער!

ער האט געמוזט צוריק ארונטערשפרינגען אין הויף אריין און האט גענומען לויפען. ער האט שוין ניט געוואוסט וואס ער טוט, איז ער אריין אין דער שטאל וואס איז געוועזען אין הויף. די טהיר פון שטאל איז געוועזען א צעעפענטע, האט ער זי געלאזען אן אפענע. דארט האט ער דערזעהען א לייטער, און איז ארויפ־געקראכען מיט דעם לייטער נאך שנעלער ווי א קאץ קען קריכען, אז ער אליין האט זיך געוואונדערט פון וואנען עס נעהמען זיך ביי איהם אזוינע כחות.

אויפ'ן בוידים פון שטאל איז געוועזען א סך שטרוי. ער איז אריינגעקראכען הינטער'ן שטרוי מיט די הענד האט ער דאס איינ־

געפּרעסטע שטרוי לויז געמאַכט און מיט זיין קאָפּ זיך גערוקט אַלץ טיפער און טיפער. דאָס שטרוי האָט איהם געשטאָכען אין פּנים אריין. אָבער ער האָט עס אַנגענומען פאַר ליעב און געטראַכט, אז ער וועט אזוי איבערלינען אין שטרוי, ביז דער טומעל וועט איבערלייפען.

דערווייל איז דער עולם געוואָרען ווילדער. מען האָט דאָך איהם שוין געזעהען, דעם גנב. מען איז אריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט.

דער „הויכער נפתלי" איז אויך ארוים און דערהערט, אז דער גנב איז ביי איהם אין הויף.

— אזא מעשה, קינדערלעך, מיינע פערד וויל ער מיר גאַר ארויסציהען און מיך לאָזען אויפ'ן וואסער.

— ער מוז זיין אין שטאַל, רב נפתלי, ביי אייך אין שטאַל. לויפט גיכער — האָבען איינינע מיט א מאָל געשריען — וויל ער קען דאָך טאקע ארויסציהען די פערד אייערע.

מען איז אוועק אין שטאָהל. דער הויכער נפתלי איז אריין אינעוועניג, און דער עולם, וואס האָט זיך שוין דורכגעמישט מיט איינינע ווייבער, איז געבליבען אין דרויסען.

דורך דער אָפענער טהיר האָט מען צו דעם הויכען נפתלי אריינגעשריען אלערליי עצות.

איינער האָט געזאָגט:

— זוכט איהם אויפ'ן בוידים!

נפתלי איז ארויף מיט'ן לייטער. אין האנד האָט ער מיטגענומען פון שטאַל א מיסט-גאָפּעל.

און עס האָט נישט גענומען לאנג, ווי מען האָט דערהערט נפתלי'ס רופען:

— קינדער, איך האָב איהם געפּאַקט!

מען איז באַלד ארויפגעקראָכען, צו צוויי און צו דריי מיט א מאָל איז מען געקראָכען איבער דעם שמאָלען לייטער.

דער הויכער נפתלי האָט געווי:צן אויף אַ פּאָר שיך, וועלכע מען האָט פון אָנפאַנג גאָר ניט געעקנט זעהען אין דער פינסטער. נאָר אז מען איז אַביסעל געשטאַנען און זיך איינגעקוקט, האָט מען אָנגעהויבען צו זעהען ווי צוויי שיך פון אַ מענשענ׳ס פיס שטיקען ארויס פון דעם געלבליכען שטרוי.

— וואָס שווייגט איהר ?

— אז שוין יאָ געכאַפּט, זאָל זיין געכאַפּט !

— מען דאַרף אונטערציינדער דאָס שטרוי.

אַזוי האָט מען זיך געהיצט פון אַלע זייטען. נאָר דער „הויכער נפתלי" האָט געשוויגען. און אז אַלע האָבען שוין אָפּגעזאָגט וואָס יעהער האָט געהאָט צו זאָגען, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האנד :

— איצט האָבען מיר צייט, קינדערלעך, ברענט ניט אַזוי, ער וועט דאָך ניט אַנטלויפען.

און דאָס ערשטע האָט ער אַ נעהם געטאָן דעם גאָפּעל און מיט זיינע צייהנער אַ קראַץ געטאָן די ארויסשטעקענדע שיך :

— עי, זאָג ווער ביזטו ?

עס איז ניט געקומען קיין ענטפער.

— דו זאָגסט ווער דו ביזט, און וואָס דו האָסט געוואָלט אין מיין שטאַהל, צי ניין ?

און אַזוי ווי עס איז ניט געקומען קיין ענטפער פון הינטער דעם שטרוי, האָט דער הויכער נפתלי מיט אַ כעס אַ כאַפּ געטהאָן דעם גאָפּעל און איהם אריינגעשטאָכען אין די שיך אריין.

— האָסט נאָך צייט, איידער איך לאָז דיר די נשמה ארויס. זאָג ווער דו ביזט.

; אַז מען האָט דערזעהען, אַז שטעכען שטעכט ער איהם און יענער ליגט דאָרט אין דעם שטרוי און שווייגט, איז דאָס עפּעס אויס־געפאַלען מאָדנע. מען איז צוגעלאָפען מט אַ סך הענד און אַ כאַפּ געטהאָן די שיך און אָנגעהויבען צו שלעפּען דעם גנב פון דעם שטרוי

אַרויס.

אימיצער האָט דערווייל געבראַכט אַ לאַמטערנע, און אַז מען האָט דעם מענשען פון דעם שטרוי איינגאַנצען אַרויסגעצויגען און צוגעטראָגען די לאַמטערנע צו זיין פנים, האָט מען איהם מיט שרעק דערקענט און נאָך מיט מעהר שרעק פון איהם זיך אָפּגעצויגען אָן אַ זייט — ווייל ער איז געוועזן טויט.

## געלעכטער

אויסגערונעו האט באדארפט צו ווערען אין זיין מאמעס בויך, אט יענע, וואס האט אויסגעטראכט דאס לאכען.

און אויב ער איז געבוירען געווארען צו ווייזען דער וועלט זיין גרויס קלוגשאפט פון לאכען, האט ער כאטש באדארפט זיך אויס־ברעכען עפעס איין אבר, בשעת ער האט דעם ערשטען לאך געטאן.

און אויב ער איז געבליבען א גאנצער פאר וואס איז די וועלט ניט איבערגעקערט געווארען — פאר וואס האט זיך די גאנצע ערד ניט געטאן א שיט אויס פון יענער זייט גרעניץ, אין אש און פארעך — און זאל ער געוועזען בלייבען איינער אליין מיט זיין צעשפריי־טען מויל ?

און ניט גענוג וואס אזא נארישע זאך איז פארבליבען, אזוי ווי א הארב אויף די פלייצעס פון דער וועלט, קומען צוגעהן קלוגע מענ־שעלאך און קנאקען מיט זייערע צינגער, אז לאכען איז גוט צו דעם געזונד פון דער וועלט — א שעהנע מתנה צו דעם געזונד !

נאר לאמיר בעסער אליין הערען, וואס עס האט געטראפען.

איינמאהל איז ער געגאנגען, אויף זיינע געוועהנליכע שפאצירען, אין גאס, האט זיך איהם פארגלוסט, צו צוגעהן צו א גרויסען פענס־טער פון א וואורשט געשעפט, וועלכעס איז געוועזען באהאנגען, מיט אנגעפלאכטענע קליינע, רויטינקע „הינטעלעך“. דאס פענסטער איז געוועזען שטארק באלויכטען און פוןביידע זייטען מיט לאנגע שפיג־לען. ער צעעפענט זיין מויל און באטראכט זיינע ציינער, אין איינעם פון די לאנגע שפיגלען.

האט ער דערזעהן אז אין איינעם פון זיינע צייהן איז דא א קליין לעכעל קען נאך דער צאהן אנהייבען צו פוילען, און א צאהן צו

פארלירען איז ניט אזא פריילעכע זאך, האט ער געטאן א טראכט. און איז באלד אוועק מיט שנעלע טריט צו א דענטיסט.

ביי דעם דענטיסט אין קארידאר האבען געברענט עלעקטרישע לעמפלעך. און אזוי ווי אויף אלע טהירען פון ניו יארק שטעהט אנגעשריבען „שלעפ“ אדער „שטופ“, אזוי איז אויך דא אין קארידאר געוועזען אנגעשריבען אלערליי אויפשריפטען. איטליכער אויפשריפט האט געהאט ביי דער זייט אויסגעמאהלט א האנד מיט א אויסגעשטרעקטען פינגער.

איינער אזא אויפשריפט איז געהאנגען ניט ווייט פון צוויי טהירען און זיך געלעזען: „קומט גלייך אריין, שלעפט די טהיר“. דער אויסגעשטרעקטער פינגער פון דער האנד נעבען אויפשריפט האט געוויזען צו איינער פון די טהירען.

ער האט ניט געוואוסט וועלכע טהיר.

אויף גאט׳ס באראט האט ער א שלעפ געטאן איינע פון די טהירען און אריינגעטראפען צו דעם דענטיסט אין זיין ארבייט־צימער.

ער איז אביסעל צעמישט געווארען, אפשר שטערט ער איהם אין זיין ארבייט?

— וואו איז אייערווארט־צימער, דענטיסט?

דער דענטיסט איז צוגעקומען נעהנטער, זיך א נויג געטהאן, איהם באטראכט פון קאפ ביז די פיס. זיינע רויטינקע באקען האבען געשמייכעלט מיט קליינע גריבלעך.

— ביי מיר אין א צאהן איז דא א קליין לעבעל, דענטיסט.

— גוט, מיר וועלען עס שוין פארשטאפען. געהט אריין דורך דער דאזיגער טהיר און זעצט זיך צו א ביסעל — האט דער דענטיסט געעפענט א טהיר רעכט׳ס און איהם אריינגעלאזען אין א צימער, וואו עס האבען שוין געווארט אנדערע.

ער איז נאך מעהרער געווארען צעמישט, שוין איין אלטע גע־

וואהנהייט, פון דעם וואס ער איז אריינגעקומען אין א הויז צווישען פרעמדע מענשען.

האט ער זיך אוועקגעווארפען אויף דעם דיוואן, ביי דער זייט און נאר וואס אנגעהויבען צו פיהלען אז זיין צעמישטקייט הויבט אן צו פארגעהן.

פלוצים דערהערט ער, ווי מען לאכט. קוקט ער זיך ארום, באגעגענט ער די גרויסע אויגען, פון א פרוי. באמערקט אז די פרוי האט א לאנגליכען נאז מיט איין הארביקעל, און א לאנגען, מאגערען פנים און זעהר ווינציג האר אויף איהר קאפ, וועלכע זיינען פארדרעהט אין א שפיציגען קובלעק.

די דאזיגע פרוי כאפט אוועק איהרע גרויסע אויגען אין א זייט, גיט זיך א בויג איין צו דער אנדער פרוי וואס זיצט נעגען איהר, ביידע שיסען אויס מיט א געלעכטער, ווי עס זעצען ארויס אויפגעעפענטע פלעשער מיט שטארקען וויין.

ער קוקט זיך ארום עס איז אין צימער קיינער ניטא, חוץ די צוויי פרויען, נאר ער אליין. זיי לאכען פון איהם.

עס געדויערט א פאר מינוט. זיי זיינען שטיל. שלעקערצען און ווישען זייערע אויגען, וואס זיינען אנגעגאסען מיט טרעהרען. שמועסען אין דער הויך אזוי ווי זיי װאלטען עפעס וועלען פארשרייען.

ער הערט זיך איין אין זייער געשפרעך. ער איז זיכער אז איינע פארשטעהט ניט וואס די אנדערע זאגט. זיי ווילען איהם נארען און מען רעדט פון היימישע זאכען, אבער אהן א פארבינדונג. איינע זאגט:

— מארגען איז אן אויספערקויף ביי „וואנעמייקער“. —

די אנדערע זאגט מיט אראפגעלאזענע אויגען צום דיל:

— מיין קוזינע עבריינגט אויף לעהרערין װאלסטו געגלויבט? —

און מען שיסט ווידער ארויס אין א געלעכטער, מען ווארפט

זיך אהין און א הער, פון די אויגען רינען, ביי זיי טרעהרען און עס פאלען פון זייערע האר קעמלעך אויף דעם דיל אראפ.

גאט אין הימעל ! וואס איז דא מיט איהם ?

ער הויבט אן באטראכטען זיינע שיך, זיינע קליידער, טאפט מיט זיינע הענד דעם שניפס און דעם קאלנער. אלס אויף דעם ארט.

זיין גאנצער פנים ברענט. איז אונרוהיג און קען זיך קיין ארט ניט געפינען. פרובט ער ארויסקוקען אין גאס דורך דאס פארהאנגענע פענסטער. אין גאס לויפען מענשען, פערד און וועגענער, קינדער פלאנטערען זיך זאמלען זיך צענויף אין רעדלאך און באלד צעשיטען זיי זיך און אנטלויפען ערגעץ.

איצט דאכט זיך איהם אז די פרויען לאכען פון איהם דערפאר וואס ער בויגט זיך אזוי ארום אין פענסטער.

זעצט ער זיך אוועק גלייך, קוקט אויף דער סטעליע. באמערקט, אז די סטעליע איז ניט וויס, נאר בלאהוויים און ארום דעם שענדעליר איז דא א רויטער קארניעז.

פאר וואס־זשע פלאמט זיין פנים, טראפענס שוויס רינען פון זיין שטערען און זיינע האר זיינען נאס.

עס פאלט איהם איין אז ער זאל זיך אנכאפען מיטביידע הענד ביי זיין לינקער באק און אנהויבען צו קרעכצען.

ער טוט אזוי, קרעכצעט פון אנהייב שטיל, וואס א מאהל העכער און שטארקער, ווי עס וואלט איהם טאקע וועה געטאן א צאהן.

ער פארמאכט זיינע אויגען, צעוויעגט זיך אהין און אהער און קרעכצט.

די פרויען ווערען אויפמערקזאם, ציהען אוים זייערע פנים'ער און שווייגען.

און באלד שיסען זיי אוים ווידער אין א געלעכטער ער פיהלט אז זייער לאכען איז שטארק ווי א ווינד און עס הויבט איהם פון זיין ארט.

ער הויבט זיך אויף, האלט זיך מיט ביידע הענד ביי זיין לינ־

קער באק, א ווײלע שטעהט ער אזוי אין מיטען הויז אנגעשפארט אויף דעם ברעג פון לאנגליכען טישעל.

טוט א קלאפ מיט ביידע הענד אן טיש, און א פראל מיט דער טהיר און אנטלויפט אין גאס. קוקט זיך ניט ארום נאר לויפט און שלאגט זיך אן אין די זייטען פון פארבייגעהער. רעדט צו זיך אליין, אז זיינע צייהן װעלען שוין פוילען, פוילען...

# די שטומע מאַמע



## א.

דאָס מיידעל האָט זיך אַריינגעצויגען אין אַ נייעם צימער, וועל־כעם האָט פאַרמאָגט אַ שמאָל פענסטער צו דער גאַס און אַ טיר, וואָס האָט זיך געעפענט אין דער וואָהנונג.

די נייע באַלעבאַטים זיינען נאָך גאָר יונגע מענשען, אָבער דער מאַן און זיין ווייב, זאָל גאָט ניט שטראָפען, ביידע טויב שטומע.

און דאָס מיידעל האָט גרויס האַרץ קלעמעניש, ווען זי באַדאַרף מיט זיי עפּעס ריידען.

כאָטש אַ סך ריידען האָט דאָס מיידעל פיינט.

זי האָט זיך פאַרנומען פון איהר אַלטען צימער דערפאַר, וואָס זי האָט דאָרט לאַנג געוואָהנט און מען איז מיט איהר אַזוי היימיש געוואָרען און געקראָכען מיט די שטיוועל אין האַרץ אַריין.

און עס איז פאַר קיינעם ניט קיין סוד, אַז זי איז שוין איין עלטער מיידעל. וועל קען אַזאַ זאַך פאַרבאַהאַלטען ?

אָבער לאָזען יענעם קריכען מיט די שטיוועל אין האַרץ אַריין, האָט זי ניט געוואָלט.

איצט, אין דעם נייעם צימער, אַז זי פאַרמאַכט די טיר, איז איהר זעהר גוט, זי איז אַליין מיט זיך.

און איהר לעבען איז אַזוי געלאָפען :

גאַנץ פריה איז זי אויפגעשטאַנען, אויפגעראַמט דאָס צימער און אַוועק צו דער אַרבייט. פאַרנאַכט איז זי געקומען צוגעהן אין איהר קליין שטיבעל, זיך איבערגעטאָן און אָנגעהויבען רוהען. צייטונגען האָט זי ניט געלעזען. זי האָט זיי פיינט, ווייל צייטונגען דערצעהלען קיין איין אמת וואָרט ניט און אויב מען לייענט זיי, די צייטונגען,

ווערט מען אנגעזאפט מיט ליגענס, מען ווערט שווער אזוי ווי אָנ־געפילט מיט בליי און מען הערט אויף צו קענען טראכטען. דערפאר, האט דאס מיידעל, געלעזען ביכער, אליין געקליבער דאס שעהנסטע וואס עס איז דא צווישען ביכער און זיי געלעזען זעהר פאמעלעך, זיי אליין איינגאנצען איבערגעטראכט און זיך צוזאמענגעוואקסען מיט זיי. א מאל האט געטראפען, אז א בוך איז געווארען אזוי נאהענט מיט איהר, אזוי ווי א חבר. אזא בוך האט זי געלעזען און געלעזען און אלע מאל עפעס נייעס אין איהם געפונען און אלע מאל זיך דער־פרעהט מיט דעם נייעם חבר.

דאס מיידעל האט אויך ליעב געהאט א מאל צו פארברייננגען מיט דעם קליינעם וויעג־קינד אין הויז פון איהרע, נייע באלעבאטים. וויעג־קינדער זיינען ביי איהר געווען אזוינע שעהנע חברים ווי די אויסדערוועהלטע ביכער. זי האט זיך געשפיעלט מיט דעם קליי־נעם קינד, אריבערבויגענדיג זיך איבער דעם וויעגעל, אדער עס גע־נומען אויף די הענט און מיט דעם קינד ארומגעלאפען איבער אלע צימערען און אז דאס קינד האט צו איהר געטאן א שמייכעל האט זיך דאס מיידעל אזוי געפרייט און דאס קינד געדריקט צו איהר ברוסט.

דאס מיידעל האט זיך אויך דערפרייט און אפגעפרישט, ווען זי האט זיך אנגעשפארט אין דעם אפענעם פענסטער און ארויס־געקוקט אויף דער גאס, ווייל די פאנאראמע פון דער גאס האט איהר געהאלפען טראכטען.

דאס מיידעל האט אויף דער פאנאראמע געקוקט און איהר גע־דאנקען זיינען געלאפען, אזוי ווי די טראמוואיען זיינען געלאפען אהין און אהער, אזוי ווי די אויטאמאבילען זיינען געלאפען איינער נאך דעם אנדערען, אזוי ווי די קינדער האבען זיך געשאטען און גע־לאפען פון איין ארט צו דעם אנדערען.

זי איז געשטאנען אין אפענעם פענסטער און זיך איינגעהערט אין דעם געפילדער פון דער שטאדט. דאס מעטאל־קלינגענדיגע גע־

שרייַ פון די קינדער האָט זיך געפלאָכטען אין דעם הייזעריגען רעשען פון די אויטאָמאָבילען, און די טראַמוואַיען האָבען אזוי ווי אריבער־געשריגען מיט זייערע שטאָלענע גלעקער, דאָס געקלאַפּעריי פון באַן־רעדער וואָס איז אַנגעלאָפען פון ווייטען.

דאָס שמאָלע פענסטער פון איהר שטיבעל איז געוועזען אָפען קעגען דער מעריב זייט פון הימעל. און דורך אַ שניט פון צווישען צוויי הויכע הייזער האָט דאָס מיידעל געזעהן אַ פּאַס פון דעם האָ־ריזאָנט.

אין דעם ווייטען האָריזאָנט האָט זי געזעהען הויכע פיער־עקע־כיגע טורעמס מיט קליינע פענסטערלאַך און קיילעכיגע קופּאָלען מיט שפּיצען.

און איבער די פלאַטשיגע איינטאָניגע דעכער און איבער דער שטאָדט זיינען געפלויגען ווייסע טויבען.

צוואָרפענע בינטלאַך מיט ווייסע טויבען זיינען געפלויגען אין דער הויך, זיך אַנגעשלאָגען איינער אין דעם אַנדערען, פאַרפלויגען ווייט, ווייט ביז צו דעם הימעל און געוואָרען אזוי ווי קליינע פּינטאַ־לעך און באַלד זיך אומגעקעהרט און זיך אַראָפּגעשאָטען אויף די דע־כער אזוי ווי איינער וואָלט מיט אַ האַנד געוואָרפען שטיקער שנעע.

און אַ קעגען אויף אַ דאַך שטעהט אַ בחור מיט אַ לאַנגען שטע־קען אין זיינע הענט, פיהרט מיט דעם שטעקען אַראָפּ און אַרויף און טרייבט די טויבען, אז זיי זאָלען ווייטער ערגעץ אַוועקפליהען, אז זיי זאָלען זיך גוט דורכפליהען און אויסליפטערען זייערע פליגלען איידער די זון געהט אונטער. )

דאָס פּנים פון דעם בחור איז אינגאַנצען רויט פאַרפלאַמט און ווען ער הויבט אויף זיין האַנט מיט דעם שטעקען, צעפליהען זיך די טויבען.

פאַרוואָס טרייבט ער די ווייסע טויבען אַוועק פון דאַך ?

ווייסע טויבען וואָס ברענגט איהר פון די ווייטע הויכען ?

ווייסע טויבען, איהר האט פליגלען, פארוואס, פליהט איהר ניט אוועק ?

נארישע, ווייסע טויבען קומען צופליהען צוריק פון אזוינע ווייטע הויכען און שיטען זיך אראפ אזוי ווי שטיקער שנעע, אויף די פלאכע איינטאניגע דעכער.

עס איז זומער פארנאכט. די זון האלט שוין ביי דעם פוס פון דעם אויסגעבויגענעם גרויסען בארג, דעם הימעל, וואס הייננט אי־בער דער שטאדט, איבער די פלאכע דעכער.

די ווייסע טויבען פליהען אין דער הויך און אין זייערע ווייסע פליגלען שלאגט זיך אפ דאס רויטקייט פון דער זון.

ברייגגען די ווייסע טויבען פון די ווייטע הויכען שטראהלען פון דער זון אויף זייערע פליגלען. שטעלען זיך אוים ארום די זוימען פון דעם דאך, טרייסלען אראפ דעם שטראהלען שטויב פון זייערע פליגלען. פאלען שטראהלען אויף דער גאס אראפ. כאפען קינדער די שטראהלען פון דער פארגעהענדער זון און לויפען ארום איבער דער גאס און שרייען מיט זייערע מעטאלענע, קלינגענדע קולות.

די פרייד פון דער גאס הויבט זיך אויף צו די ווייסע טויבען און זיי פליהען אוועק מיט דער פרייד אין די ווייטע הויכען.

איצט ווייסט שוין דאס מיידעל, פארוואס די ווייסע טויבען פליהען אוועק און קומען צוריק אראפ פון די ווייטע הויכען.

דאס מיידעל לויפט אריין צו דער באלעבאסטע אין הויז טוט א כאפ ארויס דאס קינד פון דער וויעג און טראגט עס אוועק צו דעם אפענעם פענסטער, האלט דאס קינד א קעגען דעם הויכען בלא־ הען הימעל. אז עס פליהען פארביי אין דער הויך די ווייסע טויבען, עפענט דאס קינד זיינע אויגען אזוי גרויס ווי עס קען נאר, און רייסט נאך די אויגען, נאך דעם בינט ווייסע טויבען. פארפליהען די טויבען ווייט, הויבט דאס קינד אן צו וויינען. קומען זיי, די ווייסע טויבען, צעפליהען צוריק און אין די אויגען פון דעם קינד

בלייבען שטעהען די טרערען, אזוי ווי טראפּענס טוי אויף גראז, און דאָס קינד הויבט זיך אָן צו פרעהען.

ב.

איינמאָל, עס האָט געמוזט זיין זעהר שפּעט ביינאכט, ווייל די גאַנצע שטאָדט איז שוין געווען אזוי שטיל, האָט זיך דאָס מיידעל אויפגעכאפּט פון איהר לייכטען שלאָף און דערהערט אז דאָס קליינע קינד, פון איהרע באַלעבאַטים, וויינט.

דאָס קינד, האָט געוויינט מיט אזוי פיעל ביטערקייט, אז זי האָט ניט געקענט איינליגען אויף איהר בעט. איז זי אראָפּ פון בעט גע־כאפּט אויף זיך א לייכטען הויז־מאַנטעל און אריין אין דעם צימער וואו דאָס קינד איז געלעגען.

אין א גרויסען ברייטען בעט זיינען געלעגען פאָטער און מוטער און שווער געשלאָפען. זייערע נשמות האָבען געמוזט זיין זעהר אין ווייטע הויכען, האָבען זיי ניט געקענט פארנעמען דאָס געוויין פון זייער קינד און עס קאָן זיין אז דאָס האָט געהאט צו טאָן מיט דעם, וואָס זיי זיינען ביידע געווען טויב שטומע.

דאָס מיידעל איז צוגעגאַנגען צו דעם וויגעל, וואו דאָס קינד איז געלעגען אויפגעדעקט און געבריקעט מיט די הענט און פיס־לאך און געהויבען און געדרעהט מיט זיין גאַנצען קליינעם וועזען און ביטער געוויינט.

זי האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט. געטוליעט צו זיך און מיט איהם אָנגעהויבען ארומצוגעהען איבער דעם הויז.

דאָס קינד האָט אביסעל געשוויגען, גענאָרעט זיין קליינעם קאָפּ צו דער מיידעל׳ס ברוסט. און באַלד ווייטער אָנגעהויבען צו וויינען.

דאָס מיידעל האָט אריינגעלעגט א פינגער אין קינד׳ס מויל. דערפיהלט א ווארימקייט פון דעם וואָס דאָס קינד האָט מיט זיינע נאַקעטע, ווייכע יאַסלעס געביסען איהר פינגער.

דאָס קינד האָט אוועקגעכאפּט זיין מויל פון דער מיידעל׳ס פינ־

גער און איצט ערשט אנגעהויבען צו וויינען, אז עס האט זיך גע־שפאלטען דעם מיידעל'ס הארץ.

וואס טוט מען ?

וועקען די מאמען.

זי קען זי ניט וועקען, איינמאל, דערפאר וואס די מאמע איז א טויב שטומע וועט זי סיי ווי ניט הערען ; צווייטענס, דערפאר וואס די מאמע מיט דעם פאטער שלאפען אין איין בעט.

דאס מיידעל האט אויפגעקנעפעלט דאס נאכט העמד ארויס־גענומען א ברוסט און עס אריינגעלעגט צו דעם קינד אין מויל אריין.

דאס קינד האט געביסען מיט זיינע ווייכע יאסלעס די דאזיגע ברוסט, אפגעלאזט זי, געוויינט און ווייטער מיט זיין קאפ זיך גע־נארעט און אנגעכאפט די ברוסט מיט זיינע ליפען און אנגעהויבען צו זויגען.

דאס מיידעל האט דערפיהלט אז דאס גאנצע הארץ איהרס געהט ארויס פון דער ברוסט אין קינדס מויל אריין. האט זי ניט געקענט ניט זיצען, ניט שטעהען איז זי אזוי ארומגעגאנגען מיט דעם קינד אין איהרע ארעמס.

ביז דאס קינד איז איינגעשלאפען געווארען און אפגעלאזט די ברוסט.

דאס מיידעל האט דאס קינד אוועקגעלעגט, זעהר מוטערליך און פאמעליך, צוריק אין וויגעל און איז אוועק צו זיך אין צימער זיך אויך אריינגעלעגט אין בעט אריין, געפיהלט אז איהר פנים פלאמט, זיך אליין פאר זיך פארשעהמט און ניט געקענט איינשלאפען.

אז זי האט שוין געהאלטען אויף דער שוועל פון שלאף האט זיך דאס קינד ווייטער אויפגעכאפט מיט א געוויין.

איצט איז דאס געוועזען עפעס א מאדנער געוויין.

דאס מיידעל האט זיך דערשראקען, איז אראפ פון בעט, אריינ־געלאפען צו דעם קינד. דאס קינד האט זיך געווארפען אהין און

אהער אין זיין וויעגעל, אזוי שטארק אז דאס וויגעל האט זיך גע־שאקעלט.

דאס מיידעל האט אנגעצינדען דעם גאז לאמפ.

די פליצלעכע שיין פון דעם לאמפ האט געטאן א ברען אין די אויגען פון טאטע מאמע. זיי האבען זיך ביידע אויפגעכאפט מיט גרויסע שטארע אויגען.

דאס מיידעל האט דער מוטער אנגעוויזען, אז דאס קינד וויינט און אליין איז זי א פארשעהמטע אוועק אין איהר צימער.

דאס קינד האט געוויינט מיט א הילצערנעם, הייזעריגען יאמער און ניט אויפגעהערט, אזוי ווי שלאנגען וואלטען דאס קינד געביסען.

די שטימע מוטער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן. זי האט ארויסגערופען דאס מיידעל, געמאכט מיט די הענד און געפלאכטען מיט איהרע פינגער און דאס קינד האט אזוי געשניטען מיט זיין געוויין.

מען האט אויפגעוועקט שכנים. געלאפען נאך א דאקטאר. אנ־געצונדען אין אלע צימערען די גאז־לאמפען.

דער דאקטאר איז געקומען נאך א לאנגען פיינליכען ווארטען מיט פארשלאפענע קליינע אויגען, באטראכט דאס קינד ארומגע־טאפט זיינע אלע גלידער. דאס קינד האט שוין נאר שטיל גע־קרעכצט, פון צייט צו צייט נאר אויפגעציטערט און געטאן א קוויטש.

צו דער מיידעל האט דער דאקטאר געזאגט:

— עס זעהט אוים אז די שטומע מוטער האט דאס קינד מיט עפעם פאר'סמ'ט, און עס איז שוין פארפאלען.

דאס מיידעל האט געטאן א הויב איהרע הענט זיך אנגעכאפט ביי די האר און איז אוועק אין דעם קליינעם שטיבעל. געעפענט דאס פענסטער, א בליץ געטאן אויף דער שטילער פינסטערער נאכט, דערזעהן ערגעץ ווייט אין פינסטערען האריזאנט ווי א ליכט האט אויף א טורעם געצאנקט.

א בויג געטאָן איהר קאָפּ אין אָפענעם פענסטער.
ווייסע טויבען פליהען אין די ווייטע הויכען, שווינדלען אין די אויגען.

עס האָט זיך דערהערט א קוויטש. נאָכדעם האָט עפּעס א שטומ־פּיגע, שווערע זאַך זיך אָפּגעשלאָגען אין דער שטיינערנער גאס.

# מאכט ניט קיין רויש

נאכדעם, ווי דאס מיידעל האט זיך ארויסגעפּלאָנטערט פון דער נעץ, פון טראַמוואַיען און סאַבוויי־באַהנען, אין וועלכע זי האט זיך אומבאוואוסט אליין פארדרעהט, איז זי א צוטומעלטע ארויס פון דער אונטערערדיגער סטאנציע, דערשמעקט די קיהלע, ביינאכטיגע לופט, זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען ; ניט געוואוסט אין דער מינוט, מיט וועלכער זייט פון גאס זי באדארף געהן א היים.

און אזוי, ווי זי איז אזוי געשטאנען, איז אומבאמערקטערהייט, נעבען איהר אויסגעוואקסען א יונגערמאן, פיין באקליידעט און מיט א שטעקען אין זיין האנד.

דער ראזיגער שווארץ־פּאלירטער שטעקען אין די הענד פון דעם אומבאקאנטען יונגערמאן, איז דער מיידעל שטארק געפעלען.

זי האט זיך גאר ניט בערשראקען און אפילו ניט געזאגט עפּעס אנטקעגען דעם, ווען דער יונגערמאן האט אנגעבאטען, אז ער וויל זי אפּפיהרען א היים.

פארקערט, זי האט איהם דערצעהלט, ווי אזוי זי קומט אהער אזוי שפּעט אין אווענד, און אויך געזאגט, וואו זי וואהנט מיט איהר פאטער און מוטער. איהם גוט אנגעקוקט, און אזוי פיעל, וואס זי האט נאר געקענט זעהן אין דער דונקעלקייט פון דער שפּעטער נאכט, האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז דער יונגערמאן איז א גוטער און אויך פון אן איידעלער פאמיליע.

זי איז אליין ניט געוועזען אזוי פיעל געלערנט, אבער זי האט פארמאגט איהרע אייגענע צייכענס, מיט וועלכע צו דערקענען א מענשען. און צו זיין זיכער ביי זיך, האט זי צו דעם יונגענמאן א זאג געטהאן אזוי פון דער זייט :

— איך וואָלט אזוי ווייט פון דאנען. עס וועט פאַר אייך זיין שווער מיך אָפּצופירן און נאָכדעם אליין צוריק גיין.

דער יונגערמאן מיט דעם שוואַרץ־פאַלירטן שטעקן האָט אַ שמייכל געטאָן, דאָס מיידל אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט:

— איך וועל אייך אָפּפירן אַ היים. צוריק וועט איהר מיך אונטערפירן, און נאָכדעם וועל איך אייך ווייטער באַלייטן אַ היים, און אזוי ווייטער, ביז —

דאָס מיידל האָט זיך דערפון געזונט צולאַכט און זיך נעהנטער צוגעטוליעט צו איהם, דערפילט, אַז דער יונגערמאן האַלט זי שטאַרק אַרום איהר לינקען אָרם.

— אזוי וויל איך ניט — האָט זי געזאָגט און אַרויסגעשלעפּט איהר אָרים פון זיין האַנד, און מיט דער קליינער, ווייכער, האַנד איהרער אַרומגענומען זיין אָרים — נאָר אַט אזוי.

זיי האָבן זיך באַלד אַריינגעדרעהט, ביי דעם ראָג, אין אַ שמאָלער גאַס, וועלכע איז געווען ניט זעהר שטאַרק באַלויכטען, און פון ביידע זייטען זיינען געלאָפען אין גלייכע שורות בוימער מיט שעהנע, רונדע, באַצווייגטע קעפּ.

די נידריגע, שטיינערנע הייזער, פון דעם פּאַסאַזש, וואָס אַ פאַר־שטאָדט בויט, כמעט איינע גלייך צו דער אַנדערער, זיינען געווען פינסטער און געהיימניספול. אַמוועניגסטען האָט זיך דער מיידעל אזוי אויסגעוויזען, אַז אַט ביי דעם בלינדען פענסטער שטעהט אַ מענש און קוקט זיי נאָך, און אַט דאָרט, ביי יענער טיר, שטעהען צוויי און רעדען, אין דער שטיל, וועגען זיי.

זי האָט זיך אויסגעדרעהט און געקוקט אַרונטער, און צוריק־געכאַפּט איהר קאָפּ און געפּרובט זיך צו באַהאַלטען אין דעם שאָ־טען פון איהר באַגלייטער.

— וואָס האָט איהר אזוי מורא ? — האָט דער יונגערמאַן זי שוין אַרומגענומען מיט איין האַנד אַרום איהר פּלייצע און דערפילט

די ווייכקייט פון דער מיידעל׳ס ביינער, און אויך די ווארימקייט, וואס איז פון דער מיידעל׳ס פלייצע אין זיין האנד אריינגעשוואומען.

— איהר זאלט מיט מיר זיין אזוי זיכער, אזוי ווי ביי זיך אין דער היים — האט ער געזאגט און געצערטעלט דאס מיידעל מיט דעם בליק פון זיינע אנגעצונדענע אויגען.

אין דער דונקעלהייט פון דער טיפער נאכט האט דאס מיידעל אויסגעוויזען ווי אן אויסגעגאסענע פון בראנז. איהר פנים איז גע־ווען אביסעל באהאלטען אין א הוט, פון דער פארעם פון א קיי־לעכדיגען קוישעל. און איהרע אויגען האבען פון אונטער דעם דא־זיגען הוט ארויסגעקוקט, ווי צוויי גליהענדיגע קוילען, און פון איהר קליינעם מויל האבען געשיינט ווייסע קליינע ציינער.

זי איז געוועזען פון דעם מין פרויען, קליינע מיט רונדע, ווייכע גליעדער.

דער יונגערמאן, האט זיי, דעם דאזיגען מין פרויען, נאך ווינ־ציג געקענט צווישען זיינע באקאנטע האט ער עפעס אלע מאל נאר באגעגענט הויכע און שלאנקע, אדער מיטעלוואוקסיגע און פעטע. איצט האט איהם דער צופאל געבראכט אזוינע, פון וועלכער ער האט תמיד פאנטאזירט.

דערווייל זיינען זיי אזוי געגאנגען איינגעפלאכטען איינס אין דאס אנדערע, אפשלאגענדיג אין דער שטומער גאס דעם הילך פון זייערע טריט.

— איך וויל אראפנעהמען די שיך פון מיינע פיס — האט דער יונגערמאן האלב געפרעגט און האלב ווי באפוילען — און איהר נעהמט אראפ אייער הוט.

ער האט זיך באלד אפגעשטעלט, זיך איינגעבויגען און אראפ־געצויגען זיינע שיך.

— וועלען מיינע טריט אזוי ניט קלאפען אין דער נאכט — האט ער שטיל געשמייכעלט. זי האט גאר ניט געזאגט, נאר אויפ־געהויבען איהרע קליינע הענד און אראפגענומען דעם הוט.

— אַט אַזוי — האָט זיך דער יונגערמאַן געפּרעהט — איך וויל זעהן אייערע האָר, האָ, שוואַרצער פון סמאָלע זיינען אייערע האָר.

דאָס מיידעל האָט זיך שטאַרק צעלאַכט:

— מיינע האָר זיינען גאָר בלאָנד.

— בלאָנד, זאָגט איהר, נאָ דאָס איז אַ וויץ אויף מיין חשבון. און אויב איך וועל אייך זאָגען, אַז איך האָב פיינט בלאָנדע האָר, זאָלט איהר דאָס ניט נעהמען אויף אייער חשבון.

— מיר האָבען זיך נאָר באַדונגען, אַז איהר זאָלט מיך אָפּפיה־רען אַ היים — האָט דאָס מיידעל געענטפערט, אויסדרעהענדיג זיך מיט איהר פּנים צו איהם — אָבער...

ער האָט מיט איין האַנד זי פעסט ארומגענומען און צוגעצויגען צו זיך, און מיט דער אַנדערער האַנד האָט ער זיינע פינגער צוגע־לעגט צו דער מיידעל'ס מויל און זי ניט געלאָזט מעהר ריידען.

דאָס מיידעל האָט איהם מיט די קליינע ציין אַ לייכטען ביס געטאָן אין זיינע פינגער. ער האָט דערפיהלט אַז אַ וואַרימקייט לויפט דורך זיינע פינגער.

דערפאַר בויגט ער זיך און בייסט זיך אריין אין דער מיידעל'ס האָר. ווערט פאַרשעמט, זיין פּנים פלאַמט און בריהט.

דאָס אָבער, וואָס דאָס מיידעל פאַרבאַהאַלט זיך אַזוי טיף אין איהם, גיט דעם יונגענמאַן נאָך מעהר קוראַזש, און ער קושט זי אין די אויגען, מיט זיינע גראָבע ליפּען גראָבט ער זיך אריין אין איהרע אויגען.

דערנאָכדעם זיינען זיי אַזוי געגאַנגען ביידע אַ שטיק וועג. עס האָבען זיך געצויגען לאַנגע גאַסען, שטומע און געהיימניספולע. זיי זיינען ביידע אויך געוועזען אַזוי שטיל און ער האָט געטראָגען זיינע שיך, פאַרוואָרפען איבער זיין שטעקען, אויף איינעם פון זיינע אַקסלען. דעם מיידעלס הוט האָט געהאַנגען אויף דעם שפּיץ פון שטעקען. דאָס האָט געמאַכט דעם יונגענמאַן צוויי מאָל אַזוי הויך, ווי דאָס מיידעל, וועלכע האָט אַזוי ווי געהאַנגען אויף זיין אָרים.

פון צייט צו צייט האט זיך א פויגעל ערגעץ אויף א בוים דער־שראקען און איבערגעפלויגען אויף אן אנדער בוים.

זיי זיינען אנגעקומען צו אן אפענעם, קליינעם פעלד.

— אט באלד איז מיין היים — האט דאס מיידעל שטילער־הייט געזאגט.

דער יונגערמאן האט דערפיהלט, אזוי ווי עפעס א שווערע זאך איז מיט א רים אראפגעפאלען ביי איהם אין הארץ.

— איך וועל אויך אראפנעהמען מיינע שיך — האט דאס מיידעל געזאגט זעהר שטיל. — איך וויל זיך אריינכאפען צו אונז אין הויז, אז קיינער זאל ניט הערען.

זי האט זיך פאוואלינקע ארויסגעריסען פון זיינע הענד, און נאכדעם, וואס זי האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, איז זי אוועק פון וועג צו דעם ליידיגען פעלד.

ער איז געבליבען שטעהן א צעמישטער, אזוי, אין זיין גאנצער לענג, מיט דעם שטעקען פארווארפען איבער זיין אקסעל. פון אנ־פאנג האט זיך איהם געדאכט, אז זי איז אנטלאפען פון איהם. ער האט זיך פארשעמט און געפיהלט, ווי עס ציטערט אין איהם זיין בלוט.

אבער אז ער האט זיך דערמאנט אין איהר הוט אויף זיין שטעקען און אויך דאס, וואס זי האט זיך אויף דעם ליידיגען פעלד אוועקגעזעצט, האט ער זיך נאך א מאל געפונען און איז אין דער גיך צו איהר צוגעגאנגען.

דאס פעלד איז באוואקסען מיט ווילדע גראז.

די גראזען זיינען פייכט פון דעם ביינאכטיגען טוי.

זיינע פיס האבען זיך געקיהלט אין טויאיגען גראז. ער האט געפיהלט, ווי זיינע ביינער ציהען אין זיך אריין דעם זאפט פון די דאזיגע גראזען. ער איז צוגעשפרונגען צו דעם ארט, וואו דאס מיי־דעל איז געזעסען אויף א שטיין.

דער שארף צווישען די הויכע, ווילדע גראזען און הער קלאנג,

וואס זיין שפרונג האט אפגעשלאגען פון דער ערד ארויס, האבען דאס מיידעל דערשראקען.

זי האט מיט איהר קליינער האנד איהם געוויזען א צייכען, אז ער זאל זיך אוועקזעצען און אויף די דאזיגע האנד צו איהר מויל צוגעטראגען און געמורמעלט, אז ער זאל ניט מאכען קיין רויש.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד. זי האט צו איהם אויסגעשטרעקט איין פוס. ער נעהמט איהם אין זיינע הענד, גלעט דעם קליינעם שוך. די לעדער איז אזוי צארט און ווייך. און די ווארימקייט פון דער מיידעלס ביינער שפריצט דורך דער ווייכער לעדער, פון דעם קליינעם שוך. זיינע הענד הויבען אן ציטערען. ער קושט איהר קליינעם שוך און פיהלט, ווי דער שארפער ריח פון לעדער קריכט איהם אין האלז אריין.

זי הויבט אויף איהר קליינע האנד, ווייזט איהם א צייכען מיט א פינגער.

ער קנעפעלט אויף דעם שיך, שלעפט איהם אראפ, און גלעט זיינע באקען אוים מיט דעם ווארימען זאק.

נאכדעם, אז ער האט אויסגעטהאן איהר אנדערען שוך, איז דאס מיידעל אויפגעשטאנען פון שטיין און אנגעהויבען צו געהן, שארכענדיג אין די טיפע גראזען.

ער געהט נאך הארט פון אונטען, הויבט זיינע הענד, וויל זי א כאפ טהאן. און זי, אזוי ווי זי וואלט דאס געוואוסט, שטעלט זיך ניט אפ און געהט אזוי, אז ער זאל זי ניט קענען אנכאפען.

און אז זיי זיינען נאכדעם צוגעקומען צו דער הויז, וואו דאס מיידעל האט געוואהנט מיט איהרע עלטערען, האט זי זיך אומגעקעהרט צו איהם און אויסגעשטרעקט איהר האנד.

ער האט גענומען די דאזיגע קליינע האנד, זי זעהר שטארק און צארט געדריקט.

זי האט געזאגט אזוי:

— פאר היינט איז גענוג. אויב איהר וועט קומען מארגען,

ווען מיר זעהן. איצט בעט איך אייך, געהט אוועק און מאכט ניט קיין רויש...

# דער פּאַראַליזירטער

אין דער ערשטער אָפּטיילונג, אין דעם מזרח ווינקעל פון דעם שפּיטאָל פאַר פּאַראַליזירטע אינוואַלידען, איז געלעגען אַן אַלטער מאַן, איינער אַליין אין אַ קליינעם צימער.

ער איז געוועזען פּאַראַליזירט אויף אַלע זיינע גלידער, ניט געקענט ריידען, מיט זיינע קליינע, בלאַהע אויגען האָט ער געקוקט אַזוי ווייט אַרום זיך וויפיעל עס איז פאַר איהם געוועזען מעגליך צו קוקען, ווייל ער האָט מיט זיין קאָפּ ניט געקאָנט דרעהען, ניט אַהין און ניט אַהער. דערפאַר האָט ער אָבער וואונדערבאַר גע־הערט.

און כאָטש זיין מח, האַרץ, לונגען און זייזמאַגען, זיינען ניט געוועזען נאָרמאַל, פונדעסטוועגען האָבען זיי, צו דער באַוואונדע־רונג פון די דאָקטוירים, פּאַרט זיך באַוואויגען און געטאָן זייער פון אויביג אָן באַשטימטע אַרבייט.

אויף דעם ווייסען קליינעם בעט איז דער אַלטער געלעגען ווי אַ לאַנגער, ביינערדיגער שוין פון לאַנג טויטער מענש, איינגעדעקט מיט אַ ווייסער קאָלדרע, טאָג אַזוי ווי נאַכט.

מען איז ניט געקומען איהם באַזוכען, אַזוי ווי אַנדערע קראַנ־קע, מען האָט צו איהם ניט געשריבען קיין בריעף.

אָט אַזוי איז ער איינער אַליין געלעגען. האָט ער זיינע בלאַהע אויגען געהאַלטען צוגעמאַכט, איז ער דאַמאָלט געשלאָפען, האָט ער זיינע בלאַהע אויגען געהאַלטען אָפען, האָט דאָס געהייסען, אַז ער שלאָפט ניט.

די „שוועסטער" וואָס האָט צו דעם דאָזיגען אַלטען מאַן זיך אָפּגעגעבען, האָט איהם אויך געגעבען עסען, געהאָדעוועט און אָנ־

געטרינקען מיט וואסער עטליכע מאָל אין טאָג. וואסער האָט זי איהם געגעבען טרינקען דורך אַנאויסגעבויגענעם גלעזערנעם רערעל.

די „שוועסטער“ האָט איהם זעהר ליב געהאט און ארויסגעוויזען איהר מוטערליכקייט מיט דעם וואָס זי האָט ווען עס איז ניט, איהם געטאָן א קניפּ אין דער געלער הויט פון זיין פארטריקענט און באוואקסען, מיט גרויהע האָר פּנים.

דער אלטער מאַן האָט נאָר אלעמאָל געוואָלט, אז די „שוועסטער“ זאָל שטעהען ביי דער לינקער זייט פון זיין בעט, צי דערפאר, וואָס עס איז ביי איהם געוועזען אזא קאַפּריז, צי דערפאר, וואָס ער האָט אפשר זי בעסער געקאָנט זעהען.

טאָמער האָט די „שוועסטער“ פארגעסען און זיך אוועקגעשטעלט ביי דער רעכטער זייט פון זיין בעט און איהם אָנגעהויבען צו האָדעווען, האָט ער דערפאר ניט געוואָלט עפענען זיין מויל. די „שוועסטער“ האָט געהאלטען דעם לעפעל מיט געקעכץ ביי זיין מויל און ער האָט ניט געוואָלט עפענען דאָס מויל. פלעג זיך שוין די „שוועסטער“ דערמאָנען, זיך אויסבויגען און זיך טאָן א צעלאָף און איבערגעהן אויף דער לינקער זייט פון בעט.

דער אלטער האָט דעמאָלט געטאָן א פינטעל מיט זיינע בלאָהע אויגען און אויפגעעפענט זיין מויל מיט די נאקעטע יאסלעס און געווארט אז די „שוועסטער“ זאָל אהין אריינגיסען דעם לעפעל געקעכץ.

די טעג, וואָכען און יאָרען זיינען געשטאַנען אזוי ווי פּאראַליזירטע, אזוי האָט זיך דעם אלטען געדאכט, און זיך גאָר ניט גערירט פון אָרט. ווייל, וואָס איז איהם געוועזען דער ליכטיגער טאָג אָדער די בלינדע נאכט ?

די גרענעצען פון זומער און ווינטער האָט ער אָפּגעטיילט מיט זיין געהער, דאָס הייסט : אז ער האָט געהערט אז די פויגעל זינגען האָט ער געוואוסט אז עס איז זומער אוןאז ער האָט געהערט, אז

די פויגעל האבען שוין ניט געזונגען, האט ער געוואוסט אז עס מוז שוין זיין ווינטער.

ווי געזאגט, איז זיין געהער געווען וואונדערבאר. צי ער האט געהערט דונערען, אדער דעם ווינד בלאזען, אדער דעם רעגען פאר־טשען אין די שויבען, אדער דאס געזאנג פון אלערליי פויגעל, אדער דאס פייפען פון א וויימען באן, האט עס דעם אלטען פאראליזיר־טען, ניט אזוי באנעמען ווי עס פלעג איהם א נעם טאן, ווען ער האט גאנץ פרי דערהערט די טריט פון דער „שוועסטער", איבער דעם קארידאר פון שפיטאל.

ווארים באלד האט ער געוואוסט, וועט זיך אנהויבען דאס שפיל, פון איבערבעטען דאס בעט, אנציהען ליילעכער און ציכען. און זי וועט איהם אנטאן א נייעם שלאף ראק. די „שוועסטער" האט דאס געטאן אזוי גיך, איהם געקייקעלט אהין און אהער, אז עס איז ביי איהם געווען א שפיל.

איינמאל, נאכדעם, ווי עס האט דער רעגען א גאנצע נאכט ווי מיט בייטשען געקלאפט אין די פענסטער און אין דער פרי הא־בען די פויגלען אנגעהויבען צו זינגען, איז די שוועסטער גע־קומען צו שפרינגען מיט איהרע טריט, אזוי ווי א פויגעל, און דעם אלטען פאראליזירטען, מיט דער הילף פון נאך א „שוועסטער", אריינגעוויקעלט אין א נעץ און איהם אריינגעטראגען אין באד־צימער.

מיט דעם נעץ איהם אריינגעלעגט אין דער וואנע מיטווארעם וואסער.

ער איז געלעגען, דער אלטער ביינערדיגער מענש, אומבאר־וועגליך און זיך איינגעהערט צו דעם רויש פון וואסער וואס האט זיך געגאסען פון די קראנטען.

די „שוועסטער" האבען געווארט ביז די געלע הויט פון דעם ביינערדיגען מענש, האט זיך אביסעל איינגעוויקט. דערנאכדעם האבען זיי איהם מיט זייף און מיט א שוואם גוט אויסגעוואשען,

אראָפּגעריינינגט פון דער גערער הויט פאַרדאַרטע אַנגעוואַקסענע שטיקער. איהם ארויסגעהויבען מיט דער נעץ פון וואסער, געוואַרט ביז דאָס וואסער איז אָפּגערינען, אַריבערגעוואָרפען אויף איהם א ליילעך און איהם אוועקגעטראָגען אין זיין צימער.

דער אלטער האָט זיך דערפיהלט אזוי ווי א נייער, זיך גע־וואַלט איבערדרעהען אויף א זייט און ניט געקאָנט, צוביסלאַך האָ־בען זיך זיינע אויגען פאַרמאַכט און ער איז איינגעשלאָפען, פאַר־שלאָפען דעם מיטאג ווייל די „שוועסטער" האָט איהם ניט גע־וואָלט אויפוועקען.

אין אָוועגט האָט ער אויפגעמאַכט זיינע אויגען און דערהערט נייע אומבאַקאַנטע טריט נעבען זיין בעט.

אָט הערט ער טריט ביי דער רעכטער זייט פון זיין בעט און אָט הערט ער טריט ביי דער לינקער זייט פון זיין בעט.

און אין האלז וואַרגט. ער וויל א טרינק וואסער. פאַר וואָס ברענגט מען ניט קיין וואסער. מען דרעהט זיך ארום זיין בעט און מען וויל איהם ניט געבען א טרונק וואסער.

דער אלטער טוט א לאָז ארויס א רעווע פון זיין האלז, עפענט דאָס מויל מיט די נאַקעטע יאַסלעס, בלייבט ליגען אזוי מיט דעם אָפענעם מויל.

דער מאַן וואָס היט די קראַנקע א גאַנצע נאַכט, האָט דער־הערט דעם מאָדנעם רעווע פון דעם אלטען. איז ער אריין אין יענעם צימער. דערזעהען אז דער אלטער ליגט עפּעס אזוי ווי אַן אנדע־רער. אין דער גיך געבראַכט וואסער, געמורמעלט אין דער שטיל „גאָט, האָב איינזעהעניש" אריינגעשטעקט דאָס גלייזערנע רעריל אין דעם אָפענעם מויל פון דעם אלטען.

דער אלטער האָט ניט געטרונקען דאָס וואסער.

איז דער מאַן אוועק און געבראַכט דעם נאַכט דאָקטאָר און די נאַכט „שוועסטער".

דער דאָקטאָר האָט געטאָן א מאַך מיט דער האַנט, געהייסען

אוועקשטעלען די שפאניר ווענטלעך און אנגעזאגט דעם נאכט היי־טער, אז ער זאל היטען דאס דאזיגע צימער.

באלד האט זיך עס אנגעהויבען.

דער ביינערדיגער מענש האט געוואלט ארויסשפרינגען פון בעט. ער האט געוואָרפען מיט זיינע פיס אין דער הויך. און זיך אלע מאל אויפגעהויבען און צוריק אוועקגעוואָרפען זיך אין בעט.

אין האלז האט איהם געווארגען. ער האט געשריגען און גע־רעוועט, פאר וואס מען גיט איהם ניט א טרונק וואסער.

דערנאכדעם האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז מען האט איהם געבראכט צו א גרויסען טייך און אט באלד וועט מען איהם א ווארף טאן אין וואסער אריין, מען בינדט שוין אן שווערע שטיינער צו זיין קאפ און פיס.

ער האט זיך געטאן א ריס אויס פון זייערע הענט און וואס ער האט ווייטער געטאן האט ער שוין ניט געוואוסט.

גאר דער ביינערדיגער מענש האט זיך געווארפען אין בעט, ארויף און אראפ, זיינע קולות האבען אנגעהויבען צו ווערען וואס מאל שטילער, שטילער.

דער נאכט היטער האט אלע מאל ארייגעקוקט דורך דער אפענער טיר און געמורמעלט: „גאט, האב איינזעהעניש!"